STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01857

DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג בראַנדעס

די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נײַנצענטען יאָרהונדערט

באַנד 8

די ראָמאַנטישע שולע אין פראַנקרײַך

איבערזעצט פון

עקיבא ברוידעס

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
1921

Copyright, 1921
by
Max N. Maisel

די ראמאנטישע שולע אין פראנקרייך.

אינהאַלט.

קאַפּיטעל 1. — דער פּאָליטישער הינטערגרונד — — — — — — — 7

קאַפּיטעל 2. — דער דור פון 1830 — — — — — — — — — — — — — — 17

קאַפּיטעל 3. — דער ראָמאַנטיזם — — — — — — — — — — — — — 30

קאַפּיטעל 4. — שאַרל נאָדיעי — — — — — — — — — — — — — 52

קאַפּיטעל 5. — אַ בליק צוריק. — פּרעמדער איינפלוס — — — — — 69

קאַפּיטעל 6. — אַ בליק צוריק. — היימישע השפּעות — — — — 98

קאַפּיטעל 7. — דע ווינני'ס באַזיע און הוגא'ס „אָריענטאַלען" — 124

קאַפּיטעל 8. — הוגא און דע מוסעי — — — — — — — — — — 137

קאַפּיטעל 9. — דע מוסעי און זשאָרזש זאַנד — — — — — — — 160

קאַפּיטעל 10. — אַלפרעד דע מוסעי — — — — — — — — — — — 181

קאַפּיטעל 11. — זשאָרזש זאַנד — — — — — — — — — — — — 198

קאַפּיטעל 12. — באַלזאַק — — — — — — — — — — — — — — 238

1.

דער פּאָליטישער הינטערגרונד.

די ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפֿען געוואָרען אין פֿראַנקרייך אין די יאָהרען צווישען 1824 און 1848, איז וויכטיג און באַוואונ־דערונגסווערט. נאָך די איבערקערענישען פֿון דער רעוואָלוציע, די מלחמות פֿון דער אימפּעריע און דעם צושטאַנד פֿון אויסגע־מאַטערטקייט אונטער דער הערשאַפֿט פֿון לואי דעם אַכצעהנטען, איז אויסגעוואַקסען אַ יונגער דור, וועלכער האָט מיט גרויס חשק און ענטוזיאַזם אָפּגעגעבען זיינע כחות פֿאַר יענע העכסטע גייסטיגע טהעטיגקייטען, וועלכע זיינען אַזוי לאַנג פֿאַרנאַכלעסיגט געוואָרען. דורך דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע און די מלחמות פֿון נאַפּאָ־לעאָנען האָבען אַנדערע זאַכען, אויסער ליטעראַטור און קונסט, פֿאַרנומען די פֿראַנצויזישע יוגענד. די בעסטע כחות פֿון דער נאַציאָן זיינען פֿאַרכאַפּט געוואָרען פֿון דעם פּאָליטישען שטראָם, פֿון די מיליטערישע אונטערנעמונגען און פֿון דער ציווילער פֿאַר־וואַלטונג. יעצט אָבער איז מיט אַמאָל באַפֿרייט געוואָרען די גרויסע מאַסע אינטעלעקטועלע קרעפֿטען, וועלכע זיינען אַזוי לאַנג געווען פֿאַרבונדען.

די עפּאָכע פֿון די צוריק־אַרויפֿגעזעצטע בורבאָנישע קעניגע און פֿון דער יולי־מאָנאַרכיע קען באַצייכענט ווערען אַלס די צייט, ווען די בורזשואַזיע האָט זיך שוין גאַנץ בולט באַוויזען אויף דער היסטאָרישער ביהנע. די אינדוסטריעלע עפּאָכע אין דער געשיכטע פֿאַנגט זיך אָן מיט דעם פֿאַלען פֿון נאַפּאָלעאָן. ווען מיר באַ־טראַכטען בלויז פֿראַנקרייך, באַמערקען מיר, אַז די נייע פֿאַרטהייד־לונג פֿון דעם נאַציאָנאַלען אייגענטום, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט גע־מוזט, אַלס זיין עקאָנאָמישע אויפֿגאַבע, פֿאַרטהיידיגען געגען די

איבעריגע לענדער אין איירָאפּא, האָט אָנגעפאַנגען צו פּראָדוצירען איהרע נאַטירליכע רעזולטאַטען. די אינדוסטריען און דער מסחר זיינען באַפרייט געוואָרען פון אַלע באַגרענצונגען; מאָנאָפּאָליעס און פּריווילעגיעס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען; דאַס לאַנד, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרען פון די פּריצים און פון דער קירכע און איז אין קליינע חלקים אויסגעפּאַרקויפט געוואָרען פער אויקציאָן, איז יעצט געווען אין די הענט פון אַמווייניגסטענס צוואַנציג מאָל אַזוי פיעל איינענטימער ווי פריהער. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער פרייער, באַוועגליכער קאַפּיטאַל האָט אָנגעפאַנגען צו ווערן די באַוועגענדע קראַפט פון דער געזעלשאַפט און איז צוליעב דעם געוואָרען דער צוועק פון אינדיווידועלער טהעטיגקייט. נאָך דער יולי־רעוואָלוציע האָט די מאַכט פון רייכטהום צוביסלעכווייז אַרויס־געשטופּט די מאַכט פון יחוס און געצוואונגען אַפילו די קעניגליכע מאַכט איהר צו דיענען. די רייכע ווערען אַריינגענומען אין דעם קלאַס פון די הויכגעבאָרענע, זיי באַקומען די פּריווילעגיעס פון די פּריצים און מיט דער הילף פון דער קאָנסטיטוציע געלינגט זיי צו ציהען פאַר זיך אַלץ גרעסערע און גרעסערע פּראָפיטען פון דער מאָנאַרכיסטישער רעגירונגס־פאָרמע. אַזוי־אַרום ווערט דאָס געיעג נאָך געלד, דער קאַמף פאַר געלד און דער געברויך פון געלד אין גרויסע קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען דער עיקר, מיט וואָס יענע סאָציאַלע עפּאָכע צייכענט זיך אויס; און די דאָזיגע פּראָזאאישע גשמיות׳דיגקייט, וועלכע איז אַזאַ שטאַרקער היפּוך געגען דעם רעוואָלוציאָנערן און קריגערישען ענטוזיאַזם פון דער פריהערדיגער עפּאָכע, העלפט, אַלס געגענגעזעצטער הינטער־גרונד, צו שאַפען פאַר דער ליטעראַטור פון יענער צייט אַ ראָ־מאַנטישען, אידעאַליסטישען אָנבליק. נור איין באַריהמטער שרייבער פון יענער צייט, איינער פון די גרעסטע, באַלזאַק, האָט זיך ניט אָפּגעקעהרט מיט אַבשטויס פון דער עפּאָכע; גראָד די נייגעבאָרענע מאַכט פון קאַפּיטאַל, דעם נייעם הערשער פון דער מענשליכער נשמה — געלד, האָט ער געמאַכט פאַר דעם העלד פון זיינע גרויסע ראָמאַנען; די אַנדערע קינסטלער פון יענער צייט האָבען אין זייערע שאַפונגען זיך געהאַלטען אַזוי ווייט ווי נאָר מעגליך פון דער נייער ווירקליכקייט, כאָטש אויסזיכטען פאַר

מאַטעריעלע געווינסען זיינען גאַנץ אַפּט געווען דער קוואַל פון באַגייסטערונג אין זייער אַרבייט.

די יאָהרען צווישען 1825 און 1835, די מערקווירדיגסטע און פרוכטבאַרסטע עפּאָכע פון אַ ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט, זיינען אין פּאָליטישען זין געווען פאַרבלאָז און טונקעל. דער מיטעל־פּונקט פון דער עפּאָכע איז די יולי־רעוואָלוציע, אָבער די דאָזיגע רעוואָלוציע איז דער איינציגער בלוט־פלעק אויף אַ שטח, וואו אַלץ איז גרוי.

די ערשטע העלפט פון דעם צעהנדליג יאָהרען, פון 1825 ביז 1830, די צייט פון שאַרל דעם צעהנטען, איז געווען אַ צייט פון רעליגיעזער רעאַקציע. די דריי מיניסטעריומס — פון ווילעל, מאַרטינאַק און פּאָלינאַק — זיינען ניט געווען קיין דריי שטופען פון דער רעאַקציע, נור דריי סאָרטען שפּיעלען פון דעם זעלבען ניגון: „אַללעגראָ, אַנדאַנטע און אַללעגראָ פוריאָזאָ“. דורך דער צייט, וואָס ווילעל איז געשטאַנען אויף דער שפּיצע פון דעם מי־ניסטעריום, האָבען די יעזואיטען דערגרייכט כמעט אונבאַגרעניצטע מאַכט. די מאַנאַסטירען זיינען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען; די געזעצען וועגען פאַרשוועכען הייליגטהימער זיינען געוואָרען אַזוי שטרענג ווי אין מיטעלאַלטער, — פאַר באַרויבען אַ קלויסטער, למשל, האָט מען איינגעפיהרט טויט־שטראָף; אָרימעלייט האָבען ניט געקענט באַקומען קיין חלק פון די צדקות כל־זמן זיי האָבען ניט געהאַט קיין צייגניש פון גלח, אַז זיי האָבען זיך מתודה געווען פאַר איהם; און אין דעם יאָהר 1827 איז פאַרגעשלאָגען געוואָרן אַ געזעץ געגען דער פרייהייט פון דער פּרעסע, וועלכער האָט געהאַט דעם צוועק צו פאַרמאַכען די מיילער אַלע שונאים פון דער קירכע. די רעגירונג האָט דעם פאַרשלאַג געמוזט צוריקרופען צוליעב דעם, וואָס דער הערען־הויז איז געווען געגען איהם. די בירגערליכע מיליץ איז צוטריבען געוואָרען און די צענזור איז ווידעראַמאָל איינגעפיהרט געוואָרען; אָם ענדע, אין יאַנואַר 1828, האָט דער מיניסטעריום קאַבינעט געמוזט רעזיגנירען, וואָרים די מאַיאָריטעט אין פּאַרלאַמענט האָט געשטימט געגען איהם.

דער קאַבינעט, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די פּאַר־עקשנ׳טע קלעריקאַלען איז געווען מעהר נאָכגעבעריש. דער

מיניסטעריום פון מארטינאק האט געמאכט א שוואכען פארזוך צו פארקלענערען די מאכט פון די יעזואיטען, אבער דער פועל יוצא פון דעם איז געווען, אז דער קעניג האט זיך באנוצט מיט דעם ערשטען דורכפאל פון דעם קאבינעט אין פארלאמענט אום פטור צו ווערען פון איהם און צו באשטימען אויף זיין פלאץ א מיני־סטעריום מיט א מענשען, וועלכער איז איהם געווען מעהר צום הארצען, אלס דעם הויפט־מיניסטער. פאלינאק איז פריהער געווען געזאנדטער אין ענגלישען הויף. ער האט אנערקענט די מאכט פון דעם קעניג אלס די אבשפּיגלונג פון גאט'ס הערשאפט אויף דער ערד; ער האט געגלויבט (און אין דעם גלויבען האט איהם דער געקרוינטער יאקאבינער געשטיצט), אז גאט אליין האט פאר איהם באשטימט ער זאל צוריקקעהרען דער קרוין איהר אלטען גלאנץ. אבער זיין רעגירונג איז געווען אזוי פארהאסט, אז איהר איינציגער מיליטערישער ערפאלג, דאס איינגעהמען פון אלזשיריען, איז אין לאנד אויפגענומען געווארען זעהר קאלט און די פארשטארקטע אפאזיציע האט עס זאגאר אפען באדויערט. דאס פאנאנדער־לאזען פון דעם פארלאמענט האט געבראכט צו דעם, אז ניט קוקענ־דיג אויף די אויפרופען פון די גלחים און די בישאפס און דאס אריינמישען זיך פון דעם קעניג בכבודו ובעצמו, איז די אפאזיציע ווידער־ערוועהלט געווארען און באלד נאכדעם איז פארגעקומען די איבערקעהרעניש. נאך א קאמף אין די גאסען, וועלכער האט געדויערט דריי טעג, איז דער מיניסטעריום און צוזאמען מיט איהם דער טראהן פון די בורבאנען פארשוואונדען אין די כוואַ־ליעס פון דער פאלקס באוועגונג.

כאטש די ערשטע העלפט פון דעם צעהנדליג יאהרען איז אין פאליטישען זין געווען א צייט פון רעאקציע, האט זי אבער אין געזעלשאפטליכען און אין אינטעלעקטועלען זין געטראגען א גאנץ אנדער כאראקטער. ערשטענס האט די אונטערדריקונג גופא גע־שאפען א פארלאנג פאר מעהר פרייהייט. די בורזשואזיע און די פראפעסיאנעלע קלאסען, וועלכע האבען אם ענגדע מיט דער הילף פון די מאסען אין דער הויפטשטאדט און פון דער שטודירענדער יוגענד ארונטערגעשליידערט די קרוין פון די בורבאנען, האבען דורך דער גאנצער עפאכע אלץ מעהר און מעהר געפיהלט זיך

אונצופריעדען און זייער אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג איז פאַר־שטאַרקט געוואָרען. איינער פון די רעזולטאַטען פון דעם איז גע־ווען, אַז די ליטעראַטור, וועלכע איז, ווי די פּאָליטיק, לכתחילה פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם גייסט פון דער רעאַקציע געגען די לעהרען און די געשעהעענישען פון דער ענדע פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט און האָט זיך ענטוזיאַסטיש אָנגעכאַפּט אָן דעם קאַ־טאָליציזם, דעם מאָנאַרכיזם און דעם גייסט פון מיטעלאַלטער, האָט יעצט אינגאַנצען געענדערט איהר טאָן. דאָס וואָס שאַטאָ־בריאַן איז אַרויסגעשטופּט געוואָרען פון ווייעלס מיניסטעריום האָט געדיענט אַלס סיגנאַל. (זעה „הויפּט שטרעמונגען“, באַנד 3, זייט 350). אויסער דעם איז דער אינטעלעקטועלער לעבען פון יענע העכסטע געזעלשאַפטליכע קרייזען, וועלכע זיינען געווען די טאָן־געבער אין דער ליטעראַטור, געווען נאָר אויסערליך פאַרבונדען און פריינדליך מיט דער פּאָליטישער רעאַקציע.

פון איין שטאַנדפּונקט איז די רעסטאַראַציע אַ נאָכוועהעניש פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט אין דעם נייניצעהנטען, פון דעם יאָהרהונערט פון הומאַניזם אין דעם יאָהרהונדערט פון אינ־דוסטריאַליזם. פון דעם באַפּוידערטען הויף זיינען אַרויסגעקומען די העפליכע מאַניערען און גאַנגען, פון די סאַלאָנען פון די אַלטע פריצים זיינען אַרויסגעקומען די פרייע געדאַנקען וועגען מאָראַלע און רעליגיעזע פראַגען, מיט וועלכע דער אַכצעהנטער יאָהרהונדערט האָט אַזוי געשטאָלצירט. דאָס אַנערקענונג פון טאַלאַנט, — אין וועלכער פאָרמע ער זאָל זיך ניט אויסדריקען, — איז געווען איינער פון די שטאַרקע פונקטען פון דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע, וואָס די העכסטע קרייזען האָבען פאַרטהיידיגט און געשטרעבט צו פאַר־פעסטיגען; זיי האָבען באַרייכערט די ליטעראַטור און די קונסט מיט אַ פיעלזייטיגער קולטור און ענטוויקעלט פאַר זיי אַ גרויסע און ברייטע ליעבע. מען קאָן זאָגען, אַז די אַטמאָספערע, אין וועלכער די הויכע געזעלשאַפט האָט געלעבט און געווירקט, איז געווען דער גייסט פון טאָלעראַנץ און סקעפּטיציזם אין באַצוג צו רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען און אַ נאַטירליכע פרייהייט און דעליקאַטע גע־דולדיגקייט אין פראַגען פון מאָראַל; און קיין אַנדער אַטמאָספערע קען ניט זיין מעהר גינסטיג אָדער מעהר פרוכטבאַר פאַר אַ לי־

ט‌עראַטור, וועלכע האַלט אין וואַקסען. גלייך ווי די אונטערדריקונג און די רעאַקציע אין דעם פּאָליטישען לעבען האָבען פאַראורזאַכט דעם וואוקס פון ליבעראַליזם, אַזוי האָט אויך די קולטור פון דער בעסערער געזעלשאַפט מעגליך געמאַכט, אַז די ניט־פּאָליטישע ליטעראַטור זאָל פריי אויסדריקען די געפיהלען און די געדאַנקען פון דעם איינצעלנעם מענשען, פאַדערענדיג דערביי נאָר אַ געוויסע ראַפינירטקייט און אַ פאָלשטענדיגע פאָרמע. דאָס האָט געשאַפען פאַר דער ליטעראַטור זעהר אַ גינסטיגע לאַגע זי זאָל געבען דעם ערשטען שטויס צו אַ נייער אינטעלעקטועלער באַוועגונג.

די יולי־מאָנאַרכיע איז געגרינדעט געוואָרען, עס איז באַשאַפען געוואָרען די דריי־קאָלירענדיגע בורזשואַזע קעניגרייך און לואי פיליפּ האָט זיך אַרויפגעגנב'עט אויף דעם טראָהן, פאַרנעמענדיג אויף איהם דעם ניט־זיכערען פּלאַץ פון אַ קעניג דורך די גנאָדען פון דער רעוואָלוציע.

דורך די ערשטע פינף יאָהר פון זיין רעגירען האָבען זיך אַרויסגעוויזען די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון אַזאַ סאָרט הערשאַפט. ערשטענס, האָט געפעהלט ענטשלאָסענקייט און זעלבסטווירדע אין זיין אויסערליכער פּאָליטיק, וואָס איז אונפאַרמיידליך אין אַ מאָנאַרכיע, וואָס ווערט געשטיצט אויסשליסליך פון די וואָהל־האָבענדע מיטעל־קלאַסען. דער פאַרזיכטיגער שלום־ליעבענדער קעניג האָט גורם געווען פאַר פראַנקרייך איין ערנידערונג נאָך דער אַנדערער. אין די אינטערעסען פון אַלגעמיינעם פריעדען האָט ער זיך ענטזאַגט פון דער קרוין, וואָס די בעלגיער האָבען פאַרגעשלאָגען זיין צווייטען זוהן און צוליעב דער זעלבער אורזאַכע האָט ער אין דער שטיל ערלויבט, אַז עסטרייך זאָל דערשטיקען די רעוואָלוציעס אין איטאַליען, וועלכע דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט מיט רעכט באַטראַכט אַלס אַ פּועל־יוצא פון דער יולי־רעוואָלוציע. ער איז געווען אונפעהיג ניט צו דערלאָזען, אַז דער אויפשטאַנד אין פּוילען זאָל ווערען אונטערדריקט און דאָס פאַלען פון וואַרשאַ, וואָס האָט פאַראורזאַכט אמת'ן טרויער אין פראַנקרייך. דאָס לאַנד, אַלס איינע פון די גרויסמעכטע, האָט טעגליך פאַרלאָרען פּרעסטיזש און איינפלוס. און בנוגע צו אינערליכע אַנגעלעגענהייטען האָט די רעגירונג זיך געהאַלטען מיט ניט מעהר זעלבסטווירדע. דאָס

וואס די קעניגליכע פאמיליע פלעגט האלטען אין איין פאדערען מעהר געלד און דער פארלאמענט פלעגט כמעט שטענדיג איהר אין דעם ענטזאגען, האט געמאכט זעהר א מיאוס'ן איינדרוק.

פאר א קורצער צייט איז לואי פיליפ געוועזן פאפולאר, ער איז געוועזן פאפולאר אלס דער סאלדאט, וועלכער האט געקעמפט אין וואלמי און זשעמאפ, אלס דער בירגער־קעניג, אלס דער געוועזענער פארשיקטער און שול־לעהרער, וועגען וועמען לאפאיעט אליין האט געזאגט, אז ער איז „די בעסטע רעפובליק”. ער איז אבער ניט געוועזן פעהיג איינצוהאלטען זיין פאפולאריטעט, כאטש לכתחילת האט ער געזוכט זי צו געווינען. ער איז געוועזן א בענאבטער און בעצם א קלוגער מענש. זיין פאמיליען־לעבען איז געוועזן מוסטער־האפט; ער האט ליעב געהאט צו פארברייגען זיין צייט אין דער היים און האט זיך אויפגעפיהרט גאנץ לייטיש; זיינע קינדער האבען זיך געלערענט אין די עפענטליכע שולען; ער פלעגט, אנ־געטאן אין געוועהנליכע בירגערליכע קליידער און מיט דעם היס־טארישען רעגען־שירם אין האנט, ארומגעהן אהן שומרים אין די גאסען פון פאריז שטענדיג גרייט צו ענטפערען מיט א פריינדליך ווארט אדער מיט א האנט־דרוק אויף די באגריסונגען: „לעבען זאל דער קעניג!” אבער די בורזשואזע לייטישסייט, וועלכע ער האט ארויסגעוויזען, איז ניט געוועזן פון די מידות, וואס די פראנצויזען האבען אממעהרסטען געשעצט אין זייערע הערשער. דער אויסגע־שריי: „מיר ווילען הערשער, וועלכע פאהרען רייטענדיג!”, וואס מען האט אמאל א ווארף געטאן אין פנים אריין דעם קראנקפיס־יגען לואי דעם אכצעהנטען, דריקט אוים דעם סארט געפיהלען, וועלכע האבען געהאלפען ארונטערווארפען לואי פיליפ פון זיין טראהן.

און ווען לואי פיליפ פלעגט אפילו פאהרען רייטענדיג, האט ער געמאכט מיט דעם זעהר א קלעגליכען איינדרוק. אין יוני 1832, נאך איינעם פון די צאהללאזע אויפשטענדע אין פאריז, האט ער ערקלעהרט די שטאדט אין א בעלאגערונגס צושטאנד און האט ביי דער געלעגענהייט אויסגעמושטירט פופציג טויזענד פון דער מיליץ און פון די רעגעלע סאלדאטען אויףביידע זייטען פון בולוואר פאר א קעניגליכען איבערזיכט. דער קעניג איז ניט געפאהרען רייטענדיג אין מיטען פון דער גאס, נאר פריהער איז ער דורכגעריטען פארביי

דעם רעכטען זייט, פון דעם בולוואַר, וואו די בירגערליכע סאַלדאַטען זיינען געווען אויסגעשטעלט, אַרונטערבויגענדיג זיך די גאַנצע צייט פון זיין זאַטעל צו דריקען וואָס מעהר הענט, און צוויי שטונדען שפּעטער איז ער אין דעם זעלבען אופן דורכגעריטען פאַרביי דער ליניע פון די רעגעלע סאַלדאַטען אויף דער צווייטער זייט פון דעם בולוואַר. עס האָט אויסגעקוקט, אַז אַט־אַט צוברעכט ער זיך די זייטען. ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען אין שמייכלען; זיין דריי־עקיגער הוט האָט זיך אַרונטערגערוקט אויף זיין שטערען, וואָס האָט איהם צוגעגעבען אַ נעבעכדיגען אויסזעהן; אין זיינע אויגען איז געווען אַ בקשה'דיגער אויסדרוק, ווי ער וואָלט געבעטען אַ טובה מען זאָל איהם מוחל זיין דערפאַר, וואָס ער האָט זיי אַלע־מען געשטעלט אונטער באַלאַגערונגס־צושטאַנד. אַ שעהנע סצענע פאַר אַן עמפּפינדליכען עולם מיט אַ רייכע פאַנטאַזיע, פאַר אַן עולם, צווישען וועלכען עס זיינען געווען עלטערע מענשען, וואָס האָבען געזעהן נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט'ן פאַרביירייטענדיג „מיט זיין אויס־זעהן פון אַ סטאַטוע, מיט אַ האַלטען זיך ווי אַ צעזאַר, מיט אַ באַוועגלאָזען קוק און מיט הענט פון אַ הערשער, צו וועלכע קיינער האָט ניט קיין העזה זיך צוצוריהרען“. *)

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער קעניג האָט זיך שטאַרק געיאָגט נאָך פּאָפּולאַריטעט, איז צווישען דעם הויף און דאָס פאָלק געווען אַ גרעסערע מחיצה, ווי עס איז געווען צווישען דאָס פאָלק און דער רעסטאַרירטער מאָנאַרכיע. דער אַלטער פּריצישער קלאַס האָט זיך געהאַלטען פון דערווייטענס פון דעם נייעם הויף און עס איז געשאַפען געוואָרען אַ בולט'ערע אָבגעזונדערטקייט צווישען די פאַרשיידענע קלאַסען. מיט שנאה און מיט עקעל האָבען די גרויסע לאַנד באַזיצער צוגעקוקט ווי די מאַגנאַטען פון דער בירזע פאַר־כאַפּען די גאַנצע מאַכט. די אָנהענגער פון אַ „געזעצליכער“ ד. ה. פון אַ דינאַסטישער, מאָנאַרכיע און די העכערע בורזשואַזע קלאַסען, די שטאַאַטסלייט און קינסטלער, האָבען אויפגעהערט צו האָבען אַ מגע־ומשא מיט דעם הויף. איינער נאָך איינעם האָבען די סאַלאָנען

---

*) די אויסדריקע האָט געברויכט הענריך היינע, וועלכער האָט די סצענע בייגעוואוינט און געמאַכט דעם פאַרגלייך.

פון דער אַלטער מאָנאַרכיע זיך פאַרמאַכט און מיט זיי איז פאַר־שוואונדען דער פרעהליכער און דער פרייער לעבען פון דער „שעה־נער געזעלשאַפט". מיט דער אַלטער רעגירונגס פאָרמע זיינען אויך ניט־געוואָרען איהר כאַראַקטעריסטישע גלענצענדע עלעגאַנץ און געשמאַקפולע לייכטזיניגקייט; עס איז פאַרשוואונדען דער לעבע־דיגער וויץ און די באַצויבערענדע העזה׳דיגקייט פון די שעהנע דאַמען. אין דעם קרייז פון די רייכע באַנקירען, וועמען דער קעניג האָט פּאַטראָניזירט און דער קרוין פרינץ פלעגט, פאַר זיין חתונה, באַזוכען, האָט דעם פּלאַץ פון אַט די זאַכען פאַרנומען דער ענג־לישער ספּאָרט און דער קלובען־לעבען, אַ וואולגאַרישע איבערגע־בענהייט צו די תענוגים פון אַ גוטען מאָהלצייט און געשמאַקלאָזען רייכען לוקסוס. דער קעניג איז לכתחילה געווען אַ וואָלטעריאַנער און אין זיינע פאַמיליען־פאַרבינדונגען האָט ער ארויסגעוויזען אַ נייגונג צום פּראָטעסטאַניזם, אָבער וועלענדיג פאַר׳דאגה׳ן די זי־כערקייט פון זיין טראָהן האָט ער שנעל געביטען זיין פנים; ער האָט זיך ערנידעריגט (גאַנץ אומזיסט, ווי עס האָט זיך ארויסגע־וויזען) צו געווינען דעם חסד פון די גייסטליכע און דער הויף האָט אָנגעפאַנגען פיהרען אַ פרומען שטאַט.

אין דער זעלבער צייט האָט די בורזשואזיע אָנגעהויבען ארויס־ווייזען אַ האַלב־אונרוהיגע און האַלב־געמאַכטע פרומקייט, וועלכע האָט געשטאַמט פון איהר מורא פאַר דעם פערטען שטאַנד (די אַרבייטער. ע. א. ב.). צבוע׳צסטווע, וואָס די אַריסטאָקראַטיש רעאַקציאָנערע ליטעראַטור האָט אויסגעהאָדעוועט, האָט זיך יעצט אָנגעפאַנגען צו פאַרשפּרייטען צווישען די בורזשואזע קלאַסען און פרייגעזאָנענקייט איז באַטראַכט געוואָרען אַלס „ניט־פּאַסיג" פאַר אַ פרוי. די מאָראַלישע אויפפיהרונג איז אויסערליך געוואָרען שטרענגער; דער אַלגעמיינער טאָן איז געוואָרען מעהר אַן ענג־לישער; אָבער אין דער ווירקליכקייט זיינען די מענער געווען ווענינער מאָראַליש; די געזעלשאַפט האָט זיך פאַרקוקט אויף די שווינדלערייען פון די מיליאָנערען, זי איז אָבער געווען כלי־קודש׳דיג שטרענג צו אַ פרוי, וועמעס האַרץ עס האָט זי פאַרפיהרט.

„דער פריהערדיגער דור, — באַמערקט אַ היסטאָריקער פון יענער צייט, — האָט ניט אַריינגעוואָרפען אין חרם אַ גלח, וועלכער

האָט פאַרלאָזען זיין קלויסטער, אָדער אַ פרוי, וועלכע איז אַוועק פון איהר מאַן, כל זמן זייערע מאָטיוון זיינען ניט געווען קיין גראָב־עגאָאיסטישע; יעצט אָבער ווערט עס באַטראַכט פאַר אונ־אַנשטענדיג ווען מען איז דערפאַר, אַז מען זאָל צוריק איינפיהרען שיידונגען, שוין ניט רעדענדיג וועגען ערלויבען גלחים חתונה צו האָבען".

די פּאָבור סאָן־אַנאַרעי, דער קוואַרטאַל פון דער פינאַנציעלער אַריסטאָקראַטיע, האָט געגעבען דעם טאָן אין לעבען.

עס איז אַ קליינער וואונדער, אַז דער רעגען־שירם איז געוואָרען דער סימבאָל פון דער דאַזיגער מאָנאַרכיע און דער אויסדרוק „פּינקטליך דער מיטעלפּונקט" — מיט וועלכען דער קעניג האָט פּקח'דיג זיך באַנוצט רעדענדיג וועגען דעם בעסטען וועג פאַר דער רעגירונג — איז געוואָרען אַ צונאָמעניש פאַר יעדער זאַך, וואָס איז שוואַך און ניט ווירקזאַם, פאַר אַ מאַכט אָהן גלאַנץ און אָהן זעלבסטווירדע.

נעהמענדיג דעם צעהנדליג יאָהרען, צווישען 1825 און 1835, אַלס אַ גאַנצעס, איז לייכט צו פאַרשטעהן ווי האָפנונגסלאָז די צייט האָט אויסגעקוקט צו זיין פון אַן עסטעטישען שטאַנדפּונקט.

2.

דער דור פון 1830.

אויף דעם דאָזיגען גרויען הינטערגרונד, אויף די שמאַטעס פון די מאָנאַרכיסטישע מאַנטלען און לואי פיליפ׳ם רעגען־שירעם, — אין דער דאָזיגער געזעלשאַפט, וואו די נייגעבאָרענע מאַכט פון קאַפּיטאַל, מעכטיג ווי הערקולעס, האָט שוין נאָך זייענדיג אין ווינדעלע אינגאַנצען דערוואָרגען דעם אויסערליכען ראָמאַנטיזם פון לעבען — אויף דער דאָזיגער ביהנע, אויף וועלכערס גרויע ווענט אַן אונזיכטבאַרע האַנט האָט מיט גרויע אותיות אָנגעשריבען דאָס וואָרט „פונקטליך דער מיטעלפונקט“ — איז מיט אַמאָל ערשיינען אַ פייערדיגע, גליהענדע, טומעלדיגע, אַ פאַרכאַפּטע פון ליידענשאַפט און בלוט־רויטע קאָלירען ליטעראַטור. עס זיינען דאַמאָלס געוועזען אַלע באַדינגונגען, וועלכע, צוזאַמענגענומען, האָבען געמוזט טרייבען די יונגע, אונרוהיגע מוחות צו ראָמאַנטישע חלומות, צו אַ טיעפע פאַראַכטונג פאַר דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, צו אַ פאַרגעטערונג פון אונגעצאַמטע ליידענשאַפט און ניט־צוריקגעהאַלטענעם גייסט. די שנאה צו דער בורזשואזיע (ווי אין דייטשלאַנד מיט אַ יאָהר פריהער דער געשריי געגען די פיליסטערען) ווערט דער לאָזונג פון טאָג. נאָר אין דער צייט ווען דער וואָרט „פיליסטער“ רופט אַרויס אַ פאָרשטעלונג וועגען אַ וואַרימען ווינקעל אַרום הרובע מיט אַ פּיפקע, דערמאָנט אונז אָבער באַלד דער וואָרט „בורזשוי“ די אַלמעכטינקייט פון די געלד־אינטערעסען. דער אינערליכער פּראָטעסט געגען דעם אַלטרואיזם, דער פילאָזאָפיע פון נוצליכקייט, און געגען דער הערשאַפט פון געלט האָט גע־

טריבען די דאַמאָלסדיגע אינטעלעקטועלע שטרעמונגען פון די באַ־
גאַבטע שרייבער, וועלכע זיינען שוין דעם עולם געווען באַקאַנט,
און, נאָך פיעל שטאַרקער, פון די טאַלאַנטען, וועלכע האָבען זיך
ערשט אנגעפאַנגען צו פאַנאַנדערבליהען, אין דער ריכטונג פון אַ
געגנערשאַפט צו אַלץ, וואָס עקזיסטירט און וואָס איז אָנגענומען,
און דאָס האָט אין דער זעלבער צייט צוגעגעבען גוואַלדיגע כחות
און שטאַרקער געמאַכט די שטרעמונגען גופא. אַלע זיינען מיט אַמאָל
פאַרכאַפּט געוואָרען פון אַ פאַרגעטערונג פון קונסט, פון אַ באַ־
גייסטערונג פאַר דער פרייהייט פון דער קונסט. קונסט איז געווען
דאָס העכסטע, קונסט איז געווען דאָס ליכט, קונסט איז געווען
דער פייער, קונסט איז געווען אַלעס־מיט־אַנאַנדער; נור די שעהנ־
קייט און די דרייסטיגקייט פון קונסט האָט געמאַכט כדאי צו לעבען
אויף דער וועלט.

דער יונגער דור האָט אין זיינע קינדער־יאָהרען געהערט וועגען
די גרויסע פּאַסירונגען פון דער רעוואָלוציאָן און ער האָט ביי־
געוואוינט די אימפּעריע; ער איז באַשטאַנען פון די קינדער פון
די העלדען אָדער פון די קרבנות. זייערע מוטערס האָבען מיט
זיי פאַרשוואַנגערט אין דער צייט צווישען צוויי שלאַכטען און דער
דונער פון האַרמאַטען האָט זיי באַגלייט אין דער וועלט אריין.
פאַר די יונגע פּאָעטען און קינסטלער פון יענער צייט זיינען געווען
נאָר צוויי סאָרטען מענשליכע באַשעפענישען, פלאַמענדיגע און
גרויע. אויף איין זייט איז געווען די קונסט, וואָס האָט געמיינט
בלוט, שאַרלאַך־רויטקייט, באַוועגונג, דרייסטקייט; אויף דער
צווייטער זייט — אַ שטרענג איינגעאָרדענטע, שרעקענדיגע, בור־
זשואַזע קאַלירענלאָזע קונסט. אַלץ אין דעם לעבען פון זייער צייט
האָט פאַר זיי אויסגעזעהן ניט־פּאָעטיש, באַלעבאַטיש, גייסטלאָז
און גרוי; זיי האָבען געשטרעבט ארויסצואווייזען זייער פאַר־
אַכטונג פאַר אַזאַ לעבען, אויסצודריקען זייער באַוואונדערונג
פאַר אַלץ, וואָס איז געניאַל, און זייער שנאה צו דעם בורזשואַזען
גייסט. ווארים יעצט, ווען דער מיטעלקלאַס איז געוואָרען דער
איינפלוסרייכסטער עלעמענט, איז דער דאָזיגער גייסט געוואָרען
אַ מאַכט.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער אייגענער צייט זעהט אויס,

אַז די יונגע מענשען פון יענער עפּאָכע זיינען געווען יונגער ווי געוועהנליך יוגענד איז — יונגער, פרישער, רייכער אין טאַלאַנ־טען, קאַכענדיגער און האָט געהאַט הייסערע בלוט. מיר זעהען ווי די פראַנצויזישע יוגענד, וועלכע האָט מיט איהר איבערגעבענ־הייט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע געענדערט די פּאָליטישע און די סאָציאַלע באַדינגונגען פון לאַנד און האָט זיך מוסר־נפש געווען אין דער צייט פון דער אימפּעריע אויף אַלע שלאַכטפעל־דער אין פראַנקרייך, איטאַליען, דייטשלאַנד, רוסלאַנד און עגיפּ־טען, האָט זיך יעצט איבערגעגעבען מיט דערזעלבער ליידענשאַפט צו דער ענטוויקלונג פון ליטעראַטור און קונסט. אויך דאָ איז אויסגעקומען צו מאַכען רעוואָלוציעס, צו געווינען נצחונות און איינ־צונעהמען נייע לענדער. דורך דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָט די יוגענד פאַרגעטערט פרייהייט; אונטער דער הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָן האָט זי זיך געבוקט צום רוהם פון קריעג; יעצט האָט זי געמאַכט אַ גאָט פון קונסט.

דורך דער צייט האָט מען אין פראַנקרייך צו ערשטען מאָל אָנגעפאַנגען צו רעדען וועגען דער שעהנער ליטעראַטור אַלס אַ קונסט. אין דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט די ליטעראַטור געשטרעבט צו באַקומען אַ פילאָזאָפישען כאַראַקטער און פיעלעס פון דעם, וואָס האָט דאַמאָלס געטראָגען דעם נאָמען, ווערט אין אונזער צייט מעהר ניט באַטראַכט אַלס ליטעראַטור; יעצט האָט זי געשטרעבט צו באַקומען דעם נאָמען און די וויכטיגקייט פון אַ קונסט.

די ענדערונג ערקלעהרט זיך מיט דעם, וואָס די פּלפּול־דיגקייט און די נייגונג צום ראַציאָנאַליזם, מיט וועלכע סיי די פּאָעטישע און סיי די פילאָזאָפיש קריטישע שאַפונגען פון דער קלאַסישער עפּאָכע האָבען זיך אויסגעצייכענט, האָבען אין דעם נייעם יאָהרהונ־דערט אָבגעטראָטען זייער פּלאַץ פאַר אַן אינטערעס אין דער אמת׳ער ווירקליכקייט, פאַר די זאַכען, וואָס ווערען באַנומען פון די חושים. און די טיעפע סיבה פון דעם פאַרצוג איז געווען דאָס, וואָס מענשען האָבען יעצט אָנגעהויבען צו באַטראַכטען די נאַטור ווי זי איז, די אונבאַוואוסטזיניגע, פּשוט׳ע, ניט־געהובעלטע נאַטור, אַלס חע־

בער פון וועלכע עס איז קולטור און ציוויליזאַציע. ווארום? — דערפאַר וואָס אַ היסטאָריש־אויפגעקלעהרטער דור האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַ דור פון פּלפּול׳ען זיך. מענשען האָבען אויפ־געהערט צו שטרעבען צו זיין פילאָזאָפען דערפאַר, וואָס מען האָט אָנגעפאַנגען צו גלויבען, אַז צו זיין אָפען־נאַטירליך איז העכער ווי צו בלאָזען זיך אַלס דענקער. די פּאָעטישע ליטעראַטור פון דעם אַכצעהנטען און אפילו פון דעם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט איז געווען פאַראַכטעט דערפאַר, וואָס זי איז געווען בלויז אַ קאָפּ־ליטעראַטור; דערפאַר, וואָס זי איז געווען אָהן בלוט און אַ גע־מאַכטע, איז געשאַפען געוואָרען לויט אָנגענומענע כּללים און מנהגים און האָט איהר אייגענס קיין זאַך ניט פּראָדוצירט. אויב דער אַכצעהנטער יאָהרהונדערט האָט באַטראַכט דאָס דענקען און דאָס טאָן אַלס די העכסטע פאָרמען פון אַקטיוויטעט, האָבען די קינדער פון דעם נייעם דור באַטראַכט אַלס די העכסטע מענשליכע טהע־טיגקייט דאָס פאַרהיטען פון דער פּשוט׳קייט און דעם נאַטירליכען שאַפען. עס איז געווען אַ דייטשע אידעע, געשאַפען פון הערדער און געטהע, וועלכע האָט אונבאַוואוסטזיניג פאַרנומען די מוחות פון דעם דור און האָט געשאַפען אין זיי אַ דערווידער געגען כּללים און אַקאַדעמישע פּרינציפּען; ווארים ווי קען מען עס דעם אונ־באַוואוסטזיניגען, נאַטירליכען כּח פון שאַפען — די קונסט, אונטער־וואַרפען צו אויסגעטראַכטע, אויסערליכע כּללים?

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן אינטעלעקטועלע באַוועגונג, וועל־כע דערמאָנט אונז אַן דעם רענעסאַנס. עס איז געווען אַ צייט, ווען ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז מענשען ווערען פאַר׳שכור׳ט בלויז פון דער לופט. דורך דער לאַנגער צייט, וואָס דער אינטעלעקטועלער לעבען פון פראַנקרייך איז געווען ווי פאַרגליווערט, האָבען איהרע גרויסע שכנים, דייטשלאַנד און ענגלאַנד, איהר אַריבערגעיאָגט און זיינען אַוועק ווייט פאַראויס אין דער ארבייט פון באַפרייען זיך פון די אַלטע, צוריקהאַלטענדע טראַדיציעס. די פּראָנצוזען האָבען עס באַגריפען און געפיהלט עס אַלס אַן ערנידערונג און דער דאָזיגער געפיהל האָט געגעבען אַ שטאַרקען שטויס דער נייער באַגייסטערונג פאַר קונסט. און יעצט האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו פאַרשפּרייטען אין לאַנד די ווערק פון אויסלענדישע שרייבער, סיי

פון די נייע און סיי פון די אַלטע, ביז דאַמאָלס אונבעקאַנטע, און זיי האָבן רעוואָלוציאָניזירט די מוחות פון דער יוגענד; מען האָט פיעל געלעזן איבערזעצונגען פון סער וואַלטער סקאָט׳ס ראָמאַנען, בייראָנ׳ס „קאָרסעיר“ און „לאַראַ“ און מען האָט געשלונגען געטהע׳ס „ווערטהער“ און האָפמאַנ׳ס פאַנטאַסטישע מעשה׳לאך. די פאַרשטעהער פון די פאַרשיידענע צווייגען פון קונסט האָבן זיך פלוצלינג דערפיהלט ווי ברידער. מוזיקער האָבן געשטודירט די ווערק פון היימישע און פרעמדע פּאָעטען; פּאָעטען (ווי, למשל, הוגאָ, גאָטיע, מערימעי, באַרעיל) האָבן געצייכענט און געמאָלען בילדער. אין די סטודיאָס פון מאַלער און סקולפּטאָרען האָט מען געלייענט פּאָעזיע; די תלמידים פון דעלאַקרואַ און דעוועריאַ האָבן אונטערגעזונגען הוגאָ׳ס באַלאַדען, שטעהענדיג ביי דער אַרבייט מיט׳ן פּענזעל. אייניגע גרויסע אויסלענדישע שרייבער, ווי סקאָט און בייראָן, האָבן באַאיינפלוסט די פּאָעטען (הוגאָ, לאַמאַרטעין, מוסעי) און די מוזיקער (בערליאָז, האַלעווי, פעליסיען דאַוויד) און די מאַלער (דעלאַקרואַ, דעלאַראָש, שעפער). קינסטלער האָבן זיך געפּרואווט אַריבער זייערע אייגענע גרענעצען כדי אַרומצונעהמען אַ קרובה׳שע קונסט. בערליאָז שרייבט סימפאָניעס פאַר „פאַוסט“ און „טשיילד העראָלד“, פעליסיען דאַוויד — די „מדבר“ סימפאָניע; מוזיק ווערט אויסגענוצט צו באַשרייבען זאַכען. פריהער דעלאַקרואַ און נאָכדעם אַרי שעפער נעמען זיך זוכען סוזשעטען ביי דאַנטע, שעקספּיר און בייראָן; מאַלעריי ווערט צייטענווייז אויסגענוצט צו אילוסטרירען פּאָעטישע ווערק. מעהר פון וועלכע עס איז אַנדער קונסט, האָט מאַלעריי געהאַט אַ מעכטיגען איינפלוס אויף די איבריגע, באַזונדערס אויף דער פּאָעזיע. און דער איינפלוס איז געוועזן זעהר צום גוטען. אַ פאַרליעבטער האָט שוין מעהר ניט געבעטען זיין דאַמע, ווי אין דער צייט פון ראַסין, צו „באַקרוינען זיין ליידענשאַפט“. דער עולם האָט געפאָדערט פון די פּאָעטען נאַטירליכע פּאָעטישע בילדער און האָט זיך ענטזאָגט צו אַנערקענען אונמעגליכע פאַרשטעלונגען.

אין 1824 האָט דעלאַקרואַ אויסגעשטעלט זיין „מאָרד אין סציאָס“, אַ בילד מיט אַ גריכישע טעמע און אַ בייראָנישען אינהאַלט; אין 1831 — זיין „בישאָפ פון ליעזש“, וואָס אילוסט־

רירט „קוועגטין דורוואַרד“ פון וואַלטער סקאָט, און אין מאַי פון דעם זעלבען יאָהר — זיין „פּריוהייט אויף די באַריקאַדען“. אין פעברואַר 1829 מאַכט אָבער׳ס אָפּערא „די שטומע פון פּאָרטיטשי“, זעהר אַ גרויסע סענסאַציע; נאָך איהר קומט, אין 1831, מייער־בער׳ס „ראָבערט דער טייוועל“. אין פעברואַר 1831 ווערט צום ערשטען מאָל געשפּיעלט, אין דעם טעאַטער פראַנסעי, וויקטאָר הוגאָ׳ס „ערנאַני“; אין 1831 האָט דיומאַ׳ס דראַמאַ „אַנטאָני“ זעהר אַ גרויסען ערפאָלג. די פּאָעטען דיומאַ און הוגאָ, דער מאַלער דעלאַקרואַ, דער סקולפּטאָר דאַוויד ד׳אַנזשער, די קאָמפּאָזיטאָרען בערליאָז און אָבער, די קריטיקער סעינט־בעוו און גאָטיעי, די אַר־טיסטען פרעדעריק לאַמעטר און מאַרי דאָרוואַל און, נאָהענט צו זיי אין גייסט, די צוויי גרויסע דעמאָנישע מוזיקאַלע ווירטואָזען שאָפּען און ליסט — זיי אַלע ערשיינען אין דער זעלבער צייט. זיי אַלע פּראָקלאַמירען איינשטימיג די לעהרע פון נאַטור און ליי־דענשאַפט און אַרום זיי גרופּירען זיך יונגע מענשען, וועלכע פאַר־שטעהען און ענטוויקלען ליטעראַטור און קונסט אין זייער גייסט.

די אַלע קולטורעלע טוער האָבען ניט אַלע מאָל פאַרשטאַנען, אַז די קומענדע דורות וועלען זיי אַלע באַטראַכטען אַלס איין נאַ־טירליכע גרופּע. אייניגע פון די גרויסע צווישען זיי האָבען געפיהלט ווי זיי וואָלטען געוועזען זייער גאַנצען לעבען איינזאַם. זיי האָט זיך געדוכט, אַז דער גייסט און די שטרעבונגען פון זייער אַרבייט איז אַנדערש ווי פון זייערע צייטמענשען, איז אַ היפּוך אַפילו צו זיי. און זיי זיינען ניט געוועזען אינגאַנצען אין טעות, ווארים עס איז צווישען זיי געווען, אין זעהר וויכטיגע פּונקטען, אַ גרויסער אונטערשייד. דאָך, זייער געמיינזאַמע אויסגעצייכענט־קייט, זייערע געמיינזאַמע פּאָראורטיילע, זייערע געמיינזאַמע צוועקען און זייערע געמיינזאַמע חסרונות מאַכען זיי אַלס עטוואָס איינהייט־ליכעס און גאַנצעס. און אָפטער ווי געוועהנליך האָט זיך עס גע־טראָפען, אַז די יעניגע פון זיי, וועלכע מיר זיינען, נאָך אַ באַדענקען זיך, געניי גט צו גרופּירען צוזאַמען, האָבען זיך ווירקליך געפיהלט ווי צוגעצויגען איינער צום אַנדערען, און פיעלע פון די בעסטע צווישען זיי האָבען נאָך אין זייער יוגענד אויסגעשטרעקט די הענט איינער צום אַנדערען און געשאַפען אַ פאַרבאַנד צווישען זיך.

שטודירענדיג די איינצעלנע רינגען, ענטדעקען מיר צו ביסלעכ־ווייז די גאַנצע קייט, וואָס בינדט די גרופּע צוזאַמען.

ווען יעצט, נאָך אַ משך פון אַ סך יאָהרען, זאָגען מיר אין טרוי־קענע ווערטער: „זיי האָבען געשאַפען אַ שולע", נעהמען מיר זיך זעלטען די מיה אויסצואַרבייטען אין אונזער געדאַנק אַ לעבעדיגע, ריכטיגע פאָרשטעלונג וועגען דעם ,וואָס עס מיינט די שאַפונג פון אַ שולע אין ליטעראַטור און קונסט. אין דעם פּראָצעס איז פאַר־באַהאַלטען אַ געהיימער כשוף. עמיצער אַ גרויסער מאַן, נאָך דעם ווי ער קעמפט אַ לאַנגע צייט — פריהער אומבאַוואוסטזיניג, נאָכדעם האַלב־באַוואוסטזיניג און לסוף מיט פולען באַוואוסטזיין, באַפרייט זיך אַם ענדע פון פאָראורטיילע און שאַפט פאַר זיך אַ קלאָהרען בליק; דאַמאָלס, ווען אַלץ איז שוין פאַרטיג, ווערט זיין געדאַנק באַלויכטען דורך דעם בליץ פון אַ זשעני. אַזאַ מאַן דריקט אויס (ווי הוגאָ האָט עס געטאָן אין אַ פּראָזאַאישע הקדמה צו אַ ביכעל פון זיינע געדיכטע) געוויסע געדאַנקען, וועלכע זיינען קיינמאָל קיינעם אין קאָפּ ניט געקומען אָדער קיינער האָט זיי פריהער קיינ־מאָל אַזוי ניט אויסגעדריקט. זיי מעגען זיין נאָר האַלב אמת, זיי מעגען זיין ניט קלאָהר, אָבער זיי האָבען די מערקווירדיגע מעלה, וואָס ניט קוקענדיג אויף זייער מעהר אָדער ווייניגער ניט־באַשטימט־קייט, טרעטען זיי אַרויס געגען אַלע טראַדיציאָנעלע פּאָראורטיילע און גיבען אַ קלאַפּ דער פוסטער גדול'דיגקייט פון דער צייט אין איהרע שוואַכסטע פּונקטען, און אין דער זעלבער צייט קלינגען זיי אָפּ אין די אויערען פון דעם יונגען דור ווי אַ נייער רוף, אַ העזה־דיגער לאָזונג.

וואָס קומט דאַן פאָר? קוים זיינען די ווערטער אויסגערעדט געוואָרען, ווי עס קומט מיט דער שנעלקייט און קלאָהרקייט פון אַ ווידער־קול אַ טויזענד־קולות'דיגער ענטפער פון די פאַרטשעפּעטע גדולים און פאַרוואונדעטע פאַראינטערעסירטע צדדים, אַן ענט־פער, וועלכער קלינגט ווי דאָס בילען פון הונדערטע מחנות כלבים. וואָס נאָך פּאַסירט? — פריהער איינער, נאָכהער אַ צווייטער, נאָכ־דעם אַ דריטער קומען די פאַרטיידיגער פון דער נייער טענדענץ, יעדער איינער פון זיין שטאַנדפּונקט, יעדער איינער מיט זיינע

טענות, מיט זיינע אַמביציעס, מיט זיינע פאָדערונגען, מיט זיינע האָפנונגען און פאַרלאַנגען, און באַוויזען, אַז די אַרויסגערעדטע ווערטער ליגען טיעף אין זייער מוח און נשמה. אַנדערע שטעלען זיך אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט דעם שעפער פון דער נייער שטרעמונג, אַנדערע רעדען זיך צוזאַמען צווישען זיך אין זיין גייסט און פאַראייניגען זיך אין זיין נאָמען. מענשען, וועלכע זיינען ביז גאָר ניט לאַנג צוריק געווען אונבעקאַנט צווישען זיך און אונבאַוואוסט פאַר דער וועלט, וועלכע האָבען יעדער איינער פאַר זיך אין זיין אייגען ווינקעל געפיהלט זיך גייסטיג געדריקט און פאַרמאַטערט, באַגעגענען זיך און וואונדערען זיך, ווען זיי געפינען אוים, אַז זיי פאַרשטעהען איינע די אַנדערע, אַז זיי רעדען אַלע די זעלבע שפּראַך, די שפּראַך, וועלכע איז אונבאַקאַנט צו די איבריגע מענשען פון זייער דור. זיי זיינען נאָך יונג, אָבער דאָס לעבען האָט שוין פאַר זיי אַלעמען אַן אינהאַלט. איינער האָט זיינע פאַרגעניגענס, פאַר וועלכע ער האָט טייער באַצאָהלט; דער צווייטער האָט זיינע ליידען, וועלכע האָבען איהם פעסט געמאַכט; און פון די דאָזיגע לעבענס-עלעמענטען ציהט יעדער פאַר זיך זיין חלק ענטוזיאַזם. זייער באַגעגעניש עלעקטריזירט זיי. זיי טהיילען זיך מיט זייערע געדאַנקען מיט יוגענדליכען אימפּעט, זיי גיבען איבער איינער דעם אַנדערען זייערע פאַרשיידענע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, זייערע חלומות, און זייערע פּראָטעסטען, זייערע איבערגעבענהייטען און זייערע אונצופריעדענהייטען; און די אַלע קוואַלען פון געפיהל גיסען זיך צוזאַמען אין איין שטראָם און שאַפען אַ טייך.

אָבער דאָס שעהנסטע אין דער דאָזיגער קריסטאַליזירונג פון די קינסטלערישע נשמות אין איין שולע איז די אַכטונג, דער יראת־הכבוד, וואָס, צום טראָץ דער איינהייטליכקייט פון זייערע איבערצייגונגען, צום טראָץ זייער נאָהענטער חבר׳שאַפט, זיי פיהלען איינער פאַר דעם אַנדערען. יעדער איינער פאַרהאַלט זיך צום צווייטען מיט אַ מין קדושה. מענשען וועלכע פאַרשטעהען עס ניט, זיינען גענייגט צו שפּאַסען פון דעם און באַצייכענען עס אַלס „געגענזייטיגע באַוואונדערונג“. אָבער אין דער ווירקליכקייט איז קיין זאַך אַזוי ווענינ עהנליך צו דעם אויסגערעכענטען כבוד־אָבגע־

בעניש, וואס עס קומט פאר אין צייטען פון גייסטיגער ירידה, ווי די תמימות'דיגע באוואונדערונג פון איינער דעם צווייטענס טאַ־לאַנטען, וואס די מענשען, וועלכע שאפען אונבאוואוסטזיניג אַ שולע, ווייזען ארויס צווישען זיך. זייערע הערצער זיינען צו יונג, צו ריין, אַז זייער באוואונדערונג זאָל זיין ניט ערנסט. איין יונגער פראדוקטיווער גייסט באטראכט דעם צווייטען אלס עטוואס כשופ־דיגעס, פון וואס מען קאַן ערווארטען גייע חדושים. איינער פאר־האַלט זיך צו דער שאפונגס־ארבייט, וואס עס קומט פאר אין דעם צווייטענס געדאנק, ווי צו אַ פערזיגעלטען בוך; ער קען ניט טרעפען וואס ער וועט ווייטער אויפטאָן, ער קאַן זיך ניט פאר־שטעלען וואסערע פארגעניגענס זיין חבר האט פארבעהאַלטען פאר איהם. זיי אכטען איינער אין דעם אנדערען עטוואס, וואס זיי שעצען העכער ווי די פערזענליכקייט, וועלכע איז געוועהנליך נאָך ניט ענטוויקעלט אלס כאראקטער, נעמליך: — דעם טאלאנט, וועל־כער פארבינדט זיי אלעמען מיט דער געטליכקייט, צו וועלכער זיי אלע בוקען זיך — די קונסט.

דאָך איז זעלטען ווען אין דער וועלטליכער געשיכטע די גע־גענזייטיגע באוואונדערונג, וואס קומט פאר אין צייטען פון קינ־סטלערישער ערוואכונג, געווען אזוי בולט ווי אין דעם דור פון 1830. עס איז געווארען אַז אמת'ע געצענדינערייי. אלע ליטערארישע שאפונגען פון יענער עפאכע צייגען, אַז די דאַמאַלדיגע יוגענד איז געווען ווי פאר'שכור'ט מיט געפיהלען פון גענענזייטיגער פריינד־שאפט און ברידערליכקייט. הוגא'ס שירים צו לאַמארטעין, צו לואי בולאנזשע, צו סעינט־בעוו און צו דאוויד ד'אנזשער; גאָטיעי'ס צו הוגאָ, צו שעהאן דו סעיניור, צו פעטרוס בארעיל; דע־מוסעי'ס צו לאַמארטעין, צו סעינט־בעוו און צו נאָדיעי; און מעהר פון די אנדערע, סעינט־בעוו'ס צו די אלע באנער־טרעגער פון דער שולע; מאדאם דע זשיראַרדינ'ס ארטיקלען; באַלזאַק'ס ווידמונגען; זשארזש זאנד'ס „בריעף פון אַ רייזענדען“ — דאס אלעס זאגט עדות וועגען דער ערנסטער, הייסער באוואונדערונג, וועלכע האט אינגאנצען געמאַכט אונמעגליך די שפּריכווערטעלשע קנאת־סופרים.

זיי פלעגען ניט נור זאגען שבחים איינער פאר די אנדערע;

זיי פלעגען אויך אַרויסרופען נייע געדאַנקען און אַרויסהעלפען איינע די אַנדערע. אַ באַגייסטערענדער איינפלוס, אַ קינסטלערישע קריטישע אַנווייזונג, אַ טעכנישער וואונק — דאָס זיינען געווען די זאַכען, וועלכע האָבען פאַרבונדען די שרייבער פון יענער עפּאָכע צווישען זיך. עמיל דעשאַן גיט וויקטאָר הוגאָ דעם געדאַנק פּאָעטיש צו באַאַרבייטען די אַלטע שפּאַנישע ראָמאַנסען, גאָטיעי שרייבט דעם שעהנעם טולפּען־סאָנעט אין באַלזאַק׳ס ראָמאַן „אַ גרויסער מאַן פון דער פּראָווינץ אין פּאַריז״ און העלפט איהם צו דראַמאַטיזירען זיינע טעאַטראַלישע זאַכען. סעינט בעוו לייענט זשאָרזש זאַנד׳ס מאַנוסקריפּטען און העלפט איהר מיט זיינע קריטישע באַמערקונגען; זי און מוסעי פאַראייניגען פאַר אַ געוויסע צייט זייערע באַגייסטערונגען; מאַדאַם דע זשיראַרדין פאַרפאַסט אַ ראָמאַן אין בריעף צוזאַמען מיט מערי, סאַנדאָ און גאָטיעי און מערימעי פאַרבינדען מיט דעם ראָמאַנטישען לאַגער די רעאַליסטען בעיל און וויטע.

די קורצע צייט, ווען זיי אַלע באַגעגנען זיך און פאַראייניגען זיך, איז די בליהונגס־צייט פון דער ליטעראַטור. עס געהען ניט אַריבער קיין סך יאָהרען, און נאָדיעי געהט אַוועק אין קבר, הוגאָ ווערט פאַרשיקט קיין זשערסעי, אַלעקסאַנדער דיומאַ פאַרוואַנדעלט די ליטעראַטור אין אַן אינדוסטריע, סעינט־בעוו און גאָטיעי טרעטען אַריין אין דעם קרייז פון פּרינצעסין מאַטהילדע, מערימעי ווערט דער פאַרזיצענדער פון קייזערין יוזשינ׳ס אַמורישע צוזאַמענקונפטען, דע מוסעי זיצט איינזאַם ביי אַ גלאָז אַבסינט און זשאָרזש זאַנד ציהט זיך צוריק קיין נאָהאַן.

שפּעטער־צו, אויף זייערע עלטערע יאָהרען, מאַכט יעדער פון זיי נייע פאַרבינדונגען, וועלכע העלפען זיי ווייטער צו אַנטוויקלען זיך, אָבער דאָס פרישסטע און דאָס דרייסטסטע, אויב ניט אימער דאָס שעהנסטע און דאָס איידעלסטע, האָבען זיי דאַמאַלס געשאַפען, ווען זיי פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען ביי שאַרל נאָדיעי אין דעם אַרסענאַל אָדער אויף דער גאַס נאָטרדאַם־דע־שאַם, וואו הוגאָ און זיין יונגע שעהנע פרוי האָבען געלעבט אויף די צוויי טויזענד פראַנק אַ יאָהר פּענסיע, וואָס זיי האָבען באַקומען, אָדער אין

דעם בוידים־צימער פון פּעטר באָרעל, וואו צוזאַמען מיט דעם בעל־הבית׳ס הערנאַני־מאַנטעל האָבען די וואַנט באַפּוצט דעווער־יאַ׳ס אַן עסקיז און אַ קאָפּיע פון דזשיאָרדזשיאָנע און וואו די יונגע ראָמאַנטיקער פלעגען מוזען האַלב זיצען און האַלב שטעהן, דערפאַר וואָס פאַר אַלעמען צו זיצען איז דאָרט גענוג פּלאַץ ניט געווען.

די יונגע ראָמאַנטיקער האָבען זיך געפיהלט ווי קרובים, ווי פאַרשווערער, וועלכע האָבען צוזאַמען איין זיסע, כוחות־געבענדע געהיימניש, און זייערע ווערק האָבען דורך דעם באַקומען אַ געמיינ־זאַמען טעם, אַן אַראָמאַט, ווי די גוטע וויינען, וואָס זיינען גע־מאַכט אין אַ ברכה׳דיגען יאָהר ווען די ווינטרויבען זיינען אויסער־געוועהנליך געראָטען. אָה, דער דאָזיגער בוקעט פון 1830 מיט איהם קען זיך קיין אַנדערער פון דעם יאָהרהונדערט ניט פאַר־גלייכען.

אין אַלע צווייגען פון קונסט האָט מען געזוכט און געפאָדערט אָבצוברעכען מיט די טראַדיציעס. אַן אינוועניגסטער פלאַם זאָל דורכגליהען און באַפרייען די אַלטע מוזיקאַלישע פאָרמען, צופרע־סען די אַלטע ליניען און קאָנטורען און די מאַלעריי פאַרוואַנדלען אין אַ סימפאָניע פון פאַרבען און אַם ענדע יונג מאַכען די פּאָעזיע. אין אַלע קונסטען האָט מען געזוכט און געשטרעבט צו פאַרבען, צו ליידענשאַפט, צו סטיל; צו אַזוינע העלע פאַרבען, צוליעב וועלכע דער געניאַלסטער מאַלער פון דער צייט, דעלאַקרואַ, האָט פאַרנאַכלעסיגט די צייכנונג; צו אַזאַ שטורעמדיגע ליידענשאַפט, וועלכע האָט געשאַפען אַ געפאַהר, אַז די ליריק און די דראַמע זאָלען געהן פאַרלאָרען אין איהרע קרעמפען; צו אַ סטיל, וועלכער איז דורכגענומען מיט אַזאַ קינסטלערישער באַגייסטערונג, אַז אייניגע פון די יונגע־לייט, ווי די היפּוך׳דיגע מערימעי און גאָטיעי, האָבען פאַרנאַכלעסיגט די ריין־מענשליכע עלעמענטען און זייער קונסט אין געוואָרען לויטער סטיל.

מען האָט געזוכט און געפאָדערט דאָס פּשוט׳סטע, דאָס אונ־באַוואוסטזיניגע, דאָס פאָלקסטימליכע. „מיר זיינען געווען בעלי־מליצה", האָט מען געשריבען, „מיר האָבען קיינמאָל ניט פאַר־

שטאַנען דאָס פּשוט׳ע, דאָס אונלאָגישע; מיר האָבען ניט פאַרשטאַנען די ווילדע, דאָס פאָלק, דאָס קינד, די פרוי; מיר האָבען קיינמאָל דעם פּאָעט ניט פאַרשטאַנען!“

ביז דאַמאָלס האָט דאָס פאָלק געדיענט נאָר אַלס אַ הינטערגרונד אין דער פּאָליטישער ליטעראַטור. — אין וויקטאָר הוגאָ׳ס דראַמען טרעט דער ליידענשאַפטליכער פּלעבעיער אַרויס אַלס דער העלד און בעל־נוקם. פריהער האָט דער באַרבאַר גערעדט ווי אַ פראַנצויז פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט (מאָנטעסקיו, וואָלטעיר); מערימעי שילדערט אין „קאָלאָמבא“ און אין „קאַרמען“ די געפיהלען פון דעם ווילדען אין זייער גאַנצער פּשוט׳ער ווילדקייט און פרישקייט. ביי ראַסינ׳ען האָט דאָס קינד (אין „אַטהאַליע“) גערעדט ווי אַ קליינער, אָבער ערוואַקסענער מענש; ביי נאָדיע רעדען די קינדער מיט קינדערשער הערצליכקייט און אומשולד. אין דער פריהערדיגער פראַנצויזישער ליטעראַטור פלעגט די פרוי אין אַלגעמיין פיהרען זיך מיט דעם זעלבסט־באַוואוסט און מיט דער ראַציאָנאַלער אויסגערעכענטקייט פון אַ מאַן. דאָס זעהען מיר אין די ווערק פון קאָרנעיל, מאָליער, און וואָלטער. קאָרנעיל האָט געזונגען שבחים דער טוגענד, דער יונגער קרעבעליאָן — דער לייכטזיניגקייט און דער אויסגעלאַסענקייט, אָבער ביידע, די טוגענד און די אויסגעלאַסענקייט, זיינען געווען באַוואוסטזיניגע און איבערגענומענע. זשאָרזש זאַנד האָט, פאַרקעהרט, געמאָלען די אינערליכע עדעלקייט פון דער פרוי׳ס הארץ און איהר געבאָרענע גוטסקייט. מאַדאַם סטאַל האָט אין איהר „קאָרין“ געשילדערט דעם גייסט פון דער פרוי אַלס אַ גרויסען, זיעגרייכען טאַלאַנט. זשאָרזש זאַנד האָט אין איהר „ליליאַ“ פאַרגעשטעלט די פרוי אַלס די מעכטיגע סיבילע. פריהער פלעגט מען זיך פאַרשטעלען אַ פּאָעט אַלס אַ הויפמענש, ווי ראַסין און מאָליער, אָדער אַלס מענש פון דער גרויסער וועלט, ווי וואָלטעיר און באָמאַרשעי, אָדער אַלס פּשוט׳ען אַנשטענדיגען בירגער, ווי לאַפאָנטען. יעצט איז ער געוואָרען דאָס פאַרלאָזען שטיף־קינד פון דער געזעלשאַפט; דער כהן־גדול פון דער מענשהייט, — אָפּט אָרים און פאַראַכטעט, אָבער מיט אַ לויכטענדען שטערען איבער׳ן קאָפּ און מיט אַ פלאַמענדיגען צונג. הוגאָ באַזינגט איהם אַלס דעם פּאָס־

טוך פון פאָלק. אַלפרעד דע־וויני שטעלט איהם פאַר, אין „סטע־לאָ” און אין „שאַטערטאָן”, אַלס דאָס ערהויבענע קינד, וואָס וויל בעסער שטאַרבען פון הונגער איידער צו ערנידעריגען זיין מוזע מיט געמיינער ארבייט, און וואָס שטאַרבט בענשענדיג די מענש־הייט, וועלכע אַנערקענט זיין ווערט צו שפּעט.

3.

דער ראָמאַנטיזם.

דער ראָמאַנטיזם איז לכתחילה בעצם געווען בלויז אַ הייסע פאַר־טיידיגונג פון „לאָקאַליזירונג״. מען האָט אָנגעפאַנגען צו ריהמען דעם מיטעלאַלטער, אויף וועלכען דער קולטורעלער אָב־צעהנטער יאָהרהונדערט האָט אַרויפגעלעגט אַ חרם, און די פּאָעטען פון דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, — ראָנסאַר, דו בעללאַי א. אַז. וו., — וועלכע זיינען אַהינטערגעשטופּט געוואָרען דורך די קלאַסישע שרייבער פון דער צייט פון לואי דעם פערצעהנטען. מען האָט אַטאַקירט דאָס נאָכמאַכעניש פון דעם אַלטען קלאַסי־ציזם, די לאַנגווייליגע און מאָנאָטאָנע מאָדערניזירונג און דאָס פאַר־פראַנצויזעווען פון אַלע צייטען און פון אַלע פעלקער. דער לאָ־זונג איז געוואָרען: „לאָקאַלע פאַרבען״. אונטער די ווערטער „לאָקאַלע פאַרבען״ האָט מען פאַרשטאַנען די אייגענאַרטיגקייטען פון די פרעמדע פעלקער, פון די אונבאַקאַנטע לענדער און פון די אַלטע צייטען, וועלכע האָבען ביז דאַמאָלס נאָך ניט געקראָגען די ריכטיגע אָנערקענונג אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. מען האָט געפיהלט, אַז די שרייבער פון די פריהערדיגע עפּאָכעס זיינען געווען פאַרפיהרט פון דעם געדאַנק, אַז יעדער מענש איז בלויז אַ מענש און, אויסער דעם, אַז יעדער מענש איז מעהר אָדער וועניגער אַ פראַנצויז. מען האָט אָנערקענט אַז אין דער ווירקליכקייט איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַן אַלגעמיינע מענשהייט; עס זיינען דאָ ראַסען, פעלקער, שבטים און משפּחות. וועניגער פון אַלעמען קען מען דעם פראַנצויז באַטראַכטען אַלס דעם אַלגעמיינען מענשליכען טיפּ. אום צו פאַרשטעהן און צו שילדערען די מענשהייט האָט מען

אַלזאָ געמוזט זיך באַפרייען פון זיך זעלבסט. דער דאָזיגער געדאַנק איז געוואָרען דער לאָזונג פון דער גאַנצער פראַנצויזישער קונסט און קריטיק אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט.

די שרייבער האָבען יעצט זיך געפּרופט צו ערציהען דעם עולם פאַר דעם נייעם שטאַנדפּונקט. זיי האָבען מעהר ניט געשריבען אום צו געפעהלען די לעזער, — און דאָס גופא גיט די ווערק פון יענער עפּאָכע אַ דויערענדען ווערט. דערפאַר מוז אַ קריטיקער, ווי איך אַליין, וועלכער וויל שטודירען די הויפּט ליטעראַרישע שטרעמונגען, זיך אָפּשטעלען אויף ראָמאַנטישע ווערק, וועלכע זיינען ווייניג געלעזען געוואָרען און האָבען זיך נאָך ווייניגער פאַר־קויפט און נאָר בלויז דערמאָנען אַזאַ טאַלאַנטפולען דראַמאַטורג, ווי סקריבע, וועלכער האָט דורך דער צייט פון אַ גאַנצען דור באַ־הערשט די ביהנע אין יעדען לאַנד אין איירופּאַ.

וואָרים כל זמן אַ שרייבער האָט ניט דורכגעדרונגען צום עצם פון דער מענשליכער נשמה, איהרע טיעפסטע טיעפעניזשען; האָט ניט געהאַט דעם מוט און איז ניט געווען פעהיג צו שאַפען זיין ווערק ניט רעכענענדיג זיך מיט קיינע פאָלגען; האָט ניט געהאַט די העזה פאַרצושטעלען זיינע אידעען אַזוי נאַקעט ווי אַ סטאַטוע; האָט ניט געמאָלען די מענשליכע נאַטור, ווי זי האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, אָהן קיינע אויסבעסערונגען און איבערפּוצונגען; האָט אָבער זיך בעראַטהען מיט זיין פּובליקום, האָט זיך געלאָזען פיהרען פון זיינע פאָראורטיילע, זיין אונוויסענהייט, זיין ניט־אמת׳קייט, זיין פלאַכען און סענטימענטאַלען געשמאַק, — מעגליך, אַז ער האָט געהאַט די פולע פאַרדיענטע אַנערקענונג פון זיין דור; מעגליך, אַז ער האָט געוואונען לאָרבער־קראַנצען און רייכטהום דורך זיין גרויסען טאַלאַנט — פאַר מיר אָבער עקזיסטירט ער ניט; פאַר דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, ווי איך פאַרשטעה זי, זיינען זיינע ווערק ווערטלאָז. די אַלע ניט־כשר׳ע פּרוכטען, וואָס קומען אַרויס פון דעם געלטען־שידוך צווישען דעם גייסט פון דעם דיכ־טער מיט דער צווייפעלהאַפטער באַשעפעניש, וואָס הייסט עפענט־ליכע מיינונג; די אַלע ליטעראַרישע קינדער, וועלכע ווערען גע־שאַפען פון דעם שרייבער, וואָס רעכענט זיך שטענדיג מיט דעם געשמאַק און דעם מאָראַל פון זיין פּובליקום, זיינען קאַלט און

טוים מיט איין דור שפּעטער. זיי האבען ניט אין זיך קיין איי־
גענע לעבענסקראפט, קיין ווארימקייט, זיי זיינען בלויז אן אויס־
דרוק פון מורא פאר א פובליקום, וועלכער איז שוין יעצט טויט;
זיי זיינען ניט מעהר ווי א פועל־יוצא פון פאדערונגען, וועלכע
זיינען שוין לאנג שטום געווארען. פארקעהרט אבער, יעדעס ווערק
פון אן אונאבהענגיגען שרייבער, וועלכער האט אהן קיינע זייטיגע
געדאנקען באשריבען דאס, וואס ער האט געפיהלט און געזעהן,
ווי ווייניג פּאפּולער עס זאל ניט זיין, איז און וועט פארבלייבען אן
אינהאלטסרייכער דאקומענט.

עס דוכט זיך נאר אזוי, אז עס איז דא א ווידערשפּרוך צווישען
דער פאדראמונג פון א ליטעראַרישען ווערק, וואס איז געשאפען
געווארען צו צופרידענשטעלען דעם פובליקום, און דעם געדאנק
וועגען דעם געזונטען נאטירליכען איינפלוס, וואס די געזעלשאפט
האט אויף די דיכטער. עס איז זיכער, אז דער שרייבער קען זיך
ניט אפּזונדערען פון זיין דור. אבער די שטראמען פון דער צייט
זיינען צווייפאכע; עס איז דא אן אויבערפלעכליכער שטרוים
און א טיעפער. דער וואס לאזט זיך פארכאפּען און געטריבען
ווערען פון דעם אויבערפלעכליכען, צייגט ארויס זיין שוואכקייט
און ווערט געטריבען צו זיין אייגענער פארניכטונג. אין אנדערע
ווערטער, יעדער דור האט זיינע הערשענדע און פּאפּולערע אידעען
און פארמען, וואס זיינען ניט מעהר ווי דער רעזולטאט פון די
פריהערדיגע פארגאנגענע צייטען און וועלכע זיינען געשאפען גע־
ווארען לאנג צוריק און זיינען פארשטיינערט געווארען; אבער
אין דער זעלבער צייט איז דא א גאנצער קלאס פון גאנץ אנדערע
אידעען, וועלכע האבען נאך ניט באקומען קיינע באשטימטע פאר־
מען, אבער זיי שוועבען אין דער לופטען און ווערען אויפגענומען
פון די פעהיגסטע מענשען פון דער צייט אלס די רעזולטאטען,
צו וועלכע מען מוז קומען אויף דעם גרונד פון די עקזיסטירענדע
באדינגונגען. די לעצטע זיינען עס די אידעען, וועלכע דיענען
די פערשיידענע שטרעמונגען פון דער עפּאכע אלס אן עלעמענט
פון פאראייניגונג.

אין דעם יאהר 1827 האט א גרופּע ענגלישע אקטיארען באזוכט
פאריז, און צום ערשטען מאל האבען די פראנצויזען געזעהן שעקס־

פּיר׳ם מייסטערשטיקער, „קעניג ליער“, „מאַקבעט“, „אָטעללאָ“ און „האַמלעט“, וואונדערבאַר געשפּיעלט. אונטער דעם איינפלוס פון די דאָזיגע פאָרשטעלונגען האָט עס הוגאָ אָנגעשריבען די הקדמה צו „קראָמוועל“, וועלכע ווערט באַטראַכט אַלס דער פּראָגראַם פון דער נייער ליטעראַטור.

די ליטעראַרישע באַפרייאונגס־מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַן אַטאַקע אויף דער קלאַסישער פראַנצויזישער טראַגעדיע, דעם שוואַכסטען און אָממייסטען אויסגעזעצטען פּונקט פון די לי־טעראַרישע טראַדיציעס. הוגאָ האָט געוואוסט זעהר וועניג וועגען די אַנגריפען, וואָס זיינען געגען איהר אויטאָריטעט געמאַכט גע־מאַכט געוואָרען אין אַנדערע לענדער, און די יעניגע וועלכע האָבען געלייענט דאָס, וואָס עס איז פיעלע יאָהרען פריהער וועגען דעם געשריבען געוואָרען פון לעסינג, ווילהעלם שלעגעל און די ענגלישע ראָמאַנטישע שרייבער, וועלען אין די געדאַנקען פון הוגאָ וועגען דער זאַך געפינען וועניג אָדער גאָר קיין נייעס ניט. אָבער דאָך איז עס געווען אַ וויכטיגער שריט אַריבערצוטראָגען דעם קאַמף קיין פראַנקרייך גופא. ווען מען זאָל באַטראַכטען די דאָזיגע הקדמה ניט היסטאָריש, וועלען די אַלע אָנשטרענגונגען צו באַווייזען די אוננאַטירליכקייט פון צוזאַמענפּרעסען אַלע אַקטען פון אַ דראַמע אין אַ משך פון פיער־און־צוואַנציג שטונדען און אין איין פּלאַץ אויסקוקען פאַר דעם לעזער כמעט אַזוי ניט אינטערעסאַנט, ווי די אַטאַקירטע שטות׳ען גופא; אָבער ער מוז געדענקען, אַז די אויטאָריטעט פון בואַלאָ איז נאָך דאַמאַלס אין פראַנקרייך געשטאַנען הויך און ניט געבראָכען.

די שטעלען אין יענער הקדמה, וואו הוגאָ דריקט אויס זיין פּערזענליכע טעאָריע וועגען פּאָעזיע, זיינען אַ סך מעהר באַלעה־רענד בנוגע צו זיין אייגענער פּסיכאָלאָגיע, כאָטש ער איז אַזוי פיעל אַ פּאָעט און אַזוי וועניג אַ דענקער, אַז זיינע אַרגומענטען זיינען זעהר זעלטען, אַלס אַ כלל, איבערצייגענד.

דער עיקר ביי איהם איז דער קאַמף, וואָס ער פיהרט אַן געגען דער אידעאַליסטישער, נאַכגעמאַכט־קלאַסישער טענדענץ אין דער טראַגעדיע. ער טוט עס, — ווי זאָנדערבאַר! — אין דעם נאָמען פון דעם קריסטענטום און מיט דער הילף פון אַ גרויסען היסטאָ־

רישען איבערבליק, געבויט אויף אזא פאַלשע סיסטעמע, ווי אירגענד וועלכע פון זיין צייטגענאָסע, קוזען, אָז ווענען ער דערמאָנט אונז. ער אונטערשיידט דריי גרויסע עפּאָכען: די פּרימיטיווע, ווען די פּאָעזיע איז ליריש; די צייט פון דער אוראַלטער ציוויליזאַציע, ווען זי טראָגט אַן עפּישען כאַראַקטער; און די עפּאָכע פון דעם קריסטענטום, וואָס איז די צייט פון דער דראַמע. די אייגענט־ליכע כאַראַקטעריסטיק פון דער פּאָעזיע פון דער קריסטליכער פּע־ריאָדע, וועלכע איז ביי איהם דאָס זעלבע, ווי די מאָדערנע, באַ־שטעהט אין דעם, וואָס אויסגעפינענדיג דורך דער רעליגיאָן, אַז דער מענש באַשטעהט פון צוויי עלעמענטען, פון אַ גוף און אַ נשמה, פון בשר־ודם און אַ גייסט, מאַכט זי פּלאַץ פאַר דיביידע עלעמענטען, וועלכע פלעגען פריהער אין דער ליטעראַטור אויס־שליסען איינע די אַנדערע; פאַר דאָס ערהאַבענע און דאָס קאָמישע, אין איין און דעם זעלבען ווערק. עס איז שוין מעהר ניט קיין מוז, אַז די טראַגעדיע זאָל דורכאויס זיין פייערליך; זי קען זיך אויך ענטוויקלען אין אַ דראַמע.

ווען מיר טראַכטען וועניגער וועגען דעם וואָס הוגאָ זאָגט, ווי וועגען דאָס, וואָס ער מיינט אייגענטליך צו זאָגען, זעהען מיר, אַז דער עיקר פון די דאָזיגע נאַרישוואָטע חקירות איז אַ נאַטוראַ־ליסטישע טענה געגען דער אַבסטראַקטער שעהנקייט אַלס אַ זאַך, וואָס דאַרף זיין דער עצם און דער העכסטער אינהאַלט פון קונסט. זיין געדאַנק איז אַט־וואָס: מיר וועלען זיך אַבזאָגען פון אַנגע־נומענע כללים; מיר וועלען זיך ניט פיהלען פאַרפליכטעט אויס־צושליסען פון דער ערנסטער פּאָעזיע אַלץ, וואָס דערמאָנט אונז דירעקט דאָס בשר־ודם אין אונז. מיר זעהען עס פון די ביישפּיע־לען, וואָס ער ברענגט; דער ריכטער אויף דער ביהנע מעג זאָגען: „דער געמשפּט׳ער איז פאַראורטיילט צום טויט. — און יעצט קומט עסען מיטאָג“. דער קעניגין עליזאַבעטה איז ערלויבט צו זידלען זיך (אויף דער ביהנע) און אין דער זעלבער צייט צו רעדען לאַ־טייניש; קראָמוועל קען זאָגען: „איך האָב דעם פּאַרלאַמענט אין זאַק און דעם קעניג אין מיין קעשענע“. צעזאַר, זיצענדיג אין זיין טריאומף־וואָגען, מעג זיך מורא האָבען, אַז ער זאָל זיך ניט איבערקעהרען. הוגאָ דערמאָנט נאַפּאָלעאָן׳ס ווערטער: „פון ער־

האָבענעם צום לעכערליכען איז נאָר איין שריט", און רופט עס אַ וועה־געשריי, וועלכער דריקט אויס דעם גאַנצען תּמצית פון דער דראַמאַ און פון דעם לעבען.

ווי שטאַרק מגוזמ'דיג הוגאָ'ס שפּראַך זאָל ניט זיין, — דאָס וואָס ער מיינט זאָגען איז פּשוט. ער ברענגט אַרויס דעם עסטעטישען ווערט פון דאָס מיאוס'ע. ער טוט עס אין פאַרשיידענע אויסדרוקען. ער זאָגט, אַז דאָס שעהנע שליסט איין נאָר די פאָרמע אין איהר אַבסאָלוטער סימעטריע, אין איהר איינפאַכסטער פערהעלטניש און אין איהר טיעפסטער האַרמאָניע מיט אונזער אינערליכען מהות, אָבער דאָס מיאוס'ע איז נאָר אַ פּרט פון אַ פיעל גרעסערען האַרמאָנישען כלל, וועלכען מיר קענען ניט לייכט משיג זיין. און אַט זאָגט ער גם אזוי: דאָס מיאוס'ע האָט טויזענדע פאָרמען אין דער צייט ווען דאָס שעהנע איז אָרים, האָבענדיג איין אויסדרוק. דעם דאָזיגען געדאַנק קען מען אָראָב'פּטר'ן אַלס איינעם פון די גרעסטע שטות'ען, וואָס אַ פּאָעט האָט ווען עס איז אַרויסגעזאָגט. זיינע געגנער האָבען די טעאָריע זיינע פאַראָדירט אין אַ כלל: „דאָס מיאוס'ע איז שעהן" (ווי עס זינגען די מכשפות אין „מאַקבעט"), און מען האָט איהם באַקעמפט מיט די זעלבע טענות, מיט וועלכע אַ גרויסער טייל פון די ראָמאַנטיקער האָבען זיך אין די זיבעציגער יאָהרען באַנוצט געגען דעם עקסטרעמען רעאַליזם.

איז דען דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיזם ניט געווען אַ שלעכט פאַרמאַסקירטער נאַטוראַליזם? וואָס דען האָט וויקטאָר הוגאָ געפאָדערט אין זיין נאָמען פון דעם יונגען דור אויב ניט די נאַטור — געטריי צו מאָלען זי, איהרע לאָקאַלע און היסטאָרישע פאַרבען? איז דען זשאָרזש זאַנד ניט די טאָכטער פון רוסאָ, וועלכער האָט געפּרעדיגט די תּורה פון דער נאַטור? און בעיל און מערימעי, — זיינען זיי דען ניט האַלב ברוטאַלע און האַלב עלעגאַנטע פאַרגעטערער פון דער נאַטור? ווערט דען באַלזאַק אין אונזער צייט ניט פאַרעהרט אַלס דער גרינדער פון דער נאַטוראַליסטישער שולע?

דער ענטפער איז פּשוט. הוגאָ'ס לאָזונג איז, אמת, געווען — נאַטור און וואַרהייט, אָבער ער האָט פריהער פון אַלץ און אַלס דעם עיקר אַרויסגעשטעלט די נויטיגקייט צו מאָלען דעם קאָנטראַסט,

די קינסטלערישע געגענשטעלונג, אויף דעם סמך פון דעם מיטעל־אַלטערישען גערדאַנק וועגען דעם היפּוך צווישען דעם גוף און דער נשמה; אויף דעם איז געבויט דער דואַליסטישער ראָמאַנטיזם. „דער סאַלאַמאַנדער פאַרהעכערט די וואַסער־נימפע (אונדינע) און דער גנאָם פאַרשעהנערט די עלפע", זאָגט ער. ער האָט געפאָדערט וואַרהייט צו דער נאַטור, אָבער ער האָט געגלויבט, אַז דאָס קען מען דערגרייכען דורך דעם צוזאַמענברייננגען פון אַנטקעגענגעזעצטע זייטען פון דער נאַטור, אַרויסשטעלענדיג איהרע היפּוכים איינע נעגען די אַנדערע — דאָס שעהנע און דאָס חיה'שע, עסמעראַלדאַ און קוואַזימאָדאָ, די פאַרגאַנגענהייט פון אַ קורטעזאַנקע און די ריינסטע ליעבע פון מאַריאָן דעלאָרם, בלוטדורשטיגקייט און מוטערליכע צערטליכקייט אין לוקרעציא באָרזשיאַ.

אין זיין פריהערער יוגענד האָט די נאַטור זיך פאַרגעשטעלט פאַר וויקטאָר הוגאָ אַלס אַ מין אַריעל־קאַליבאַן, אַלס דער סכום פון איבערמענשליכער אידעאַליטעט און אוננאַטירליכער בעסטיאַליטעט, אַלס אַ פּועל־יוצא פון צוויי איבערנאַטירליכע ערשיינונגען. דאָס איז געווען אַ באַגריף, וואָס האָט געשטימט מיט דעם דייטש־סקאַנדינאַווישען ראָמאַנטיזם; אָבער ביי הוגאָ טרעט ער בײַ לעבוויז אָב זיין פּלאַץ פאַר אַ גרויסאַרטיגען פאַנטעאיזם, וואָס האָט זיך אַמבעסטען אויסגעדריקט אין זיין שעהנער און טיעפזיניגער פּאָעמע „דער סאַטיר" און אין זיין „לעגענדע פון דעם יאָהרהונדערט."

שפּורען פון דער דאָזיגער צווייענדיגקייט, ליעבע צו דער נאַטור און אַנטציקטקייט מיט דאָס אוננאַטירליכעס, קען מען שטאַרק באַמערקען אין דער יעצט אויפבליהענדער ליטעראַטור. אַלע איהרע שרייבער זינגען שבחים דער נאַטור, אָבער אַלץ דאָס, וואָס זיי מיידען אויס און פאַראַכטען אונטער דעם נאָמען פּראָזאַאישעס און אַלטעגליכעס איז זעהר אָפט גראָדע די איינפאַכע נאַטור, וואָס איז אָמנעהענטסטען. בלויז די ראָמאַנטישע נאַטור איז זיי ליעב. זשאָרזש זאַנד אַנטלויפט פון דער האַרטער ווירקליכקייט אין דעם קעניגרייך פון שעהנע חלומות, און טעאָפיל גאָטיעי — אין דער וועלט פון שעהנע קונסט. זשאָרזש זאַנד אין „ליליאַ", באַלזאַק אין „פאַטער גאָריאָ" מאַכען דעם אידעאַלען, אַלמעכטיגען קאַטאָרזשניק

צו משפט'ן די געזעלשאפט. באלזאק שרייבט אפילו פאנטאסטישע לעגענדעס נאך דעם מוסטער פון האפמאן. און אין זייער שפראך זיינען זיי נאך מעהר גענייגט אויסצומיידען דאס געוויינליכע, דאס פשוט'ע, ווי אין זייערע כאראקטערען. אין גיכען ענטוויקלען זיי אן אנגעבלאזענע מליצה־שפראך, וועלכע איבערשטייגט נאך די מליצה פון דער קלאסישער עפאכע. דאס איז געווען די גאלדענע צייט פון ברענענדיגע, בליסטשענדיגע בייווערטער. מליצה'דיגע, הויכע ווערטער אהן א שיעור האבען דורכגעפלאכטען דעם זאץ, ווי דורכזיכטיגע דימענטען, און האבען אלע ווייל'ע געעפענט אונ־ענדליכע האריזאנטען. אויף אזוי ווייט קען מען דעריבער זאגען, אז סיי דער סטיל, סיי די אידעאלע שטערבונגען פון די יונגע שרייבער זיינען געווען ריין ראמאנטישע. אבער נאר אזוי ווייט.

ביי הוגא, דעם גרינדער פון דער שולע, איז די דאפעלדיגע ליעבע צו דער נאטור און צו דאס אוננאטירליכעם געווען א פועל־יוצא פון זיין פערזענליכער אייגענארטיגקייט. זיין אויג איז געווען אזא, וואס האט אין אלץ געזעהן און אויפגעכאפט די היפוכים. זיין גערדאנק האט געהאט אן אינערליכע נייגונג צו אנטיטעזען. שוין אין דער מעלאדראמע פון זיינע יונגערע יאהרען — אין „אינעז דע־קאסטרא", ווי אויך שפעטער אין זיין „מאריא טודאר", געפינען מיר אויף איין זייט פון דער ביהנע א תליה און אויף דער צווייטער זייט א טראהן, א קעניג און א תליון פנים אל פנים. א קורצע צייט איידער עס איז ערשיענען זיין הקדמה צו „קראמ־וועל" האט הוגא אפט ארומגעשפאצירט, דערצעהלט אונז זיין פרוי, אויף איינעם פון די פארשטעדטישע בולווארען, אויף דעם מאנ־פארנאס. „דארטען, גראדע אנטקעגען דעם בית־הקברות האט א טרופע אקראבאטען און קונצענמאכער פאנאנדערגעווארפען איהרע ביידלאך. דער דאזיגער היפוך צווישען קאמעדיאנסטווע און לויות האט איהם פעסט געמאכט אין זיין גערדאנק צו שאפען א דראמע, אין וועלכע די געגענזאצען קומען זיך צוזאמען; דא איז עס איהם געקומען אויפ'ן געדאנק דער דריטער אקט פון „מאריאן דעלאם", וואו דער מארקיז דע־האנזשי מאכט דעם טראגישען, פרובטלאזען פארזוך צו ראטעווען זיין ברודער פון דער תליה אין דער צייט ווען, אלס קאנטראסט, דער הויף־נאר פראוועט זיינען חכמות".

אין דער זעלבער פאָררעדע צו „קראָמוועל“, דאָרטען וואו ער פאַרטיידיגט דעם געדאַנק, אז די האַנדלונג מוז פאָרגעשטעלט ווערען אין דעם פּלאַץ, וואו עס איז היסטאָריש ווירקליך פאָרגעקומען, שרייבט ער:

„קען דען דער דיכטער האָבען די העזה צו ערמאָרדען ריציאָ אין אַ אַנדער פּלאַץ, אויסער אין דעם צימער פון מאַריאַ סטואַרט, אָדער אַרונטערצוהאַקען די קעפּ פון קאַרל דעם ערשטען און לואי דעם פערצעהנטען ערגעץ אַנדערש, ווי אויף יענע טראַגישע פּלעצער אַנטקעגען דעם ווהייט־האָל און דעם טוליערי, ווי די תליות וואָלטען בכיוון אַזוי געמאַכט געוואָרען, אז זיי זאָלען זיין אַ בעגענזאַץ צו די פּאַלאַצען?“

ניט קוקענדיג אויף אַלע זיינע באַהויפּטונגען, פאַרשטעהט, אין דער ווירקליכקייט, דער דיכטער ניט די ערשיינונגען פון דער אַרומיגער נאַטור. ער זעהט ניט ווי זיי ווירקען אַלס פאָרמירענדע, ענטוויקלענדע קראַפט אויף דער מענשליכער נשמה; ער באַנוצט זיך מיט זיי ווי מיט גרויסע סימבאָלען פון די געוואַלדיגע איבערקערענישען פון דעם מזל; ער שטעלט זיי אויס איינע געגען דער אַנדערער ווי די קוליסען אין אַ מעלאָדראַמע.

ווען מיר קוקען אין דעם אַריין טיעפער, וואָס זעהען מיר? מיר זעהען אַ כאַראַקטעריסטיק, וועלכע באַשטימט ביז אַ געוויסען גראַד אַ סך פון די ווערק פון די פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער און וועלכע איך וועל בקיצור אַזוי אויסדריקען: דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיזם, ניט קוקענדיג אויף די אַלע עלעמענטען, וואָס ער האָט בשותפות מיט'ן אַלגעמיין־אייראָפּעאישען ראָמאַנטיזם, איז אין פיעלע הינזיכטען אַ קלאַסישע ערשיינונג, אַ פּראָדוקט פון דער קלאַסישער פראַנצויזישער רעטאָריק.

מיט דעם געברויך פון ווערטער קומט אין דער וועלט פּאַר וואונדערבאַרע זאַכען. ווען דער וואָרט ר אָ מ אַ נ ט י ש ע ר איז צום ערשטען מאָל איינגעפיהרט געוואָרען אין דייטשלאַנד, האָט ער בעדייטעט כמעט דיזעלבע זאַך ווי ר אָ מ אַ נ י ש ע אָדער רוימישע און האָט באַצייכענט רוימישע אַנשטעלען און באַפּוצונגען, סאָנעטען און קאַנצאָנען; די ראָמאַנטיקער האָבען ענטוזיאַסטיש באַוואונדערט דעם רוימישען קאַטוליציזם און דעם גרויסען רוי־

מישען פאעט קאלדעראן, וועמעס ווערק זיי האבען ענטדעקט, האבען איבערגעזעצט און געריהמט. ווען, מיט איין דור שפעטער, דער ראמאנטיזם האט דערגרייכט פראנקרייך, האט דער זעלבער ווארט באקומען גראדע א פארקערטע באדייטונג, — עס האט געמיינט די דייטש־ענגלישע ריכטונג אין געגענזאץ צו דער גריכיש־לאטייניש, ראמאנישער טענדענץ; עס האט באצייכענט דאס גערמאניש־אנגלא־זאקסישע. דאס ערקלעהרט זיך איינפאך מיט דעם, וואס אלץ, וואס איז פרעמד, מאכט אין אלגעמיין א „ראמאנטישען” איינדרוק. די קונסט און די ליטעראטור פון א פאלק מיט אזא איינהייטליכע קולטור, ווי, למשל, די אלט־גריכישע, איז קלאסיש; אבער ווי נאר אזא פאלק ענטדעקט אנאנדער קולטור, וועלכע קוקט איהם אויס פרעמד און משונה׳דיג, מאכט זי אויף איהם דעם איינדרוק ווי עטוואס ראמאנטישעס, זי ווירקט אויף איהם ווי א לאנדשאפט, וועלכען מען זעהט דורך א געפארבטע גלאז. די פראנצויזישע ראמאנטיקער האבען זיך פארהאלטען מיט פאראכטונג צו זייערע אייגענע נאציאנאלע אויסצייכנונגען, צו דער קלארקייט און צו דער דורכזיכטיגער פארשטענדליכקייט פון זייער ליטעראטור און זיי האבען געריהמט שעקספיר און געטע דערפאר, וואס יענע פאעטען האבען ניט, ווי ראסין, און ביז א געוויסען גראד אויך קארנעי, פאנאנדערגעגלידערט דעם מענשליכען לעבען אין זיינע איינצעלנע עלעמענטען, האבען ניט פארגעשטעלט איינצעלנע געפיהלען און ליידענשאפטען, וועלכע שאפען זיינע טראגישע סתירות, נאר האבען, פארקעהרט, אהן קיין מליצה׳דיגען באשרייבען פון די איינצעלנע טיילען, ארויסגעפיהרט אויף דער ביהנע דעם גאנצען מענשליכען לעבען מיט אלע זיינע פארפלאנטערטע אינערליכע צוזאמענשטויסען. די ראמאנטיקער האבען געוואלט נאכפאלגען ד ע ם גרויסען ביישפיעל.

אבער וואס איז געשעהן? — אונטער זייערע הענט, אונטער די הענט פון לאמארטעין, אלפרעד דע־וויני, זשארזש זאנד, סעינט־בעוו, איז דער ווירקליכער לעבען ווידער אמאל צושמאלצען און צוגלידערט געווארען. אונטער די הענט פון וויקטאר הוגא און אלעקסאנדער דיומא האבען זיך פון דאס לעבען געבילדעט, ווי אין דער קלאסישער טראגעדיע, גוט־אויסגערעכטע קאנטראסטען. ארד־

נונג, מעסיגקייט, אַריסטאָקראַטישע פיינקייט, אַ דורכזיכטיגע און בילדערלאָזע שפּראַך האָבען באַשטימט ביי נאַדיעי, בעיל און מע־רימעי, אַקוראַט ווי ביי די קלאַסיקער פון דעם אַכצעהנטען יאָהר־הונדערט, די דיכטערישע פאָרמע. די לייכטע, פרייע, לופטיגע איינבילדונגס־קראַפט, וועלכע מישט צוזאַמען אין איין גאַנצע זאַך די פאַרשיידענאַרטיגסטע איינפעלע פון דער פאָעטישער פאַנטאַזיע, פאַראייניגט דאָס נאָהענטע און דאָס ווייטע, דעם היינט מיט דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, דאָס געטליכע און דאָס מענשליכע, דאָס ווירקליכע און דאָס אונמעגליכע, פאָלקס־לעגענדעס און טיעפזיניגע אַלעגאָריעס אין איין און דעמזעלבען ווערק, מאַכענדיג פון זיי איין גרויסע סימבאָלישע שאַפונג, — די דאָזיגע עכט־ראָמאַנטישע פאָעזיע איז ביי זיי נים געווען. זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהן די טענץ פון די עלפען, האָבען קיינמאָל ניט געהערט די קלאַנגען פון זייער גראַציעזער מוזיק טראַגענדיג זיך פון די לאַנקעס. כאָטש זיי האָבען באַלאַנגט צו דער קעלטישער ראַסע לויט זייער אַבשטאַמונג, זיינען זיי אָבער אין דער ווירקליכקייט געווען לאַטיינער, האָבען געפיהלט ווי אַ לאַטיינער, האָבען געשאַפען ווי אַ לאַטיינער; און דער וואָרט „לאַטיין" האָט געמיינט קלאַסיש. אויב מען זאָל אונטער דעם וואָרט ראָמאַנטיזם פאַרשטעהן, ווי מען פאַרשטעהט עס געוועהנליך, אַן אינהאַלט, וועלכער איבערטרעפט די פאָרמע, אַן אינהאַלט, וועלכער איז ניט באַהערשט פון די כללים וועגען דער פאָרמע, ווי ביי זשאַן פאָול און טיק, אָדער ווי ביי שעקספּיר און ביי געטע אין דעם „חלום אין אַ זומערנאַכט" און אין דעם צווייטען טייל פון פאַוסט, דאַמאָלס זיינען אַלע פראַנ־צויזישע ראָמאַנטיקער קלאַסיקער: מעריִמעי, זשאָרזש זאַנד, און אַפילו וויקטאָר הוגאָ זיינען קלאַסיקער. די ראָמאַנטישע דראַמע פון הוגאָ איז געווען אַזוי אַבסטראַקט, גוט איינגעאָרדערט, קלאָר און מליצה׳דיג, ווי וועלכע עס איז טראַגעדיע פון קאָרנעי.

אַגב, דערמאָהנענדיג דעם נאָמען, געהט מיין געדאַנק ניט ווי־לענדיג אַריבער פון דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דער עפּאָכע צו דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דער ראַסע. אין וויקטאָר הוגאָ, וועלכער שיינט צו באַקעמפען קאָרנעי, לעבט קאָרנעי ווידער אויף.

דורך דעם פראַנצויזישען פאָלקס־כאַראַקטער געהען דורך פיעל אָדערען: פון ספקות, פון שפּאַסמאַכעריי, פון סאַטירע; די אָדער־ליניע — מאַנטעין, לאַפאָנטעין, מאָליער, מאַטהורען, רעניעי, פיער בעיל א. אַ. וו.; אַ ריין גאַלישער פאָלקסבלוט־אָדער: ראַבלעי, דידראָ, באַלזאַק; און צווישען אַנדערע געהט אויך דורך דער אָדער פון העלדענמוט, פון באַגייסטערונג, וועלכער שלאָגט אַזוי שטאַרק אין די ווערק פון קאָרנעי און וועמעס בלוטען עס פאַנגען ווידער אָן צו שטרוימען אין וויקטאָר הוגאָ. ווען מיר פאַרגלייכען וויק־טאָר הוגאָ אין זיין פּאַטעטישען טאָן מיט אַנדערע פּאָעטען, גע־פינען מיר, אַז אין כמעט דער גאַנצער וועלט ליטעראַטור איז ניטאָ איינער, צו וועמען ער זאָל זיין אַזוי עהנליך, ווי צו דעם אַלטען קאָרנעי. איןביידענס פראַנצויזישער מליצה איז דאָ עטוואָס שפּאַ־נישעס, שפּאַניען האָט זיי ביידען זיכער שטאַרק באַאיינפלוסט; אויף קאָרנעי איז דער איינפלוס געקומען דורך דער ליטעראַטור און אויף הוגאָ דורך זיין לעבען אין שפּאַניען אין זיינע קינדער־יאָהרען. די דראַמע, וועלכע האָט קאָרנעי'ען באַריהמט געמאַכט, איז „סיד“, אין וועלכער אַ שפּאַנישע טעמע ווערט באַהאַנדעלט אין שפּאַנישען גייסט, לויט שפּאַנישע מוסטערען. די דראַמע, וועלכע האָט הוגאָ'ן געשאַפען זיין גרויסען נאָמען, איז „הערנאַני“ — שפּאַ־ניש לויט איהר סוזשעט און דעם קאָלדעראָנישען גייסט וועגען באַגריפען פון עהרע. אָבער אין דיביידע דראַמען ווערט ארויס־געשטעלט און געפּרעדיגט דער ריינער העלדענטום. זיי זיינען שולען פאַר העלדען. ניט דעם מענשען אין זיין פּיעלזייטיגקייט שטעלט קאָרנעי פאָר, נאָר דעם העלד; ביי וויקטאָר הוגאָ ווערט די העלדישקייט פאַרפאָלשטענדיגט דורך אַ ווילדע ליידענשאַפט.

מיר וועלען וואַרפען אַ בליק אויף „הערנאַני“, ארום וועלכער עס איז פאָרגעקומען דער קאַמף צווישען דער פּאַרטיי פון דער פאַרגאַנגענהייט און דער פּאַרטיי פון דער צוקונפט. וועגען די אויסערליכע אומשטענדען, ביי וועלכע די דראַמע איז צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט געוואָרען, האָט מען שוין אָפט דערצעהלט: נאָך איידער מען האָט זי אויפגעפיהרט האָט מען געגען דער פּיעסע אָבגעטאָן פאַרשיידענע שפּיצלאַך. די אַנהענגער פון דער אַלטער

שולע האבען פון הינטער די טירען זיך איינגעהערט צו די פראָבעס, האבען אויפגעכאפּט איינציגע שורות, האבען זיי פארדרעהט און קאריקאטוריש פּאראָדירט. א פּאראדיע פון איהר האט מען אויפגעפיהרט פריהער פון דער דראמע גופא. דער מחבר האט געהאט א שטארקען קאמף מיט דעם צענזאר. ער האט געמוזט קעמפען פאר כמעט יעדען פערז פון דער שפּיעל. די איינציגע שורה: „שרעקעדיגער, נארישער און שלעכטער קעניג פון קאסטיליען“ האט ארויסגערופען א לאנגע קארעספּאנדענץ. ענדליך, אפילו די מעהרסטע אקטיארען און אקטריסעס אליין האבען זיך פיינדליך פארהאלטען צו דער פּיעסע און נאר איינער פון זיי האט מיט חשק געשטודירט זיין ראלע. ווי באוואוסט, האט הוגא זיך ענטזאגט צו דינגען א קלאק, באצאהלטע בראווא־פּאטשער, און אנשטאט דעם האט ער פאר זיך אויסגעדונגען דריי הונדערט פּלעצער אין טעאטער פאר די ערשטע דריי אווענדען. די געטרייעסטע פון זיינע געטרייע אנהענגער, יונגע לייט, וועלכע האבען זיך אליין מודה געווען, אז זיי פּלעגען פארברייגען זייערע נעכט שרייבענדיג די ווערטער „לעבען זאל וויקטאר הוגא“ אויף די ארקארען און די אריינגאנגען פון דער ריוואלי גאס מיט דעם ניט גאר שעהנעם צוועק צו רייצען זיך מיט דער באלעבאטישער בורזשואזיע, האבען צוזאמענגענומען יונגע מאלער, ארכיטעקטארען, פּאעטען, סקולפּטארען, מוזיקער, זעצער, וועלכע זיינען גרייט געווען אויף דעם פּאראל, וואס הוגא האט פאר זיי אויסגעקליבען — „היערא“ (אייזען) — מיט אן אייזערנער עקשנות צו פּארטיידיגען די פּיעסע געגען איהרע שונאים. נאך איידער דער פּארהאנג האט זיך אויפגעהויבען האט אויסגעבראכען א שטורם, און יעדען מאל, ווען מען האט די פּיעסע אויפגעפיהרט, איז דער גיהנום׳שער טומעל אין טעאטער געווען אזוי גוואלדיג, אז מען האט מיט גרויסע שוועריגקייטען געקענט דורכשפּילען זי ביז׳ן סוף. הונדערט אווענדען נאכאנאנד האט מען „הערנאני“ אין טעאטער אויסגעפייפט, און הונדערט אווענדען כסדר איז דאס פייפעריי באגעגענט געווארען מיט שטורמס פון אפּלאדיסמענטען פון דער ענטוזיאסטישער יוגענד, וועלכע איז צוליעב זייער באגייסטערונג נים מיעד געווארען אווענד־נאך־אווענד אויסצוהערען די זעלבע פּסוקים

און צו פאַרטיידיגען פסוק נאָך פסוק געגען דער שנאה, צורייצטקייט, קנאה און די גרויסע כוחות פון די געגנער. יעצט שיינט עס צו זיין אַ קלייניגקייט, אָבער עס איז כדאַי צו באַמערקען, אַז פראַנקרייך איז דאָס איינציגע לאַנד, וואו עס האָט זיך ווען עס איז געפונען אַ יוגענד מיט אַזאַ גייסט פון פאַרבינדענקייט אָהן קיין שום אויסערליכען בונד, מיט אַזאַ אייגעננוצלאָזער איבערגעבענהייט צו דער זאַך און צו דעם כבוד פון אַ זייטיגען מענשען.

די געגנער, פון זייער צד, פלעגען אויסקויפען די לאָזשען און לאָזען זיי ליידיגע, כדי די צייטונגען זאָלען קענען באַריכטען, אַז דער טעאַטער איז געווען פוסט; אַנדערע פלעגען זיך אומקערען מיט׳ן רוקען צו דער ביהנע, אייניגע האָבען געמאַכט פאַרצווייפעלטע העויות, ווי זיי וואָלטען שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען דאָס שפּיעלען; זיי האָבען זיך געמאַכט ווי פאַרטאָן אין לייענען צייטונגען; האָבען געטראַסקעט מיט טירען פון די לאָזשען ארויס און אַריין; האָבען אויפ׳ן קול שפּאַטיש געלאַכט, האָבען געשריען, געסיקעט און געפייפט אַזוי, אַז אַן אַנטשלאָסענע פאַרטיידיגונג איז געוואָרען אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט.

אין „הערנאַני“ איז ניטאָ קיין איין איינציגער געפיהל, וועלכער זאָל ניט זיין אָנגעצויגען ביז צום העכסטען גראַד. דער העלד איז אַ נאָבעלער געניאַלער מענש פון דעם סאָרט, וועלכער פלעגט עקזיסטירען אין דער פאַנטאַזיע פון צוואַנציגיעהריגע יונגעלייט. זיין זשעני טרייבט איהם צו אַ לעבען פון אַ פיהרער פון אַ באַנדע גזלנים און ער האָט אַזוי פיינט דעם שכל הישר, אַז אויס בלויזער גרויסהערציגקייט טוט ער אָפּ דעם גרעסטען שטות; ער באַווייזט זיך אין דער עפענטליכקייט, לאָזט אַרויס פון זיינע הענט זיין טויט־שונא און גיט זיך אַליין אַרויס אויף יעדען טראָט. אַלס הויפּט פון דער באַנדע האָט ער אונבאַגרענעצטע הערשאַפט איבער זיינע מענשען, אָבער דאָס האָט ער, ווי עס שיינט, בלויז אַ דאַנק זיין מוטיגקייט, וואָרים די מעשים, וואָס ער טוט אָפּ, פּאַסען זיך פאַר אַ נאַאיווען קינד. דאָך איז דאָ אַ סך לעבען און ווירקליכקייט אין דער פּיעסע.

אַט דער אידעאַליסטישער און נאָבעלער באַנדיט, וועלכער פיהרט אַן אַז אונאויפהערליכען קאַמף געגען דער אָרגאַניזירטער

געזעלשאַפט אַלס הויפּט פון אַ געטרייער און ענטוזיאַסטישער באַנדע, דערמאַנט אונז אַן דעם דיכטער אַליין, דעם ליטעראַרישען נער־ונד־ניק, וועלכער האָט אין דעם פּאַרקעט און אין די גאַלערעעס אויסגעזעצט זיין חברה יונגעלייט, וואָס האָבען לויט זייערע בגדים אויסגעקוקט ווי די חברה גזלנים אויף דער סצענע. הוגאָ׳ס פרוי באַשרייבט דעם עולם צושויער, וועלכער איז דעם ערשטען אָווענד געקומען אין טעאַטער אויף איהר מאַנ׳ס איינלאַדונג, אַלס „אַ חברה ווילדע, מאָדנע ברואים, מיט פאַרלאָזענע בערד, לאַנגהאָריגע, אָנ־געטהון אין בגדים פון אַלע סאָרטען מאָדעס, אויסער די מאָדע פון יענער צייט: אין וואָהלענע רעק און שפּאַנישע מאַנטלען, אין ראָבעספּיער־וועסטען און אין היטלען פון דער צייט פון הענרי דעם דריטען, באַווייזענדיג זיך אין פּאַריז אין העלען טאָג ביי די אריינגאַנגען פונ׳ם טעאַטער אָנגעטאָן אין די פאַרשיידענסטע בגדים פון אַלע יאָהרהונדערטע און אַלע לענדער״. זייער היציגע איבער־געבענהייט צו הוגאָ איז געווען אַזוי גרויס, ווי הערנאַני׳ס רויבער־באַנדע צו זייער הויפּט. זיי האָבען געוואוסט, אַז הוגאָ האָט באַ־קומען אַן אַנאָנימען בריעף, אין וועלכען מען האָט איהם געסטראָ־שעט מיט׳ן טויט „אויב ער וועט ניט צוריקציהען זיין שמוציגע פּיעסע״, און כאָטש עס איז געווען ווענינ וואַהרשיינליך, אַז דער סטראַשונאַק זאָל ווירקליך אויסגעפיהרט ווערען, האָבען צוויי פון דער חברה באַגלייט הוגאָ אַהין און צוריק פון דעם טעאַטער יעדען אָווענד, כאָטש ער און זיי האָבען געוואָהנט אין די וויטסטע איינע פון די אַנדערע עקען פון פּאַריז.

צווישען הוגאָ׳ס פּאַפּירען פון יענער צייט געפינט זיך אַ פּראַכט־פולער בריוועלע פון דעם מאָלער שאַרלעי, אין וועלכען עס שפּיג־לען זיך אָפּ די שטימונגען פון יענער יוגענד:

„פיער פון מיינע יאַניטשאַרען שלאָגען מיר פאָר זייערע גע־זונטע הענט, איך שיק זיי צו בוקען זיך פאַר אייערע פיס, בע־טענדיג פאַר פיער פּלעצער פאַר היינטיגען אָווענד, אויב עס איז ניט צו שפּעט. איך בין ערב פאַר מיינע מענשען; זיי זיינען חברה, וועלכע וועלען זיך לאָזען אָפּשניידען זייערע קעפּ, כדי נאָר צו באַקומען פּאַרוקען. איך האָב זיי אין די דאָזיגע נאָבעלע געפיהלען ערמוטיגט און איך לאָז זיי ניט אָפּ אָהן מיין פאַטערליכער ברכה.

זיי שטעלען זיך אויף די קניע. איך שפּרייט אויס מיינע הענט און זאָג: זאָל אייך גאָט באַשיצען, יונגע מענשען! די זאַך איז אַ גוטע; טוט אייער פליכט! זיי הויבען זיך אויף און איך בין מוסיף: יעצט, מיינע קינדער, פּאַסט גוט אויף אויף וויקטאָר הוגאָ. דער רבונו של עולם איז אַ גוטער, אָבער ער האָט אַזוי פיעל צו טאָן, אַז אונזער פריינד מוז פריהער פון אַלץ פאַרלאָזען זיך אויף אייך. געהט, און פאַרשאַפט ניט קיין שאַנדע פאַר יענעם, וועמען איהר דיענט. אָמן.

מיט מיין גוף און מיט מיין נשמה אייערער,

שאַרלעי".

געשטיצט פון אַזוינע איבערגעבענע ענטוזיאַסטען, האָט די ראָמאַנטישע קונסט אין איהר קאַמף געגען איהר פאַנאַטישער געגנערשאַפט געשטורעמט דעם שונא'ס ערשטע שאַנסען און האָט געוואונען איהר ערשטען ענטשיידענעם זיעג.

די יונגע לייט האָבען געהערט פון דער ביהנע דעם אויסדרוק פון זייער אייגענער טראַציגקייט און זייער דורשט נאָך אונאַבהענגיגקייט, זייער אייגענעם מוט און איבערגעבענהייט, זייערע אידעאַלען און זייערע עראָטישע נטיות, נאָר אַנגעציהען אויף נאָך אַ העכערען טאָן; און זייערע הערצער האָבען דערביי זיך געשמאָלצען.

דאָס איז געווען אין פעברואר 1830, פינף חדשים פאַר דער יולי־רעוואָלוציע, ווען דער פלאַכסטער מאַטעריאַליזם האָט דעם לעבען געמאַכט פאַרבלאָז. פראַנקרייך איז געווען אַזוי רעגעלמעסיג אויסגע'סדר'ט, ווי די דורכגענגע אין די ווערסאַלער גאָרטענס; זי איז געווען רעגיערט פון אַלטע לייט, וועלכע האָבען מקרב געווען נאָר אַזוינע יונגע מענשען, וועלכע האָבען זיך אין די שולען אויסגעלערענט צו שרייבען לאַטיינישע שירים לויט אַלע כללים פון גראַמאַטיק און האָבען זיך זינט דאַמאָלס אויסגעצייכענט אויף זייערע עמטער מיט אַבסאָלוט קאָרעקטער אויפפיהרונג. דאָרטען, אין טעאַטער, זיינען זיי געזעסען, די דאָזיגע קאָרעקטנע יונגע לייט, שעהן אויסגעפּוצטע, אַנגעטאָן אין האַלזטיכער און מיט האַרטע, שטעהענדיגע קאָלנערלאַך. דער היפּוך פון זיי זיינען געווען די יונגע לייט אין פּאַרקעט; איינער מיט צעפּ, וועלכע האָבען דערלאַנגט ביז'ן גאַרטעל און מיט אַ פּורפּור־רויטען אַטלאַסנעם רעקעל,

אַ צווייטער מיט אַ רובענס־היטעל און נאַקעטע הענט, אַהן הענד־שיך א. אַ. וו. זיי האָבען געהאַסט די מעכטיגע פּיליסטערישע בורזשואַזיע ווי הערנאַני האָט געהאַסט די טיראַניי פון קאַרלאָס דעם פינפטען. זיי האָבען געפיהלט אין זיך זייערע כחות. אויך זיי זיינען געווען פרייע רויבער פון די בערג, אָרים און שטאָלץ, אייניגע מיט רעפּובליקאַנישע חלומות, די מעהרסטע פון זיי פאַרגעטערער פון קונסט. דאַרטען זיינען זיי געשטאַנען, כמעט אַלע גאונים — באַלזאַק, בערליאָז, טעאָפיל גאָטיעי, זשעראַר דע־נערוואַל, פּעטר באָרעיל, פּרעאָ, פאַרמעסטענדיג זיך מיט זייערע געגנער פון דעם זעלבען דור. זיי האָבען ביי זיך געפיהלט, אַז, לכל הפחות, זיינען זיי ניט קיין זוכער פון עמטער, יאָגען זיך ניט נאָך אַ ווייבען לעבען, בעטלען ניט און זוכען ניט קיין מקורבות׳שאַפט, ווי די אַנדערע; זיי זיינען עס געווען די לייטע, וועלכע האָבען עטליכע מאָנאַטען שפּעטער געמאַכט די יולי־רעוואָלוציע און וועלכע האָבען אין אַ משך פון עטליכע יאָהר נאָכדעם געגעבען פראַנקרייך אַן ערשטקלאַסיגע ליטעראַטור און קונסט.

מיר ווייסען ווי זיי האָבען זיך פאַרהאַלטען צו „הערנאַני“. וואָס האָבען זיי געזעהן אין דעם צווייטען הויפּט־כאַראַקטער, אין קאַרלאָס, דעם קעניג פון שפּאַניען? לכתחילה איז ער פאַר זיי אַבשטויסענד. מען האָט ווייניג אמונה אין דער הייסער ליעבע פון דעם קאַלטען, אויסגערעכענטען הערשער צו דאָננאַ סאָל; און אגב, ברויכט ער גוואַלד און ניטווירדיגע מיטלען אריינצובאַקומען זי. אָבער דער דיכטער שטעלט איהם צוביסלאַכווייז אַוועק אויף אַ העכערען שטאַפּעל. מיר זעהען אַלץ קלאָהרער ווי גרויס עס זיינען די אַמביציעס, וואָס פיהלען אַז זיין נשמה.

עס איז געווען דער גרויסער מאָנאָלאָג פון קאַרלאָס ביים קבר פון קאַרל דעם גרויסען, וואָס האָט ענטשידען דעם גורל פון דער דראַמע יענעם אָוונד, און דער דאָזיגער פּיעל־קריטיקירטער און אויסגעלאַכטער מאָנאָלאָג איז אין דער ווירקליכקייט אַ מייסטער־ווערק פון אַ יונגען דיכטער. אַפילו ווען מען ווייס ניט די אומ־שטענדען, קען מען לייכט זעהן, ווי היסטאָריש ניט ריכטיג עס איז, ווי אונמעגליך עס איז, אַז קאַרלאָס דער פינפטער זאָל האָבען אַזעלכע געדאַנקען; אָבער מיר ווערען פאַרכאַפּט פון דער גע־

טרישאַפט, מיט וועלכער ער שפּיגעלט אָפּ די פּאָליטישע אידעען און די חלומות פון דעם יאָהר 1830, און פון דעם וואונדערבאַרען פּאָליטישען חוש, וואָס דער פּאָעט ווייזט ארוים. עס איז דער היסטאָרישער חוש, וועלכער איבערראַשט אונז אַמאָל אין פּאָעטען; שילער האָט איהם אַרויסגעוויזען זייענדיג בלויז 21 יאָהר אַלט, אין זיין „פיעסקא". הערט דאָן קאַרלאָס' באַשרייבונג פון איי־ראָפּאַ:

„עס איז אַ געביידע מיט צוויי מענשען אויף איהר שפּיץ, צוויי ערוועהלטע הערשער, צו וועלכע אַלע געבאָרענע קעניגע מוזען זיין אונטערטעניג — דער קייזער און דער פּאַפּסט. כמעט אין אַלע מלוכות באַקומען די הערשער זייער מאַכט בירושה און זיינען, אויף אַזוי וויט, אין דער האַנט פון אַ צופאַל; אָבער דאָס פּאָלק האָט צייטענווייז אַ געלעגענהייט צו ערוועהלען זייער פּאַפּסט און זייער קייזער; דורך דעם ווערט דאָס גלייכגעוויכט ווידער צוריק־געשטעלט. די קורפירסטען אין זייערע גאָלדענע מאַנטלען און די קאַרדינאַלען אין זייערע פורפורענע קאַפּאָטעס זיינען די שלוחים, דורך וועלכע גאָט מאַכט זיין וואַהל.

„זאָל זיך נאָר וועלכע עס איז אידעע, מיט וועלכער די נויטען פון דער צייט האָבען שוין לאַנג געשוואַנגערט, באַווייזען אויף דער וועלט, און זי וועט נעהמען וואַקסען, אויפהויבען זיך אַלץ העכער און העכער, וועט אַלץ דורכדרינגען, וועט זיך דורכלייגען אַ וועג צו די מענשען און פאַרכאַפּען זייערע הערצער; פיעלע הערשער וועלען טרעטען איהר אונטער זייערע פיס, אָבער זאָל זי נאָר אין אַ שעהנעם טאָג זיך דורכלייגען אַ וועג צום ראַט פון די קורפירסטען און צום קאָנקלאַוו (פון די קאַרדינאַלען) און די הערשער וועלען פּלוצלינג דערזעהן, אַז יענע אידעע, וועלכע האָט אַזוי לאַנג געליטען אין קנעכטשאַפט, הויבט זיך אויף העכער פון זייערע געקרוינטע קעפּ מיט דעם ערדקוגעל אין איהר האַנט און מיט אַ דרייפאַכער קרוין אויף איהר קאָפּ און זיי וועלען דערפיהלען, אַז זי שטעהט אויף זייער האַלז־און־נאַקען און ווישט אָפּ איהרע שיכלאַך אָן זייערע האָר".

דער דיכטער האָט זיכער ניט געטראַכט וועגען קאַרלאָס דעם פינפטען, ווען ער האָט דאָס געשריבען, נאָר וועגען אַ קייזער, וועל־

בער איז געווען נעהענטער צו זיין צייט, אַ קייזער, וועגען וועלכען ער האָט ערשט געשריבען אין זיין „אָדע פון דעם זייל אויף דעם ווענדאָם־פּלאַץ", אַז זיינע שפּאָרען זיינען שווערער פון קאַרלאָס דעם פינפטענ׳ס סאַנדאַלען. מען טאָר ניט פאַרגעסען, אַז אין יענער צייט האָט באַגייסטערונג פאַר נאַפּאָלעאָנען ניט געמיינט, אַז מען איז אַ באָנאַפּאַרטיסט; עס האָט נאָר באַדייטעט, אַז מען איז אַ געגנער פון דער רעגירונג און אַ פריינד פון פּראָגרעס. דער נאַפּאָלעאָן, וועלכען זיי האָבען פאַרגעטערט, איז ניט געווען דער טיראַן פון פראַנקרייך, נאָר דער מענש, וועלכער האָט ערנידעריגט קעניגע און די גע׳ירש׳ענטע מאַכט. דער קייזער, איז פאַרגלייך מיט דעם קעניג, איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דאָס פאָלק. דערפאַר איז דער יונגער דור געווען זעהר טיעף גערירט, ווען זיי האָבען געהערט ווי קאַרלאָס שרייט אויס אין זיין מאָנאָלאָג:

„הערשער, טוט אַ קוק אונטער אייערע פיס! דאָרטען איז דאָס פאָלק, דער ים, וועלכער שליידערט אָפט אום אייערע טראָה־נען! דער שפּיגעל, אין וועלכען דער הערשער זעהט זיך זעלטען אַן ארומגעפּוצטען!"

בכן, דאָס זיינען רעוואָלוציאָנערע, גאַנץ מאָדערנע זכרונות און משלים, וואָס לויפען אַלע ווייטע דורך דעם געדאַנק פון קאַרלאָס דעם פינפטען. אין קבר ווערט ער פאַרוואַנדעלט אין אַזאַ פאָלקס־קייזער, וועגען וועלכען מען האָט אין די מאָדערנע צייטען אַזוי אָפט געטרוימט, און די גראַנדיעזע אַמביציעס, וועלכע באַהערשען זיין נשמה, ווערען אויסגעלייטערט דורך זיין שטאַרקע שטרעבונג צו געפינען אַן אויסוועג פאַר גיגאַנטישע פּראָבלעמען און דורכ־צופיהרען אונגעהויערע אויפגאַבען. דער מאַן, וועלכער איז לכתחילה געווען אַזוי אַבשטויסענד פאַר די יונגע צושויער, ווענעם חיה׳שע תאוה האָט איהם אַוועקגעשטעלט אַזוי נידריג אין פאַרגלייך מיט זיין גרויסמוטיגען געגנער הערנאַני און די שטאָלצע פרוי, וועמען ביידע האָבען געליעבט, אַנטזאָגט זיך לסוף, אַלס קייזער, פון אַלע זיינע מיאוס׳ע תאוות, איז מוחל זיינע שונאים, און די צוויי גליק־ליכע פאַרליעבטע צייגען זיך פּלוצלינג אַרוים צו זיין קליין און נישטיג אין פאַרגלייך מיט איהם.

מיט זיין האַנד אויפ'ן האַרצען, זאָגט קאַרלאָס אין דער שטיל פאַר זיך:

„פאַרלעש זיך זשע, מיין יונגע, פלאַמענדיגע האַרץ! זאָל הערשען דער קאָפּ, וואָס דו האָסט שטענדיג פאַרדרעהט! דיינע געליעבטע וועלען פון יעצט אָן זיין דייטשלאַנד, פלאַנדערן, שפּאַניען!"

און וואַרפענדיג אַ בליק אויף דעם קייזערליכען דגל, זאָגט ער ווייטער:

„דער קייזער איז עהנליך צו זיין באַגלייטער, דעם אַדלער. אַנשטאַט אַ האַרץ האָט ער אַ שילד".

אַזעלכע ווערטער, ווי די, האָבען געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק אויף דער אַמביציעזער יוגענד, וואָס איז געווען דער עיקר עולם ביי דער פּיעסע. די דראַמע, די טראַגעדיע פון אַמביציע האָט זיי געריהרט אַזוי טיעף, ווי דער דראַמאַטישער קאַמף פאַר אונאַבהענגיגקייט. זיי האָבען געוואוסט, אַז גרויסע היסטאָרישע צוועקען און אויפגאַבען ווערען געשאַפען און דורכגעפיהרט נאָר דורך אַ מוטיגען ווילען, וועלכער ווערט געשפייזט פון די עדעלסטע געפיהלען, פאַרלאַנגען און געגוסען, וואָס ווערען געבראַכט אַלס קרבן און ווערען פאַרברענט אויף דעם מזבח פון דעם צוועק — דערפאַר האָבען זיי פאַרשטאַנען קאַרלאָס'ן.

אָבער דאָך איז דער פינפטער אַקט, מיט זיין פּראַכטפולען, ריין־לירישען דועט צווישען די געליעבטע, — דער פּערל פון דער פּיעסע. דאָ איז די ליעבע פאַרגעשטעלט געוואָרען אַזוי, ווי די יונגע האָבען זי געפיהלט, ווי זיי האָבען געוואָלט זי צו זעהן. דער דאָזיגער געשפּרעך ביים שוועל פון דעם חתן־כלה צימער, אין וועלכען עס איז די פאַרליעבטע ניט באַשערט געווען אַריינצוקומען; דער דאָזיגער געמיש פון אַזאַ גרויסען, ערנסטען גליק, וואָס, ווי הערנאַני זאָגט, פאָדערט אַ האַרץ פון בראָנז ער זאָל זיך קענען אין איהם איינהאַלטען, און פון שרעקליכער מורא פאַר פאַרניכטונג; די דאָזיגע תאוה, וואָס איז אַזוי צניעות'דיג און האַרמאָניש אין איהר, איז אַזוי ריין און פלאַמענדיג אין איהם און איז אַזוי חדוה'דיג אין ביידען; די דאָזיגע ניט־ערדישע פאַרחלומטקייט

פון דאָננאַ סאָל און די שטרעבונג פון הערנאַני צו פאַרגעסען די פאַרגאַנגענהייט און זיין צופריעדען מיט דער רוהיגער געגענ־וואַרט, — דאָס איז געוועזען דער סאָרט ראָמאַנטיזם, וואָס די יוגענד פון דער צייט האָט געפאָדערט און וואָס זי האָט באַגריסט מיט דונערדיגע אַפּלאָדיסמענטען.

אַלס אַ דראַמע איז „הערנאַני" אין העכסטען גראַד ניט פאָל־קאָם; עס איז אַ ליריש, מליצה׳דיג, מגוזמ׳דיג ווערק. עס האָט אָבער די איין העכסט וויכטיגע מעלה, וואָס אַ זעלבסטשטענ־דיגער און באַדייטענדער מענש זאָגט אין איהם אַרויס זיין נשמה אָהן צוריקהאַלטען זיך. פון אַזאַ ווערק איז מעגליך אַ סך אויס־צוגעפינען וועגען דעם אינערליכען גייסט פון דעם שרייבער. ער דריקט זיך דאָ אויס מיט זיין זשעני, מיט זיין שמאָלקייט, מיט זיין כאַראַקטער, מיט זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, — מיט זיינע באַגריפען וועגען פרייהייט און וועגען מאַכט, וועגען עהרע און וועגען גרויסקייט, וועגען ליעבע און וועגען טויט.

און דאָס ווערק שטעלט פאַר אונז פאַר ניט נאָר וויקטאָר הוגאָ און אַ טייל פון שפּאַניען פון דעם יאָהר 1519, נאָר אויך דעם יונגען דור פון דער צייט און אַ שטיק פון פראַנקרייך פון דעם יאָהר 1830. „הערנאַני" איז דער שורש־הנשמה, וועלכער האָט באַגייסטערט די פראַנצויזישע יוגענד אין דער עפּאָכע פון דער יולי־רעוואָלוציע; עס איז אַ בילד פון פראַנקרייך, וואָס, אין דער ליכט פון דעם ראָמאַנטיזם, וואַקסט אויס אַלס אַ בילד פון דער וועלט.

ווען אָבער, אַנשטאָט אָבצוגעבען זיך מיט איין איינציגען ווערק, פאַרטיפען מיר זיך, ווי יעצט, אין דאָס שטודירען פון אַ גאַנצע ליטעראַטור, געהען פאַרביי אונזער בליק גאַנצע מחנות פון ביל־דער: פון שטימונגען, פון געדאַנקען, פון איינצעלנע געשטאַל־טען און פון וועלטבילדער. מיר וועלען זיי אָפּהאַלטען און פאַר־גלייכען זיי איינעם מיט׳ן אַנדערען צו זעהען אויף וויפיעל זיי שטימען איין אָדער זיינען ממלא איינער דעם אַנדערען; אויף אַזאַ אופן וועלען מיר קענען באַשליסען מיט באַשטימטקייט דעם גרונד־כאַראַקטער פון דער עפּאָכע. נאָכדעם וועלען מיר זיי פאַר־

ביילאָזען פאַר אונז אין זייער היסטאָרישען סדר און פּרובירען זיך, פּאָרזיכטיג אָנצומערקען די זאַכען, אין וועלכע זיי אונטערשיידען זיך איינער פון דעם אַנדערען, און געפינען די געזעצען, וועלכע שאַפען די פאַרשיידענהייטען; מיר וועלען אַזוי נאָכקוקען דעם פליהען פון די פיילען, וואָס צייגען די ריכטונג פון די גייסטיגע שטרעמונגען.

4.

שאַרל נאָדיעי.

אַנפאַנגענדיג מיט דעם יאָהר 1824 און ווייטער פלעגען הוגאָ, דומאַ, לאַמאַרטין, סעינט־בעוו, דע־מוסעי און דע־וויני כמעט אַלע זונטאָג אָווענד זיך פאַרזאַמלען ביי אַ פריינד, וועלכער האָט יענעם יאָהר זיך באַזעצט אין אַ פאַריזער פאַרשטעטעל, לעבען דעם אַרסענאַל, אין אַ באַשיידענע וואוינונג, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „דער קליינער טוליערי“, דער טוליערי פון דער ראָמאַנטישער שולע. דער בעל־הבית איז געוועזן אַ מאַן, וועלכער האָט לויט זיין עלטער באַלאַנגט צום פריהערדיגען דור (ער איז געבאָרען געוואָרען אין דעם יאָהר 1780), אָבער לויט זיינע גייסטיגע השגות איז ער געוועזן נאָהענט צו דער ניי־אָנקומענדער ליטעראַטור, וואָס ער האָט באַלד אָהן קיינע חקירות גענומען אונטער זיין שוץ. זיין נאָמען איז געוועזן שאַרל נאָדיעי.

נאָדיעי האָט אין זיין לעבען זעהר פיעל דורכגעמאַכט. אַלס קינד האָט ער אין בעזאַנקאָן און אין שטראַסבורג דורכגעלעבט דעם טעראָר פון דער רעוואָלוציע. זייענדיג נאָך גאָר אַ יונגער מענש האָט ער אָנגעשריבען אַ ליעד געגען נאַפּאָלעאָנען, איז אַרעסטירט און פאַרפאָלגט געוואָרען. ווען ער איז געוועזן אַכצעהן יאָהר האָט ער אָנגעשריבען איין ווערק וועגען דער פראַנצויזישער שפּראַך און אַ צווייטען וועגען געוויסע אינסעקטען. זיינע קענטנישע אין שפּראַכען האָבען איהם געהאָלפען צו באַהערשען די ליטעראַרישע פאָרמען און די נאַטורוויסענשאַפט האָט פאַר איהם ענטדעקט די סודות פון לעבען. זיין ערשטע דיכטערישע פּראָבע, „דער מאָלער פון זאַלצבורג“, געהערט צו די שריפטען, וועלכע איך האָב באַשרי־

בען אין מיין בוך וועגען דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור. יענע ליטעראַטור איז געווען אַ סאָרט הקדמה צו דער גרויסער ראָמאַנטישער שולע, אָבער פון אַלע שרייבער פון יענער ליטעראַטור איז נאָדיעי געווען דער איינציגער, וועלכער האָט מיט דעם קומענדען דור ניט נאָר געלעבט, נאָר אויך געשאַפען צוזאַמען. די אומשטענדען פון זיין פּערזענליכען לעבען האָבען זיך אַפּט און פיעל געענדערט. דאָס האָט געווירקט אויף זיין איינבילדונגס קראַפט און רייכער געמאַכט זיין פאַנטאַזיע. צוערשט האָט ער געלעבט אַלס עמיגראַנט אין די זשוראַ־בערג, שפּעטער האָט ער רעדאַקטירט אַ ציישונג אין איליריע, צולעצט איז ער געווען אַ ביבליאָטעקאַר אין פּאַריז. *)

נאָדיעי׳ס שטאַרקסטע כאַראַקטעריסטיק אַלס דיכטער איז דאָס, וואָס ער פלעגט שטענדיג מקדים זיין ליטעראַרישע באַוועגונגען מיט צעהן און מיט צוואַנציג יאָהר פאַראויס. זיין ראָמאַן „זשאַן זבאָגאַר“, אַ רויבער־געשכטע לויט דעם מוסטער פון קאַרל מאָאָר, נאָר אין וועלכען די האַנדלונגען פּאַסירען אין אילירי, וואו ער האָט עס אָנגעשריבען אין דעם יאָהר 1812 און אַרויסגעגעבען אין 1818, כאָטש עס איז זעהר ניט קיין לעבעדיגע און ניט קיין אינטערעסאַנטע מעשה, איז מערקווירדיג מיט דעם, וואָס דער שרייבער האָט נאָך פיעלע יאָהרען פאַר דער צייט פון פּרודאָן און די מאָדערנע קאָמוניסטען (אַנאַרכיסטען) אויסגעדריקט דורך זיין העלד איינינגע פון די שטאַרקסטע ווארהייטען און סאָפיזמען פון דער קאָמוניסטישער (אַנאַרכיסטישער) לעהרע. זשאַן זבאָגאַר שרייבט:

„ווען מיר זאָלען זיך צוריקקעהרען צו דער צייט, ווען די יעצטיגע געזעלשאַפט איז געבאָרען געוואָרען, וואָלטען מיר אויסגעפינען, אַז ווען אַן אָרימאַן גנב׳עט פון אַ רייכען, מיינט עס נאָר, אַז דער שטיק זילבער אָדער דאָס ברויט געהט צוריק אַריבער פון דעם רשות פון דעם גנב אין דעם רשות פון דעם באַ־גנב׳עטען“.

„גיט מיר די מאַכט, וועלכע האָט די העזה צו רופען זיך געזעץ,

---

*) נאָדיעי׳ס ווּנזנד און זיינע ערשטע ליטעראַרישע ווערק זיינען באַשריבען און אָפּגעשעצט אין דעם ערשטען באַנד: „די פראַנצויזישע עמיגראַנטען־ליטעראַטור“, ז. 119—127.

און איך וועל אייך אָנווייזען די גנבה, וואָס רופט זיך מיט'ן נאָמען אייגענטום".

„וואָס איז אַזוינס דער געזעץ, וועלכער רופט זיך קאָנסטיטוציע און באַפּוצט זיך מיט דעם נאָמען פון גלייכהייט? איז עס דער אַגראַר־געזעץ? ניין, עס איז דער שטר־מכירה, וואָס אינטריגאַנ־טען און פּאַרטיי־מענשען האָבען אויסגעמאַכט כדי אָנצוקלייבען פאַר זיך עשירות און איבערצוגעבען דאָס פאָלק אין די הענט פון די רייכע".

„פרייהייט איז ניט אַזאַ זעלטענער אוצר; מען קען זי געפינען אין די הענט פון די שטאַרקע און אין די בייטלען פון די רייכע. דו ביזט דער האַר איבער מיין געלד. איך בין דער האַר פון דיין לעבען. גיב דאָס געלד און דו קענסט זיך האַלטען מיט דיין לעבען".

זשאַן זבאָגאַר איז, ווי מיר זעהן, ניט קיין פּשוט'ער גזלן, נאָר אַ רויבער־אַ־פילאָסאָף. די נאַטירליכסטע זאַך אין איהם איז דאָס, וואָס ער טראָגט אויף אינגלאַך, און דעם דאָזיגען רעאַליסטישען שטריך האָט מאַדאַם נאָדיעי שיעור פון איהם ניט צוגענומען. נאָדיעי האָט זיך געוועהנליך בלינד געלאָזט פיהרען פון זיין פרוי'ס געשמאַק און פאַרלאַנגען. אָבער עס פלעגט זיך איהם אַמאָל פאַרוועלען צו רעוואָלטירען, פלעגט ער זיך ענטשולדיגען מיט דעם, וואָס אַלע אַנדערע מאָל פאָלגט ער זי. מאַדאַם נאָדיעי פלעגט שטענדיג איהם אויפוואַרפען: „פאַרגעס זיך ניט, אַז דו האָסט זיך ענטזאָגט פון מיינטוועגען מקריב צו זיין זשאַן זבאָגאַר'ס אויף אינגלאַך". מען זאָגט, אַז דאָס איז געווען דער איינציגער ליטעראַרישער חלוקי־דעות, וואָס איז ווען עס איז פאָרגעקומען צווישען דער פּאָרעל.

די וועלט האָט שוין געווען פאַרגעסען דעם קליינעם ראָמאַן, ווען נאַפּאָלעאָן איז אַרויס מיט זיינע מעמואַרען, וואו ער דער־צעהלט, אַז ער האָט געהאַט ביי זיך „זשאַן זבאָגאַר" אויף דעם סען־העלענא אינזעל און אַז ער האָט איהם דאָרטען געלייענט מיט אינטערעס. דער ראָמאַן באַלאַנגט צו נאָדיעי'ס איבערגאַנגס פּע־ריאָדע. ער האָט איהם אָנגעשריבען איידער זיינע כאַראַקטעריס־טישע אייגענשאַפטען האָבען זיך ענטוויקעלט. דאָס איז פאָרגע־קומען אין דער צייט ווען די ראָמאַנטישע שולע האָט זיך אָנגע־פאַנגען צו פאָרמירען. ער איז, אַזוי צו זאָגען, געשטאַנען ביי דער

אפענער טיר פון דער ליטעראטור און האט דארט אויפגענומען די פארשטעהער פון דער נייער שולע. זיין איבערבליק איבער וויקטאר הוגא׳ס אינגעלשען ראמאן „האן ד׳איסלאנד״ איז א קליין מייסטער־ווערק פון שארפע, אבער סימפאטישע קריטיק. דאס איז געווען אן אנפאנג פאר א ווארימע פריינדשאפט צווישען די צוויי שרייבער. ער האט ארויסגעוויזען אזא וואונדערבאר ריכטיגען פארשטעהן פון וויקטאר הוגא, אז ווען איינער לייענט די קריטיק יעצט, איז שווער צו גלויבען, אז שרייבענדיג זי איז נאדיעי ניט געווען באקאנט מיט דעם דיכטער׳ס אלע שפעטערע שאפונגען. ער האט זיי אלע פאראויסגעזעהן פון „האן ד׳איסלאנד״.

די ערצעהלונגען, וואס נאדיעי האט יעצט אנגעפאנגען צו שרייבען, באזיצען אזא אייגענארטיגען צויבער און חן, וואס איז זעלטען אין דער פראנצויזישער ליטעראטור. זיי צייכענען זיך אויס מיט א מימאזענהאפטיגער עמפינדליכקייט, און זיי מאלען הויפטזעכליך די ערשטע אויפרעגונגען פון ליעבע אין די הערצער פון יונגע בחורים און מיידלאך; זיי מאכען דעם איינדרוק, ווי די פרישע טוי פון דעם לעבענס־פריהמארגען וואלט אויף זיי גערוהט; זיי דערמאנען אונז דעם ריח פון די שפראצונגען אין וואלד אין פריהלינג. עס איז א גוט באוואוסטער פאקט, אז עס איז שווער צו געפינען פראנצויזישע ביכער מיט א ליטעראַרישען ווערט, וועלכע זאלען פאסען צו לייענען פאר יונגע מיידלאך; אבער אזעלכע ערצעהלונגען, ווי נאדיעי׳ס „טהערעז אבער״, אדער די זאמלונג ערצעהלונגען אונטער דעם נאמען „די זכרונות פון דער יוגענד״ זיינען אין דעם פרט אן אויסנאם. דאס העכסטע, וואס מען קען מיט זיי ריזיקירען, איז, אז זיי וועלען ארויסרופען אין די מחות פון די יונגע לעזערינס פלאטאנישע חלומות; ווארים די דאזיגע ערצעהלונגען זיינען אזוי סענטימענטאל ווי צניעותדיג; די ליעבע, וואס ווערט אין זיי באשריבען, איז א פריינדשאפט קוים באריהרט פון דעם געשלעכטליכען געפיהל, דאך פארכאפט זי אינגאנצען די הערצער פון די קליינע, יונגע מענשען. דער רייץ פון דעם לעבען פון די געפיהלען, וואס ווערט אין די ביכער געמאלען, באשטעהט אין דעם, וואס די ערפאהרונג רופט נאך ניט ארויס קיין חשד אין די מחות און קיין פאלשער אדער

אמת׳ער שטאָלץ שטערט ניט די העלדען צו באַווייזען זייערע אָפענע הערצער. דורך דעם, וואָס די אַלע ערצעהלונגען זיינען באַגרינדעט אויף דעם רעאַלען לעבען, אויף די זכרונות פון די יונגע יאָהרען פון דעם שרייבער, האָבען זיי אַלע אַלס זייער הינטערגרונד די שרעקען פון דער צייט פון דער רעוואָלוציע און זיי ענדיגען זיך אַלע אָדער מיט אַ געצוואונגענער צושיידונג אָדער מיט דעם טויט פון איינעם פון די פאַרליעבטע.

אַ קינדערשע צערטליכקייט איז דער הויפּט שטריך פון נאָדיעס כאַראַקטער. ער איז דורך זיין גאַנצען לעבען פאַרבליבען אַ גרויסער קינד, ווייט פון דער וועלט, מיט אַ מיידעלשער פאַרשעמטקייט ניט נאָר פאַר דאָס אונריינע, נאָר אויך אפילו פאַר דעם שטאַנדפּונקט וועגען ליעבע פון דערוואַקסענע מענשען.

איבער דעם דאָזיגען יסוד פון נאַאיווע פרישקייט פון די געפיהלען הויבט זיך אויף, ווי אַז אויבערשטע געביידע, אַ רייכע אייגענאַרטיגע פאַנטאַזיע. נאָדיעי האָט געהאַט אַזאַ פרוכטבאַרע, שטאַרקע איינבילדונגסקראַפט, דאָס מען קען גלויבען, אַז ער האָט שטענדיג געלעבט אין חלומות און אין האַלוצינאַציעס. ער האָט געהאַט די געפעהרליכע טבע, וואָס אַ געוויסער סאָרט מענשען מיט אַ פאַנטישען טעמפּעראַמענט האָבען: ער האָט זעלטען געקענט זאָגען דעם אמת. קיינער, אפילו ער אַליין, האָט קיינמאָל אויף זיכער ניט געוואוסט, אויב דאָס, וואָס ער דערצעהלט, איז אמת אָדער פאַנטאַזיע. חוזק־מאַכעריי איז דער מיטען צווישען דיביידע זאַכען. נאָדיעי׳ן האָט מען באַטראַכט אַלס דעם אינטערעסאַנטסטען שמועסער אין פראַנקרייך, און ער פלעגט זיך אפילו אַממינדסטען ניט באַליידיגען, ווען זיינע פריינד פלעגען איהם זאָגען, אַז זיי גלויבען קיין וואָרט ניט פון דעם, וואָס ער דערצעהלט זיי.

אויף אַ נסיעה, וואָס ער און הוגאָ, צוזאַמען מיט זייערע פרויען, האָבען געמאַכט אין דרום פון פראַנקרייך, האָבען זיי זיך געוועזען אָפּגעשטעלט אין אַן אַריינפאָהר אין דער שטעדטעל עסאָן אַפּצורעסען דאָרט פריהשטיק. עס איז געוועזען דער זעלבער פּלאַץ, וואו מען האָט אמאָל אַרעסטירט אַ מאַן מיט׳ן נאָמען לעסורק, וועמען מען האָט אין דעם יאָהר 1796 פאַר׳משפּט צום טויט אויף דער

קלאגע פון מארד און וועגען וועלכען מען האט שפעטער אויסגעפונען, אז ער איז געווען אומשולדיג. נאדיעי, וועלכער האט לעסורקין געקענט, אדער האט נאר געזאגט, אז ער האט איהם געקענט, האט אנגעהויבען צו דערצעהלען די געשיכטע מיט אזא ווארימקייט, אז ביי די דאמען האבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען און די שטימונג ביים אנבייסען איז געווארען א גע׳פּטר׳טע. נאדיעי האט באמערקט מאדאם הוגא׳ס נאסע אויגען און האט געזאגט:

„איהר ווייסט דאך, מאדאם, דאס איינער קען אמאל ניט זיין זיכער, אז ער איז דער פאטער פון זיין קינד; אבער האט איהר ווען עס איז געהערט, אז א מוטער זאל האבען אזוינע ספקות?“

— „וואס האט אייך געמאכט צו דענקען וועגען אזא זאך?“ — האט מאדאם הוגא געפרעגט.

— „אט דער ביליארד“.

אין א דערבייאיגען צימער איז געווען א ביליארד־טיש. ווען מען האט געבעטען נאדיעי ער זאל ערקלערען וואס ער רעדט, האט ער מיט א היבש־ביסעל היץ דערצעהלט די פאלגענדע געשיכטע:

„צוריק מיט צוויי יאהר איז צום גאסט־הויז צוגעפאהרען א וואגען, א פולער מיט אמען, וועלכע זיינען געפאהרען פון פאריז מיט קינדער, וואס מען האט אפגעגעבען צו האדעווען אין דארף אריין; זיי האבען זיך אפגעשטעלט טאקע דא, אין דעם זעלבען איינפאהר. כדי זיי זאלען בעסער הנאה האבען פון זייער אנבייסען, האבען די אמען אוועקגעלייגט די קינדער אויף דעם ביליארד טיש. אבער אין דער זעלבער צייט, ווען זיי זיינען געזעסען אין עס־צימער, זיינען אין גאסט־הויז אנגעקומען בעלי־עגלות, וועמען עס האט זיך פארוואלט צו שפּיעלען ביליארד; האבען יענע ארונטערגענומען די קינדער פון טיש און אוועקגעלייגט זיי וואו זיי האבען נאר געקאנט אויף די ביינקלאך. ווען די אמען זיינען צוריק אריין אין ביליארד־צימער, זיינען זיי געווארען זעהר צוטומעלט: זיי האבען בשום אופן ניט געקענט דערקענען וואס׳ער קינד באלאנגט צו וועמען. די עופּה׳לאך זיינען געווען זעהר יונג און זיינען געווען עהנליך איינע צו די אנדערע. לסוף האבען זיי די קינדערלאך פארטיילט צווישען זיך אזוי, אז די אם, וועלכע האט געפיהרט מיט זיך א אינגעל זאל באקומען א אינגעל, און די, וואס

האָט געפיהרט אַ מיידעל זאָל באַקומען אַ מיידעל. אויסער דעם איז גאָר ניט געווען זיכער צו זיי האָבען באַקומען די ריכטיגע קינדער; און יעצט זיינען דאָ אין פראַנקרייך צעהנדליגע מוטערס, וועלכע טרעפען גאַנץ פרעמדע קינדער, וואָס זיינען זעהר עהנליך צו זיי אַליין אָדער צו זייערע מענער".

— „וואָס פאַר אַ משונה'דיגע געשיכטע! — האָט מאַדאַם הוגאָ אויסגעשריען: — זיינען דען גאָר ניט געווען קיין סימנים אויף די קינדערשע העמדעלאַך?"

— „אויב איהר וועט זיך נעמען גריבלען צי אַ זאַך איז וואַהר־שיינליך צי ניין, וועט איהר קיינמאָל דעם אמת ניט אויסגעפינען"— האָט נאָדיעי געענטפערט גאָר ניט צומישט און צופריעדען מיט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט.

ער אַליין האָט זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט וואַהר־שיינליכקייטען. דאָס איז געווען ניט זיין וועלט; ער האָט גע־לעבט אין אַ וועלט פון לעגענדעס, פון פאַנטאַסטישע, משונה'דיגע מעשות און צויבער־געשיכטעס. אויב פעען (צויבערינס) זיינען ווען עס איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון אַ שטערבליכען, איז דער שטערבליכער געווען שאַרל נאָדיעי. און אין דער פעע האָט ער געגלויבט זיין גאַנצען לעבען; ער האָט זי ליעב געהאַט און זי האָט איהם געליעבט, און זי האָט זיך געמישט אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבען. דאָס וואָס ער איז געווען פאַרהייראַט געזעצליך לויט די מנהגי־העולם צו מאַדאַם נאָדיעי, האָט עס גייסטיג ניט געהאַט קיין גרעסערען ווערט, ווי דאַנטע'ס הייראַט מיט דזשעמאַ דאָנאַטי. זיין אמת'ע כלה, זיין ווירקליכע בעאַטריסע, איז געווען די פעע (צויבערין) בעלקיס, די געוועזענע מלכה־שבא, וועמען ער (און נאָך איהם זשעראַר דע־נערוואַל) האָט אַזוי אָפט באַזונגען.

די וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, איז די זעלבע, אין וועלכער אָבעראָן און טיטאַניאַ געהען אַן מיט זייערע ראָמאַנטישע טענץ, אין וועלכער די ניגונים פון „טויזענד און איין נאַכט" מישען זיך צוזאַמען מיט די מעלאָדיען פון דעם אָרקעסטער פון דעם הי־מעלישען אַריאַל, וואו פוק שפּריינט אויס פאַר זיך אַ בעט פון די קנאָספּען פון רויזען אין דער צייט ווען אַלע בלומען פאַרשפּריי־טען זייערע ריחות אין דער זומער־נאַכט. עס איז אַ וועלט, וואו

עס קומען פאַר אַלע געשטאַלטען פון דעם ווירקליכען, גרויסע
לעבען, אָבער זיי קומען פאַר משונה'דיג פאַרגרעסערט אָדער משונה־
דיג פאַרקלענערט, צופאַסענדיג זיך צו די השגות פון קינדער אָדער
צו דער פאַנטאַזיע פון די טרוימער.

דאָ האָבען מיר, ווי נאָדיעי אַליין זאָגט עס ערגעץ, אָדיסעי'ען,
וועלכער איז ווייט אַרומגעפאָהרען איבער דער וועלט, אָבער וועלכער
ווערט פאַרוואַנדעלט אין דעם „אינגעלע־גרויס־ווי־א־פינגערל“,
וועמעס גוואַלדיגע ים־נסיעה באַשטעהט אין דעם, וואָס ער שווימט
אַריבער אַן עמער מילך; דאָ זעהען מיר אַטעלאַ, דעם שרעקליכען
מערדער פון זיין פרוי, נאָר זיין באָרד, אַנשטאָט שוואַרץ, איז בלוי
און ער קעהרט זיך איבער אין אַ „ראָלף די בלויע באָרד“; דאָ איז
פיגאַראָ, דער קלוגער משרת, וועלכער מאַכט חוזק אונטער די
פלייצעס פון יחוס'דיגע אדונים, אָבער ער קעהרט זיך איבער אין
קאָטער. דער דאָזיגער קאָטער אין שטיוועל, כאָטש ניט אַזוי קאָ־
מיש, איז אָבער פסיכאָלאָגיש ניט ווייניגער אינטערעסאַנט פון
איהם אַליין.

קיין שרייבער פון דער פראַנצויזישער ראָמאַנטישער עפּאָכע
האָט ניט אַזאַ נאָהענטע שייכות מיט די דייטשע און ענגלישע ראָ־
מאַנטיקער, ווי נאָדיעי. ווער עס איז ניט באַקאַנט מיט זיינע
ווערק קען באַקומען אַ השגה וועגען זיי דערמאָנענדיג זיך די
שדים־מעשות פון וואָלטער סקאָט און האָפמאַנ'ס פרייע פאַנטאַ־
זיעס. אָבער דאָס וועט ניט געבען קיין פאָרשטעלונג וועגען נאָד־
יעי'ס קינסטלערישער אָריגינאַליטעט. זיין אייגענאַרטיגקייט באַ־
שטעהט אין דעם, וואָס מאָלענדיג ראָמאַנטישע זאַכען, איז ביי איהם
אַליין ניטאָ דאָס, וואָס מיר רופען געוועהנליך ראָמאַנטישעס; גראָ־
דע פאַרקעהרט, ער איז שטרענג אַטטיש, קלאַסיש איינפאַך, אָהן
צו־פיעל פאַרבען, אָהן ליידענשאַפט, אָהן דעם שלייער פון דעם
עדינבורגער נעבעל, ווי ביי וואָלטער סקאָט, אָדער דעם דאַמף פון
די וויינען פון די בערלינער שענקען, ווי ביי האָפמאַן. זיין כאַראַק־
טעריסטיק אַלס סטיליסט באַשטעהט אין דעם, וואָס בשעת די יונגע
ראָמאַנטיקער אַרום איהם האָבען געברויכט אַ שפּראַך, וואָס אַפּע־
לירט מעהר צו די חושים און האָבען זייערע אידעען פאַרגעשטעלט
דורך בילדער, האָט ער אַליין באַשריבען די ווילדסטע ראָמאַנטישע

פאַנטאַזיעס אין אַ קלאָרער און אײנפאַכער שפּראַך פון פּאַסקאַל און באַסויעי. ווי היציג נאָדיעי האָט ניט פאַרטיידיגט די נייע ריכטונג פון דער ליטעראַטור, איז ער אָבער קוים זיין סגנון געבליבן אַלט־מאָדיש, האָט איבערגעגעבן זיינע פאַנטאַסטישע חלומות פון דעם 19טען יאָהרהונדערט אין דעם שטרענגען, פּשוט'ען לשון פון דעם 17טען. ביז צו משוגעת העזה'דיג אין זיינע פאַנטאַזיעס, בלייבט ער אָבער ניכטער און קלאָר אין זיין סטיל. זיינע אַן ערצעהלונג איז, ווי פּראָספּער מערימעי האָט קלוג באַמערקט, „אַ חלום פון אַ סקיטה (אַ באַרבאַרישער פאָלק פון אַלטערטום) דערצעהלט פון אַן אַלט־גריכישען פּאָעט“.

זיין „אינעי דע לאַס סיערראַס“ איז אַ גייסטער־געשיכטע, וועלכע שטעהט העכער פון אַנדערע אַזעלכע מעשות מיט דעם, וואָס איהר אינהאַלט איז אַזוי פאַרענדיגט שעהן. די אימה, וואָס ווערט אַרויסגערופען דורך דער אונערקלערליכער ערשיינונג, מישט זיך אוים מיט דעם רייץ פון דעם ריהרענדען חן פון דעם דאָזיגען רוח; די געפיהלען פון ענטציקונג און פּחד, וואָס דער געהיימניספולער געשטאַלט פון „אינעי דע לאַס סיערראַס“ רופט אַרוים, פּטר'ען ניט איינע די אַנדערע, נורביידע צוזאַמען מאַכען אַ מעכטיגען, אייגענאַרטיגען איינדרוק; די דאָזיגע צוזאַמענמישעניש איז דער גרעסטער סוד פון דעם איינדרוק, וואָס דער שרייבער מאַכט אויף אונז; עס פאַרדריסט נאָר, וואָס נאָדיעי האָט איבערגעפיהרט די שעהנע ערצעהלונג מיט אַזאַ מיאוס'ען און אונגלויבליכען סוף, אין וועלכען די גאַנצע פּאַסירונג ערקלעהרט זיך אויף אַ שכל'דיגסטען אופן: ניט די מיט דריי־הונדערט־יאָהר־צוריק ערמאָרדעטע טענצערין באַווייזט זיך אין מיטען נאַכט אין דעם פּוסטען פּאַלאַץ, נאָר אַ יונגע, לעבעדיגע שפּאַניערין, וועלכע האָט דורך אַ צופאַל דעם זעלבען נאָמען און וועלכע, דורך פאַרפּלאָנטערטע און פאַנטאַסטישע אומשטענדען, באַווייזט זיך אין פּאַלאַץ טאַנצענדיג אין ווייסע בגדים. אין דעם אויסוועג פון דער געהיימניש ציינט זיך אַרוים אַן עכט לאַטיינישער ראַציאָנאַליזם, אָבער ער ווערט דאַ אַריינגעבראַכט, אַזוי צו זאָגען, נאָר פאָרמעל. אַזאַ ערצעהלונג ווי „אינעי דע לאַס סיערראַס“ צייגט אויפ'ן בעסטען אופן דעם גרויסען פאָרטשריט, וואָס די פּאָעזיע פון יענער צייט האָט געמאַכט

זינט דעם 18טען יאהרהונדערט, וועלכער איז אפילו אין דער פּאָעזיע געווען אזא שונא פון אַלץ, וואָס איז אוננאַטירליך, אז וואָלטער האָט זיך באַטראַכט אַלס דעם גרעסטען העזה׳ניק צווישען די רע־פאָרמאַטאָרען, ווען ער האָט אין זיין „סעמיראַמיס״ געצוואונגען דעם קאָמישען שאָטען פון נינאַ אין מיטען העלען טאָג דורכצו־דעקלאַמירען עטליכע אַלעקסאַנדרינישע פערזען דורך דעם טעאַט־ראַלישען שפּרעך־רעהר.

„די פּעע פון די ברעקלאַד״ שיינט מיר צו זיין די בעסטע פון אַלע פאַנטאַסטישע ערצעהלונגען, וואָס נאָדיעי האָט אָנגעשריבען. זי איז בלי ספק צו לאַנג, צופיעל צוצויגען, וואָרים מען קען קוים מיט גוואַלד דערלייענען אַ ווילדע, פאַרדרעהטע פאַנטאַסטישע מעשה, וועלכע פאַרנעהמט 120 זייטען קוואַרטאַ; דאָך לייענט מען זי צום גרעסטען טייל מיט שפּאַנענדען אינטערעס. דער ספּור־המעשה באַשטעהט אין דעם, וואָס אַן אָרימער, גוטמוטיגער משוגע־נער אין דעם גלאַזגאָוער משוגעים־הויז דערצעהלט די געשיכטע פון זיין לעבען. דאָס איז דער תּוך פון דער ערצעהלונג, אָבער אויף דעם פאַרגעסען מיר זיך אינגאַנצען צוליעב די פאַנטאַסטישע פּאַ־סירונגען, וואָס קומען אין איהר פאָר. אַלע סטרונעס פון דעם מענש־ליכען לעבען ווערען ווילד, מיט אַ שניידענדען קלאַנג אָנגעריהרט. עס דוכט זיך ווי דער לעבען אַליין, איבערגעקעהרט אויפ׳ן לינקען זייט, וואָלט אונז פאַרבייגעהן און מיר באַטראַכטען איהם פון דעם ניט אינגאַנצען קשה׳דיגען שטאַנדפּונקט פון דעם חולה, וואָס ליידט פון היציגע חלומות און פיבערישע פאַנטאַזיעס.

אין דער שטעדטעל גראַנוויל, אין נאָרמאַנדיע, וואוינט אַ יונ־גער, גוטהערציגער, פּשוט׳ער בעל־מלאכה, אַ בויער, מיט׳ן נאָמען מישעל. אין דער זעלבער שטעדטעלע וואוינט אויך אַן אַלטע פרוי־אַ־ליליפּוט, אַן איינגעדאַרטע און אַ מיאוס׳קייט, וועלכע הייסט „די פּעע פון די ברעקלאַד״, דערפאַר וואָס זי פלעגט קלייבען די ברעק־לאַד פון די שולקינדערשע אָנבייסענס. מען האָט זי געזעהן אין גראַנוויל מיט פיער־פינף הונדערט יאהר צוריק לעבענדיג אַט אַזוי, און זינט דאַמאָלט פלעגט זי זיך פון צייט צו צייט ווידער אַ מאָל באַווייזען. דער יונגער בויער שטיצט אַט דעם נפש מיט קליינע סומען געלד, און זי, פון איהר צד, העלפט איהם מיט אַלערליי

עצות טובות. זי רעדט צו איהם שטענדיג אזוי, ווי זי וואָלט געוועז אין איהם שטערבליך פאַרליעבט, און זי בעט איהם ער זאָל פאַר־שפּרעכען חתונה צו האָבען מיט איהר, כדי ער זאָל אויף אזאַ אופן ווידער אַ מאָל ווערען דער בעל־הבית איבער זיין געלד. זי גיט איהם איהר פּאָרטרעט, אַ כשוף־בילד, וואָס איז גאָר ניט עהנליך צו איהר, נאָר וואָס שטעלט פאָר די פּעע בעלקיס, וועלכע איז אין די פאַרצייטיגע יאָהרען געוועז די מלכה פון שבא און וועמען שלמה המלך האָט זיך אזוי שטאַרק פאַרליעבט. דער בחור פאַרליעבט זיך אין אָט דעם בילד פון דער שעהנער, רייצענדער, באַצויבערנדער פרוי. וואו ער זאָל ניט זיין און וואוהין ער זאָל ניט געהן, באַגעג־נעט ער אַלץ איהר נאָמען. ווען ער באַשליסט זיך צו פּרובירען זיין מזל אין אַן אַנדער לאַנד, טרעפט זיך גראַדע, אַז די שיף, מיט וועלכע ער פאָהרט אָפּ, הייסט „די מלכה פון שבא". ער וואַנדערט אַרום איבער דער וועלט חלומ׳ענדיג וועגען בעלקיס, אזוי ווי מיר וואַנדערען אַרום, יעדער איינער פון אונז, חלומ׳ענדיג וועגען לופט־שלעסער, וועגען אונזער אידעאַל, וועגען אונזער „אידעע פיקס", וועלכע איז פאַר זייטיגע מענשען אַ משוגעת.

דורך אַ בלבול באַשולדיגט אין אַ מאָרד, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם צימער פון אַ גאַסט־הויז וואו ער איז געשלאָפען, ווערט דער אָרימער מישעל פאַר׳משפּט צום טויט. מען פיהרט איהם דורך אַ צווישעטען המון צו דער תליה. דאָרט ווערט ערקלעהרט, אַז לויט אַן אַלטען מנהג וועט מען איהם שענקען דאָס לעבען אויב אַ יונגע פרוי וועט אויף איהם רחמנות האָבען און חתונה האָבען מיט איהם. און, זעהט נאָר, — פאָלי גירלפרי, אַ פרעהליכע, שעהנע מיידעל, וועלכע האָט איהם שטענדיג האָלט געהאַט, קומט אַרויס, געהט צו צו דער תליה גרייט צו ראַטעווען זיין לעבען. אָבער ער קען זיך ניט באַשליסען און בעט מען זאָל איהם געבען צייט צו באַטראַכטען זיך וואָס צו טאָן. ער האָט אויך האָלט פאָלי גירלפרי דערפאַר, וואָס זי איז אַ גוטע און אַ שעהנע, אָבער ער ליעבט זי ניט; ער האָט נאָר איין ליעבע, דאָס איז זיין ברענענדיגע, געהיימע ליבע פון זיין אידעאַל, די פּעע בעלקיס. ער קוקט מיט צערטליכקייט און דאַנקבאַרקייט אויף פאָלי, איז זיך מישב און — פאָדערט מען זאָל איהם הענגען. דער דאָזיגער ישוב־הדעת מיט דער שטריק

אויף זיין האַלז; דער דאָזיגער באַשלוס, וואָס מיינט, ווי שעקספּיר דריקט זיך אויס, — „אַפּט פאַרהיט אַ גוטע תּליה פון אַ שלעכטע חתונה", איז באַשריבען מיט אַזאַ געשמאַקען הומאָר, מיט אַזאַ איינ־פאַכע, פּשוט'ע לעבענס־פילאָזאָפיע, וועלכע מען קען בשום אופן ניט פאַרגעסען דערפאַר, וואָס יעדען פון אונז איז שוין ווען עס איז אַזאַ געדאַנק געקומען אין קאָפּ אריין.

מען געהט אָן מיט דעם ענגען; מישעל שטעקט שוין אויס זיין האַלז, ווען פּלוצלינג דערהערט מען אַ טומעל און די „פעע פון די ברעקלאַך", באַגלייט פון אַלע גאַס־קונדסים, קומט צולויפען אהן און אַטהעם ברענגענדיג באַווייזע, אַז דער פאַר'משפּט'ער איז אומשולדיג. אויס דאַנקבאַרקייט האָט ער מיט איהר חתונה. אָבער ווי נאָר עס ווערט אין דעם אָווענד פון דער חופּה פאַרשלאָסען די טיר צווישען איהם און זיין פרוי די זקנה, קוים האָט ער נאָר זיינע אויגען צוגעמאַכט, ווי בעלקיס קומט צו צו זיין געלעגער אָנ־געטאָן אין איהר כלה־שלייער.

— „אַך, בעלקיס, איך בין פאַרהייראַט, איך האָב חתונה געהאַט מיט דער פעע פון די ברעקלאַך".

— „איך בין עס די פעע פון די ברעקלאַך".

— „אַך, ניין, דאָס איז אונמעגליך; דו ביזט דאָך כמעט אַזוי הויך ווי איך בין".

— „דאָס איז דערפאַר, וואָס איך האָב זיך אויסגעצויגען".

— „אָבער אָט די שעהנע, גרייזעלדיגע, גאָלדענע האָר, וואָס פאַלען דיר איבער די אַקסלען, בעלקיס? די פעע פון די ברעקלאַך האָט עס גאָר ניט".

— „ניין, דאָס באַוויז איך נאָר פאַר מיין מאַן".

— „אָבער דער פעע'ס צוויי גרויסע פאָדערשטע ציינער, בעל־קיס; איך זעה זיי ניט צווישען דיינע פרישע, שמעקענדיגע ליפּען".

— „ניין, זיי זיינען נאָר אַ לוקסוס, וואָס טויג בלויז פאַר די עלטערע יאָהרען".

— „און אָט דער כמעט טויטענדער געפיהל פון גליק, וואָס

כאַפּט מיך אַז ווען דו נעמסט מיך אַרום, בעלקיס? די פּעע האָט דאָך מיך קיינמאָל ניט געמאַכט אַזוי צו פֿיהלען".

— „ניין, נאַטירליך ניין", — לאַכט זי; — „אָבער בײנאַכט זיינען אַלע קעץ גרוי".

פון דאַמאָלס אָן איז מישעל'ס לעבען געוואָרען איינגעשטעלט אַזוי, אַז זיינע טעג האָט ער פּאַרבראַכט מיט דער קלוגער, אַלטער פּעע און די נעכט מיט דער שעהנער יונגער קעניגין פון שבא, ביז ער האָט אַם ענדע געפונען דעם זיינגענדיגען כשוף־וואַרצעל. ער אַנטלויפט פון דעם משוגעים־הויז און מיט דעם כח פון דעם געזאַנג פון דעם כשוף־וואַרצעל הויבט ער זיך אויף צום הימעל פון דער פּעע און פון בעלקיס.

אמת, דאָס איז משוגעת, אָבער אַ וואונדערבאַרע משוגעת, פול מיט נשמה. וואָס איז אַזוינס די פּעע פון די ברעקלאַך? איז זי חכמה? איז זי זעלבסטאָפּפערונג און פליכט? איז זי די אונער־מידליכע געדולה, וועלכע ווערט פּלוצלינג פאַרוואַנדעלט אין אַ מלאך? איז זי די טרייהייט, וואָס ווערט פאַרוואַנדעלט אין גליק, דעם שכר פון טרייהייט? מעגליך, אַז זי איז עטוואָס פון די אַלע זאַכען; און דערפאַר קען זי זיך פאַרוואַנדלען אין יוגענד, אין שעהנקייט און אין גליקליכע פרייד. אונגעפעהר אין דעם זין האָט נאָדיעי דורכגעטרוימט און געשאַפען זיין ערצעהלונג.

ווען נאָדיעי איז געווען אויף דער העכסטער שטופע פון זיין ענטוויקלונג, איז זיין איינבילדונגס־קראַפט געווען נאָך פרייער און מעהר אונגעצאַמט. ער שטעלט זיך מעהר ניט צופרידען בלויז מיט דעם שאַפען פון אַן אינהאַלט אָהן אַ פאָרמע און אָהן אַ סדר; ער פאַנגט אָן איבערצוגעבען דעם אינהאַלט גופא אין אַ משונה־דיג פלוידערענדע, אַבלאַכענדע פאָרמע. קיין פראַנצויז קומט ניט צו דעם, וואָס די ענגלענדער און די דייטשען רופען הומאָר, אַזוי נאָ־הענט ווי נאָדיעי. צייטענווייז דוכט זיך, אַז ער איז אינגאַנצען אין דעם רשות פון זיין פאַנטאַזיע. דאַמאָלס קעהרט ער ניט נאָר איבער די געוועהנליכע וועלט מיט'ן קאָפּ אַראָב אין זיינע ער־צעהלונגען, נאָר ער שפּיעלט זיך מיט זיין אייגענער שייכות צו דער מעשה, ווערטעלט זיך איבער זיינע צייט־גענאָסען, מאַכט טויזענ־

דער רמזים, פילאָזאָפירט איבער דער אילוזיע פון דעם לעבען, — און דאָס אַלץ טוט ער אין דער פאָרמע פון אַ ערצעהלונג. ער באַ־נוצט זיך מיט דער דרוק־קונסט כּדי בולט'ער אַרויסצושטעלען דאָס פאַנטאַסטישע, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, כּדי קלאָרער צו באַווייזען די אַבסאָלוטע הערשאַפט פון זיין „איך" איבער זיין מאַטעריאַל; ער לאָזט קיין זאַך ניט איבער, ניט אפילו די ריין מעכאַנישע מיט־לען פון איבערגעבען זאַכען, אונבאַריהרט פון זיינע פּערזענליכע משוגעת'ן. ער האָט געמוזט האָבען אַ גאַנצע דרוקעריי כּדי אָפּצו־דרוקען זיין באַריהמטע ערצעהלונג „דער קעניג פון בעהמען און זיינע זיבען שלעסער". ער הייסט מאַכען אותיות אַזוי לאַנג, אַז זיי זאָלען פאַרנעהמען אַ גאַנצע זייט פּאַפּיער; און אַמאָל הייסט ער זיי מאַכען קליין ווי מאָהן; ער מאַכט קולות און די אותיות שטע־לען זיך אויף אין שרעק; ער ווערט מעלאַנכאָליש — און זיי צו־פאַלען מיט די קעפּ אַרונטער איבער די שורות; זיי ווערען פאַר־וואַנדעלט אין אילוסטראַציעס, וועלכע מען קען ניט אָפּטיילען פון דעם טעקסט; אַמאָל ברויכט ער לאַטייניש שריפט, און אַמאָל גאָטישע, לויט זיין מאָמענטאַלען קאַפּריז; אַמאָל שטעלט ער זיי אויס מיט'ן קאָפּ אַראָפּ אַזוי, אַז מען מוז איבערקעהרען דעם ביכעל צו קענען לייענען זיי; אַמאָל פאַלגען זיי נאָך דעם אינהאַלט אַזוי נאָהענט, אַז דאָס אַרונטערגעהן פון טרעפּ איז אָפּגעדרוקט אַזוי:

נאָכדעם
איז
אונזער
העלד
אינגאַנצען
נידערשלאָגען
אַרונטער
געגאַנגען
פון
די
טרעפּ.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך פון נאָדיעים לעבענס־באַשרייבונג (פאַרפאַסט פון זיין טאָכטער) מיט די פּאַקטישע

יסודות, אויף וועלכע ער האָט אויפגעבויט זיינע פאַנטאַסטישע
ערצעהלונגען. עס טרעפט זיך זעלטען, אַז, ווי למשל אין „אינעי
דע לאַס סיערראַס", אַווירקליכער פאַקט, אַ לאַנדשאַפט, אָדער אַ
שלאָס זאָל זיין דער יסוד פון זיינע אַ שאַפונג. פאַר דער ערצעה־
לונג האָט ער זיך באַנוצט מיט די איינדריקע, וואָס ער האָט באַקומען
פון אַן אַלטען שלאָס, וואָס ער האָט באַזוכט ווען ער האָט געמאַכט
אַ רייזע מיט זיין פאַמיליע איבער שפּאַניען אין דעם יאָהר 1827.
אַמאָל, ווי, למשל, אין „טרילבי", איז דער אויסגאַנגס־פונקט אַ
פאָלקס לעגענדע, און עס איז מערקווירדיג, אַז אָט די לעגענדע
האָט נאָדיעי'ן דערצעהלט פּישאָ, דער פראַנצויזישער איבערזעצער
פון בייראָן און סקאָט. די אידעע פון זיין „סמאַראַ" איז נאָדיעי'ן
געקומען אויפ'ן געדאַנק הערענדיג ווי אַן אַלטער משרת אין זיין
הויז אין פּאַריז, וועלכער איז געווען אַזוי קראַנק, אַז ער האָט אַנ־
דערשוואַו ניט געקענט שלאָפען, נאָר זיצענדיג אין זיין שטול, האָט
דערצעהלט וועגען זיינע קראַנקליכע נאַכט־חלומות; און אַלס מאָ־
דעל פאַר זיין „פעע פון די ברעקלאַד" האָט ער גענומען אַן אַלטע
דיענסט, וועלכע האָט געאַרבייט פאַר זיין פאַמיליע ווען ער איז
נאָך געווען אַ קינד און וועלכע פלעגט זיך באַגעהן מיט זיין פאָ־
טער, אַ מאַן פון אַ יאָהר זעכציג, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ לייכט־
זיניגער בחור'ל. אָט די אַלטע דעניזע פלעגט דערצעהלען, אַז איי־
דער זי איז אָנגעקומען צו נאָדיעי'ס פאַמיליע, האָט זי געדיענט
ביי אַ געוויסען מאָסיעי ד'אַמבואַז, אַ גובערנאַטאָר אין שאַטאָ־
טיערי. ווען זי פלעגט זיך וועגען דעם פאַנאַנדעררעדען, פלעגט
זי מיט די מעשות וועגען איהרע ערפאַהרונגען צוזאַמענמישען
די וואונדערבאַרסטע זכרונות און פּאַסירונגען פון לאַנג פאַרגאַנגענע
צייטען און מנהגים. צוליעב שפּאַס האָט די פאַמיליע געמאַכט אַן
אונטערזוכונג וועגען דעם דאָזיגען מערקווירדיגען גובערנאַטאָר
און פון די שטאָדט־אַרכיוועו (פּנקס) האָט מען אויסגעפונען, אַז
עס איז נאָר געווען איין גובערנאַטאָר מיט אַזאַ נאָמען און אַז ער
איז געשטאָרבען אין דעם יאָהר 1557. מען קען זעהן ווי אַזוי פון
אָט דער קאָמישער געשיכטע איז אַרויסגעקומען די ערצעהלונג
וועגען דער פעע. דער אונבאַדייטענסטער פאַקטישער עלעמענט,—
אַ לאַנדשאַפט, אַ לעגענדע, אַ חלום, אַ ליגען, אַ קלייניגקייט, איז

געווען געגוג פאַר נאָדיעי צו שאַפען פון זיי זיין פעע און איהר הויפּטשטאָט.

אַט דער ליעבענסווירדיגער, שאַרפזיניגער מאַן, וועמעס הויז איז פאַר אַ משך פון יאָהרען געווען דער צוזאַמענקונפט־פּלאַץ פאַר דעם דור דיכטער, וואָס איז אַרויסגעקומען פאַר דער וועלט אין דעם יאָהר 1830, דער פּלאַץ וואו אַלע טאַלאַנטפולע אָנפאַנגער פלעגען קומען זוכען ערמוטיגונג און, אויב מעגליך, אויך ערלויבניש פאַרצולעזען אַן אייגענע באַלאַדע אָדער אַ שטיקעל פּראָזע פאַר דער אויסערוועהלטער געזעלשאַפט, וועלכע פלעגט זיך דאָרט פאַרזאַמלען זונטאָגס נאָכמיטאָג, — דער דאָזיגער מאַן רעפּרעזענטירט מיט זיך דעם העכסטען אויסדרוק פון דער ראָמאַנטישער פאַנטאַסטישער שאַפונג פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע. דאָס פאַנטאַסטיש־איבערנאַטירליכע, וואָס איז געווען דער יסוד פון דעם דייטשען ראָמאַנטיזם, איז געווען נאָר איין זייט פון דעם פראַנצויזישען ראָמאַנטיזם; אָדער ריכטיגער געזאָגט, איז געווען נאָר איינער פון די עלעמענטען, פון וועלכע ער איז באַשטאַנען; ביי איינינע פון די מעהר באַוואוסטע פאַרשטעהער פון דער שולע איז עס געווען אַ שוואַכערער און ניט וויכטיגער עלעמענט, ביי איינינע אַ שטאַרקערער און מעהר בולט׳ער, אָבער מען האָט איהם ביי זיי אַלעמען באַמערקט. ביי וויקטאָר הוגאָ ציינט עס זיך אַרויס גלייך פון אָנפאַנג, אין זיינע באַלאַדען „די שבת־מכשפות“, און לאָזט זיך שטאַרק פיהלען אין זיין גרויסע ווערק „די לעגענדע פון די יאָהרהונדערטע“, כאָטש דאָ איז די לעגענדע נאָר נאַאיוו איבערגעגעבענע געשיכטע; עס באַווייזט זיך אויך ביי דעם שטרענג־ראַציאָנאַליסטישען מערימעי; קוים צו באַמערקען אין זיין „לאַ וועגוס ד׳איל“ און דייטליכער אין זיין „וויזיאָן דע שאַרל 11“ און אין זיין „לעזאַמעי דו פּורגאַטואַר“; עס הערשט אויך האַלב שרפ׳יש־היציג (פון דעם אויסדרוק מלאך השרף), האַלב לעבהאַפּט־צאַרט ליידענשאַפטליך אין לאַמאַרטינ׳ס „דאָס פאַלען פון אַ מלאך“; עס געהט דורך קינעי׳ס פאַנטעאיסטיש נעבעלדיגע „אהאַסווער“; עס געפינט זיך אויך ביי זשאָרזש זאנד אין איהרע עלטערע יאָהרען אין די שעהנע צויבער־געשיכטעלאַך, וואָס זי שרייבט פאַר איהרע איינִיקלאַך: עס באַשעפטיגט אויך אפילו דעם פּלאַסטישען גאַטיעי

אין די פיעלע ערצעהלונגען, אין וועלכע ער ערלויבט זיך צו ווערען באַיינפלוסט פון האָפמאַן; און, אַלס סוועדענבורגישער ספּיריטיזם, באַקרוינט עס אויך באַלזאַק׳ס גרויס נאַטוראַליסטיש ווערק „די מענשליכע קאָמעדיע“ מיט אַזאַ ראָמאַן ווי „סעראַפּיטוס־סעראַפּיטאַ“. דאָך האָט עס ביי קיין שרייבער אַזאַ נאַאיווע אָריגינעלקייט און אַזאַ פּאָעטישע קראַפט, ווי ביי נאָדיעֿ.

5.

א בליק צוריק. פרעמדער איינפלוס.

דער נייער ליטעראַרישער און קינסטלערישער שטראָם איז אַרויסגעקומען פון פרעמדע און פון היימישע קוואַלען. פריהער פון אַלץ וואַרפט זיך אין די אויגען דער אויסלענדישער איינפלוס.

ווי שוין פריהער באַמערקט, איז די אויסלענדישע ליטעראַטור, — די אַלטע, וועלכע איז ביז דאַמאָלס נאָך ניט באַקאַנט געווארען אין פראנקרייך, און די נייע, וועלכע האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די מענשען פון יענער צייט דורך איהר נייקייט,— ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרען פון דעם יונגען דור און זיי האָבען זי געמאַכט אַלס זייער אייגענע אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל די ווערק פון יענער ליטעראַטור האָבען אָוועקגעמאַכט מיט די כללים,ביי וועלכע די פריהערדיגע פראַנצויזישע ליטעראַטור האָט זיך געהאַלטען. פאַר די אויגען פון דער יונגער שולע איז געווען, אַזוי צו זאָגען, אַ פּריזמע (פאַרבענגלאַנץ), דורך וועלכע אַלע שטראַהלען האָבען זיך דורכגעבראָכען יעדער אויף אַ גלייכען אופן. דורכגעהענדיג דורך דער פּריזמע האָבען זיי געענדערט זייערע פאַרבען.

צוערשט איז דער נאָמען שעקספּיר געוואָרען דער לאָזונג פון די ראָמאַנטיקער. אוגוסט ווילהעלם שלעגעל האָט אויסגעלייגט דעם וועג פאַר שעקספּיר; אין זיינע באַריהמטע פאָרלעזונגען וועגען דער דראַמאַטישער קונסט און ליטעראַטור, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרען אויך אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, איז ער געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געריהמט און ערקלעהרט די ווערק פון שעקספּיר. מערסיעי, דער פראַנצויז, „דער נביא פון דעם ראָמאַנטיזם", האָט ליידענשאַפטליך אויפגעכאַפּט דעם לאָזונג; וויל-

מעין און גיזא האָבען זיי נאָכגעפאָלגט; נאָכמאַכונגען און איבער־זעצונגען,—די לעצטע ריכטיגערע פון די, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין דעם פאַריגען יאָהרהונדערט,—האָבען געטאָן דאָס זייניגע צו מאַכען פּאָפּולער דעם נאָמען און די קונסט פון דעם גרויסען ענגלענדער. נאָך אין אָנפאַנג פון די צוואַנציגער יאָהרען איז דער פּראָגרעס אין דעם זין ניט גענוג געווען ניט צו דערלאָזען, אַז אַ טרופּע ענגלישע אַקטיאָרען, וועלכע האָבען זיך געפּרובירט צו שפּיעלען שעקספּיר׳ס אַ פּיעסע אין דעם פּאַרט־סען־מאַרטען טעאַטער, זאָלען אויפגענומען ווערען מיט אַ רעגען פון עפּעל און אייער און מיט געשרייען: „רעדט פראַנצויזיש! אַרונטער מיט שעקספּיר! ער איז געווען איינער פון וועלינגטאָנ׳ס אַדיוטאַנטען!“ *) מיר האָבען אָבער געזעהן, אַז זייערע נאָכפאָלגער, מיט בלויז עטליכע יאָהר שפּעטער, האָבען באַקומען אַ גלענצענדען אויפנאַם. אין דער צווישענצייט האָט בעיל געמאַכט זיין האַרטנעקיגען קאַמף פאַר דער אַנערקענונג פון שעקספּיר; די „גלאָב“, וועלכע איז צוערשט אַרוים דריי מאָל אַ וואָך און נאָכדעם טעגליך, האָט אָנגעפאַנגען צו ערשיינען אַלס דער אָרגאַן פון דעם יונגען דור און האָט מיט דער הילף פון איהרע פעהיגסטע מיטאַרבייטער אָנגעפיהרט אַן אויסערגעוועהנליך טיכטיגען פאַרטיידיגונגס־קאַמף פאַר די נייע פּרינציפּען.

בעיל, וועלכער איז, טראָץ זיינע פּאַראַדאָקסען, געווען איינער פון די קלאָרסטע און אָריגינעלסטע קעפּ פון זיין צייט, דריקט אויס זיין שטאַרקע באַוואונדערונג פאַר שעקספּיר ניט זינדיגענדיג אין דער זעלבער צייט מיט קיין פּחיתת־הכבוד געגען ראַסין, וועמען ער באַטראַכט אַלס דעם אַנטיפּאָד (געגענזאַץ) פון דעם ענגלישען שרייבער. ער צייגט אָן אויף דעם, אַז די מאָמענטען פון פולער אילוזיע, וועלכע קענען און דאַרפען פאָרקומען אין דעם גאַנג פון אַ טעאַטראַלער פאָרשטעלונג, קומען מעהר פאַר ביי די פאָרשטעלונגען פון שעקספּיר׳ס פּיעסען, ווי ראַסינ׳ס, און אויך, אַז די אייגענטליכע הנאה, וואָס אַ טראַגישע פאָרשטעלונג גיט אונז, ווענדעט זיך אָן די דאָזיגע אויגענבליקען פון אילוזיע און די אונרוהיגקייט,

*) שטענדהאַל: „ראַסין און שעקספּיר“, ז. 215.

וואָס זיי רופען אַרוים אין די נשמות פון די צושויער. קיין זאַך שטערט ניט אַזוי פיעל די אילוזיע, ווי די ענטציקונג מיט אַ שעה־נעם גראַם אין אַ טראַגעדיע. די פראַגע, וואָס מיר דאַרפען קלאָר מאַכען איז: וואָס איז די אויפגאַבע פון אַ דראַמאַטישען דיכטער? פאַרצושטעלען פאַר אונז אַ שעהן ענטוויקעלטע טעמע מיט מעלאָ־דישע גראַמען, אָדער צו געבען אַ ריכטיגע פאַרשטעלונג פון די באַוועגונגען אין דער מענשליכער נשמה? אין זיין אייגענעם ענט־פער אויף דער דאָזיגער פראַגע געהט בעיל ווייטער, ווי די ראָמאַנ־טישע טראַגעדיע, אונטער וויקטאָר הוגאָ און אַלעקסאַנדער דומאַ, איז שפּעטער געגאַנגען, מיט דעם, וואָס ער פאַרוואַרפט אינגאַנצען דעם גראַם אַלס אַ פאָרמע פאַר אַ טראַגישע דראַמע. גיט מען נאָר צו, אַז דער צוועק פון אַ טראַגעדיע איז צו געבען אַ געטרייען בילד פון די איבערלעבונגען פון דער מענשליכער נשמה, איז דער קלאָ־רער אויסדרוק פון די געפיהלען און די געדאַנקען די נויטיגסטע זאַך אין אַ שפּיעל. אַזאַ קלאָרקייט פאַרלירט זיך דורך די גראַמען. ער ציטירט מאַקבעט'ס ווערטער ווען ער זעהט דעם שאָטען פון באַנקאָ זיצענדיג אויף זיין פּלאַץ: „דער טיש איז פול"; ער טענה'ט, אַז קיין גראַם אָדער קיין ריטם קענען גאָר ניט צוגעבען צו דער שעהנקייט פון אַזאַ אויסגעשריי. עס איז קלאָר, אַז ניט הוגאָ, נור וויטעי איז געווען דער, וועלכער האָט שפּעטער אויס־געדריקט בעיל'ס דראַמאַטורגישען אידעאַל.

בעיל ראָט קיינעם ניט נאָכצומאַכען שעקספּיר'ן. וואָס מען דאַרף יאָ נאָכמאַכען, איז זיין פעהיגקייט צו באָאָבאַכטען און צו פאַרשטעהן דעם לעבען אַרום איהם, זיין קונסט צו געבען די מענשען פון זיין צייט גראָדע אַזאַ טראַגעדיע, וואָס זיי האָבען באַדאַרפט. וואָרים אויך יעצט, אין דעם יאָהר 1820, איז דאָ אַ באַשטימטע שטרעבונג צו אַ געוויסען סאָרט טראַגעדיע, כאָטש דער עולם, אָנ־געשראָקען פון ראַסינ'ס באַריהמטקייט, וואַגט עס ניט צו פאָדערען פון די פּאָעטען. נאָר דאַן, ווען דער שרייבער שטודירט און שטעלט צופרידען זיין צייט, איז ער ווירקליך ראָמאַנטיש. וואָרים „ראָ־מאַנטיזם" איז די קונסט צו באַזאָרגען פעלקער מיט אַזעלכע ווערק, וואָס ביי דעם עקזיסטירענדען צושטאַנד פון די מידות און די אידעען פון דער צייט, פּאַסען זיך אַמבעסטען צו געבען דעם מענ־

ליד גרעסטען פאַרגעניגען, אין דער צייט ווען „קלאַסיציזם“ שאַפט א ליטעראַטור פון דעם סאָרט, וואָס האָט געגעבען דעם מעגליך גרעסטען פאַרגעניגען צו די עלטער־עלטער־זיידעס. אין זיין אייגענער צייט איז ראַסין געווען א ראָמאַנטיקער. שעקספּיר איז א ראָמאַנטיקער, ערשטענס, דערפאַר וואָס ער האָט פאַרגעשטעלט פאַר די ענגלענדער פון דעם יאָהר 1590 די בלוטיגע קעמפען און די רעזולטאַטען פון זייערע בירגער־מלחמות, — און צווייטענס דערפאַר, וואָס ער האָט געמאָלען א רייהע מייסטערהאַפטע, פיין אויסגעאַרבייטע בילדער פון די באַוועגונגען אין דעם מענשליכען געדאַנק און פון די ליידענשאַפטליכע איבערלעבונגען פון דאָס מענשליכע הארץ. די לעהרע פון דעם ראָמאַנטיזם באַשטעהט ניט אין דעם, אז מען זאָל נאָכמאַכען ענגלאַנד אָדער דייטשלאַנד, נאָר אז יעדער פאָלק זאָל האָבען זיין אייגענע ליטעראַטור, געשאַפען לויט זיין אייגענעם כאַראַקטער, גראַד אזוי ווי מיר אַלע טראָגען קליידער צוגעשניטען און אויפגענייהט לויט אונזער אייגענע מאָס.— ווי מיר זעהן, האָט דער ראָמאַנטיזם פאַר בעיל׳ן כמעט די זעלבע באַדייטונג, ווי דאָס, וואָס מיר רופען „מאָדערנע קונסט“.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער איינגעוואָרצעלטער טענדענץ פון די לאַטיינישע ראַסען צום קלאַסיציזם, וואָס מיר האָבען אָנגעוויזען, איז דער אָפט איבערגע׳חזר׳טער געדאַנק, אַז א שרייבער דאַרף זיין „ראָמאַנטיש“ אין בעצוג צו אַלץ, וואָס איז נוגע די אידעען פון זיינע ווערק, דאָס זאָל הייסען „די פאָדערונג פון דער צייט“; ער מוז אָבער בלייבען קלאַסיש אין זיינע פאָרמען, אין זיין שפּראַך, אין זיין סטיל, דערפאַר, וואָס דעם לשון האָבען מיר בקבלה פון די פריהערדיגע דורות און דאַריבער איז עס א זאַך וואָס קען פאַקטיש ניט געענדערט ווערען. מען מוז שטרעבען צו שרייבען אזוי ווי פּאַסקאַל, וואָלטער און לאַ־ברועיר. *)

די באַדייטענדסטע מיטאַרבייטער פון דער „גלאָב“ האָבען פאָרמולירט דעם ראָמאַנטיזם, וועלכער האָט דאָמאָלס אויסגעקעמפט א וועג פאַר זיך, אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, אָבער דאָך האָבען זיי בכלל איינגעשטימט צווישען זיך און מיט בעיל. אין דער צייט

*) „ראַסין און שעקספּיר“, ז. 115, 117, 218. באַמערקונג.

ווען הוגאָ איז נאָך געווען אַ ראַיאַליסט, אַ קריסט (רעליגיעז) און אַ קאָנסערוואַטאָר, איז די „גלאָב" שוין געווען רעוואָלוציאָנער, פילאָזאָפיש און ליבעראַל. דער ערשטער, וועלכער האָט אין דער „גלאָב" ארויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם פאַר דעם ראָמאַנטיזם, איז געווען טיעיר און ער האָט, ווי עס פאַסירט אָפט ביים אויפקומען פון אַ נייער ליטעראַטור און קונסט, אַלס לאָזונג ערקלערט די ווערטער „נאַטור" און „וואָרהייט". ער באַקעמפט דאָס אַקאַדעמי־שע, דאָס סימעטרישע אין דער פּלאַסטישער (בילדליכער) קונסט און פאָדערט פאַר דער דראַמאַטישער פּאָעזיע דעם היסטאָ־רישען אמת, אונגעפעהר דאָס זעלבע, וואָס מען האָט שפּע־טער פאַרשטאַנען אונטער די ווערטער לאָקאַלע פאַרבען. דוּאוּוער־זשעי־דע־אָראַן, אין אַן ארטיקעל „וועגען דעם ראָמאַנטיזם", ער־קלערט קלאַסיציזם אַלס רוטינע, ראָמאַנטיזם — אַלס פרייהייט, דאָס הייסט, אַלס פרייהייט פאַר די פאַרשיידענסטע טאַלאַנטען (הוגאָ און בעיל, מאַנזאָני און נאָדיעי) צו ענטוויקלען זיך אין זייער גאַנצער אייגענטימליכקייט. אַמפּער באַצייכענט דעם קלאַסיציזם אַלס נאָכמאַכונג און דעם ראָמאַנטיזם אַלס אָריגינאַלקייט. אָבער אַן אַנאָנימער שרייבער (גאַנץ מעגליך, אַז דאָס איז סיסמאָנדי) פּרובירט צו געבען אַ דייטליכערע הסברה; ער באַמערקט, אַז דער וואָרט ראָמאַנטיזם איז ניט באַשאַפען געוואָרען צו באַצייכע־נען די ליטעראַרישע ווערק, אין וועלכע וועלכע־עס־איז געזעלשאַפט האָט זיך אויסגעדריקט, נאָר בלויז יענע ליטעראַטור, וועלכע גיט **אַ געטרייען בילד פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע.** אַזוי ווי די דאָזיגע ציוויליזאַציע איז, לויט זיין איבערצייגונג, בעצם אַ רוחניות־דיגע, דאַרף מען דעם ראָמאַנטיזם דערפאַר באַטראַכטען אַלס די רוחניות אין דער ליטע־ראַטור. מיט אַן אימפּעט און העזה־דיגקייט, וואָס פּאַסט זיך פאַר זיין עלטער, פּרובירט זיך צו ערקלעהרען דעם ראָמאַנטיזם דער שפּעטערדיגער פאַרפאַסער פון „די באַריקאַדען", דער צוואַנציג־יאָה־ריגער וויטעי. לויט זיין מיינונג מיינט ראָמאַנטיזם פּשוט אונ־אָבהענגיגקייט אין קינסטלערישע פראַגען, אינדיווידועלע פרייהייט אין דער ליטעראַטור. „דער ראָמאַנטיזם, — זאָגט ער, — איז פּראָ־טעסטאַניזם אין ליטעראַטור און אין קונסט". און זאָגענדיג עס,

טראַכט ער, ווי עס זעהט אויס, בלויז וועגען באַפרייען זיך פון אַ פּאַפּסטליכער אויטאָריטעט. ער איז מוסיף, אַז דאָס איז ניט קיין ליטעראַרישע דאַקטרין און ניט קיין פּאַרטיי־לאָזונג, נאָר אַ געזעץ פון דער נויטוועגדיגקייט, דאָס געזעץ פון ענדערונג און פאָרטשריט. „אין צוואַנציג יאָהר צייט וועט דאָס גאַנצע פאָלק זיין ראָמאַנטיש געוואָרען; איך זאָג דאָס גאַנצע פאָלק דערפאַר, וואָס די יעזואיטען זיינען ניט דאָס פאָלק“.

דער לעזער קען אַליין זעהן, אַז עס איז קוים דאָ אַן אונטער־שייד צווישען אַט די הסברות און דעם שלום, צו וועלכען הוגאָ איז געקומען: „ראָמאַנטיזם איז ליבעראַליזם אין דער ליטעראַ־טור“; און ער וועט ניט ווערען איבערראַשט ווען ער וועט זיך דערוויסען, אַז די „גלאָב“ האָט באַגריסט די פאָררעדע צו קראָמ־וועל מיט דעם אויסגעשריי: „די באַוועגונג האָט יעצט פאַרכאַפּט אויך דעם הער הוגאָ!“ אין דער ווירקליכקייט האָט הוגאָ דער באַוועגונג קיין זאַך ניט צוגעגעבען אויסער דאָס, וואָס ער האָט איהר געבראַכט דעם זיעג.

נאָך שעקספּיר איז סער וואַלטער סקאָט געוועזען דער ענגלישער שרייבער, וועלכער האָט געהאַט, אויב ניט דעם שטאַרקסטען, איז אָבער זיכער דעם באַמערקזאַמסטען, איינפלוס. זיינע ווערק האָ־בען זיך דורכגעמאַכט אַ וועג קיין פראַנקרייך, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער. איידער דער גרויסער שאָטלענדער איז געוועזען פּאָפּו־לער אין פראַנקרייך האָט ער אין דייטשלאַנד, אין איטאַליען און אין דענמאַרק געהאַט באַוואונדערער, וועלכע האָבען, באַגייסטערט פון פּאַטריאָטישע און מאָראַלע אידעאַלען, אַדאָפּטירט דעם טאָן פון זיינע ראָמאַנען. די „וויייווערלי“ ראָמאַנען האָבען אָנגעהויבען צו ערשיינען אין דעם יאָהר 1814 און שוין אין דעם יאָהר 1815 זיינען זיי שוין נאָכגעמאַכט געוואָרען פון דע־לאַ־מאָט־פוקע אין אַ דייטש־יונקערישען סטיל; אין 1825—1826 זיינען ערשינען מאַנ־דאָני'ס „פּראָמעסי ספּאָסי“ און אין 1826 האָט אינגעמאַן אָנגעפאַנ־גען צו דרוקען זיינע ראָמאַנטישע היסטאָרישע ערצעהלונגען, וועלכע וועקען אַ קינדערשען סאָרט פּאַטריאָטיזם און ניט ווייניגער קינ־דערשען ראַיאַליזם און ווערען, אַזוי צו זאָגען, פאַרפאָלגט פון אַ

בליבען שאָטען פון וואָלטער סקאָט. די „וויווערלי" נאָוועלען זיי־ נען איבערגעזעצט געוואָרען אויף פראַנצויזיש כמעט תיכף נאָך זייער ערשיינונג און זיי האָבען באַלד געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. סקאָט איז געוואָרען אַזוי פּאָפּולער, אַז אין די ערשטע פון די צוואַנ־ ציגער יאָהרען האָבען די דירעקטאָרען פון די טעאַטערס באַאויפ־ טראַגט שרייבער, אַז זיי זאָלען דראַמאַטיזירען זיינע ראָמאַנען. די דורכגעפאַלענע פּיעסע „עמיליאַ", געשריבען פון סומעי, דעם פּאָעט פון דער איבערגאַנגס־פּעריאָדע, איז געווען אַ באַארבייטונג פון וואַלטער סקאָט. וויקטאָר הוגאָ אַליין, ברויכענדיג דעם נאָמען פון זיין יונגען שוואָגער, פּאָל פושעי, האָט צוגעשיקט אַ באַארבייטונג פון „קעניליוואָירטה", וואָס איז אַלס אַ דראַמע אויך געווען אַ דורכפאַל.

בכלל האָבען אין סקאָט'ס ראָמאַנען דעם יונגען ראָמאַנטישען דור צוגעצויגען ניט יענע אייגענשאַפטען, וואָס זיינען אַם העכ־ סטען געשעצט געוואָרען אין די פּראָטעסטאַנישע לענדער, נאָר די טאַלאַנטפולע, לעבעדיגע באַשרייבונגען און זייער מיטעלאַלטערישער סגנון. וואָלטער סקאָט האָט אויסגענומען אין פראַנקרייך מיט דעם, וואָס ביי איהם איז דאָ אַ רייכער אויסוואַהל פון פאַנצירען און בויגענס (צום שיסען), קאָלירענרייכע מלבושים און ראָמאַנטישע געביידעס פון אַלטע שלעסער. זיין ניכטערען קוק אויפ'ן לעבען, זיין פּראָטעסטאַנישע מאָראַלישקייט, וואָס האָט געוואונען פאַר איהם לעזער אין דייטשלאַנד און אין די לענדער פון דעם צפון, האָט מען איגנאָרירט אָדער פאַרהאַלטען זיך צו דעם קריטיש. בעיל איז דער ערשטער אַרויסגעקומען מיט שטרענגע קריטישע טענות געגען סקאָט. ער האָט נביאות געזאָגט, אַז טראָץ זיין אויסערגעוועהנליכער פּאָפּולאַריטעט וועט זיין באַריהמטקייט לאַנג ניט געדויערען דערפאַר, וואָס, לויט בעיל'ס מיינונג, באַשטעהט סקאָט'ס טאַלאַנט מעהר אין באַשרייבען מענשליכע מלבושים און געזיכטסציגע איידער אין מאָלען דאָס לעבען פון דער נשמה און איהרע ליידענשאַפטען. קונסט, זאָגט בעיל, קאָן ניט און דאַרף ניט קאָפּירען פּינקטליך די נאַטור, באַשרייבענדיג זי מיט אַלע פּרטים; זי איז שטענדיג אַ שעהנער ניט־אמת; אָבער וואָלטער סקאָט האָט דעם גיט־אמת שוין צו־ווייט געטריבען; זיינע פּער־

זאַגען מאַכען אויף אונז דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען זיך געשעמט מיט זייערע ליידענשאַפטען; זיי פעהלט זיכערקייט און געוואַגט־קייט און זיי האָבען צו ווייניג נאַטירליכקייט. עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז מען האָט אָנגעהויבען אַרויסשטעלען געגען וואַלטער סקאָט די זעלבע טענות, מיט וועלכע באַלזאַק איז שפּעטער אַזוי אָפט געגען איהם אַרויסגעקומען; נעמליך, אַז ער האָט ניט גע־קאָנט באַשרייבען די פרוי מיט איהרע ליידענשאַפטען, אָדער, לכל הפּחות, אַז ער האָט ניט געוואָגט צו באַשרייבען די דאָזיגע ליי־דענשאַפטען מיט זייערע פריידען און ליידען און מיט זייערע יסורים אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז מגזם די וויכטיגקייט פון ליטעראַרישער צניעות. יענע ראָמאַנען זיינע, אין וועלכע די טעמעס זיינען גענומען געוואָרען פון דעם מאָדערנעם לעבען, האָבען ניט געמאַכט קיין איינדרוק; נאָר „איוועןהאָו", „קווענטין דורוואַרד", „קעניללוואָירטה", „די שענע מיידעל פון פּערט" און איינער אָדער צוויי אַנדערע זיינען געווען פּאָפּולער.

די פראַנצויזען האָבען באַטראַכט אַלס די גרעסטע מעלה פון דעם אויסלענדישען פּאָעט דאָס, וואָס ער האָט די צוויי אַלטע פאָרמען פון דעם גרויסען ראָמאַן, — די פאָרמע פון אַ ספּור־המעשה, וואו די איבערשריפטען איבער די קאַפּיטלאַך פלעגען זיין אַ קיצור פון דעם אינהאַלט און דער מחבר פלעגט אָפט אַרויסשטעקען זיין קאָפּ פאַראויס, און די פאָרמע פון בריעף, אין וועלכע אַלע איבער־ראַשענדע פּאַסירונגען און ליידענשאַפטען פלעגען זיין איינגעפּרעסט צווישען „מיין טייערער פריינד" און „איבערגעבענסט אייערער" — פאַרביטען אויף דער פאָרמע פון אַ נאָוועלע מיט דראַמאַטישע דיאַ־לאָגען. די גרעסערע טאַלאַנטען צווישען די פראַנצויזישע שריי־בער צייגען אַרויס דעם איינפלוס, וואָס ער האָט אויף זיי געהאַט. דער יעניגער צווישען זיי, וועלכער איז אין מאָראַלישען הינזיכט געשטאַנען אַמנעהענטסטען צו די ענגלענדער, אַלפרעד דע ווינִי, האָט אָנגעשריבען „סינק־מאַר", אַ ראָמאַן פון דעם לעבען אין דער עפּאָכע פון רישעליו, אַן אינטערעסאַנטעס אבער יעצט שוין אַלט־מאָדישעס ווערק, אין וועלכען די סתירה צווישען גוטעס און שלעכטעס שטעלט אוועק אַלע אַנדערע געגענזאַצען פון לעבען אין שאָטען און אין וועלכען עס באַמערקט זיך אַ מערקווירדיגער ניט־

פאַרשטעהן פון רישעליו׳ס גרויסקייט אַלס שטאַאַטסמאַן. עס פעהלט אין איהם כמעט אינגאַנצען סקאָט׳ס בריה׳שאַפט פאַרצו־שטעלען אַ כאַראַקטער; אַנשטאַט דעם איז אין דעם ראָמאַן דאַ אַ לירישער עלעמענט, אַ לויבגעזאַנג פאַר יוגענדליכער, אימפּעט־דיגער ריטערליכקייט, פאַר דער אַלט־פראַנצויזישער בראַווקייט. פּראָספּער מערימעי האָט זיך געלאָזען באַאיינפלוסען פון דעם גרוי־סען שאָטלענדער אין דערזעלבער צייט, ווי אַלפרעד דע וויני, און ער האָט אָנגעשריבען זיין „כראָניק פון דער הערשאַפט פון שאַרל דעם נייִנטען“, אַן ארבייט, וועלכע איז אין גייסטיגען הינזיכט נאָך וויטער פון סקאָט. מערימעי זוכט אין דער געשיכטע די שטאַרקע און שטורעמדיגע ליידענשאַפטען צוליעב זיי אַליין, אָבער מיט דעם זייטיגען מיין פון די פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער צו צורייצען אבי־סעל די בורזשואַזיע מיט זיינע געוואַגטע, אָפענע באַשרייבונגען; זיין מאָלען פון כאַראַקטערען איז, בכלל גענומען, אַ קלאָרער און אַ שאַרפער; ער באַשרייבט די פּאַסירונגען קאַלטבלוטיג ניט רעד־בענענדיג זיך מיט קיינע אָנגענומענע מאָראַלע צוימען.

עס איז אַלגעמיין באַקאַנט ווי עטוואָס שפּעטער האָט אַלעק־סאַנדער דומאַ זעהר כאַראַקטעריסטיש איבערגענומען סקאָט׳ס רייכקייט אין פאַרבען און זיין היסטאָרישען סטיל און זיך באַנוצט מיט דעם שאַפענדיג פּיעלע לייכטע און העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, פון וועלכע „די דריי מוסקאַטירען“ קען דערמאָנט ווערן אַלס ביישפּיעל. עס איז אָבער ניט אַזוי גוט באַוואוסט, אַז באַל־זאַק, דער וואָס האָט אָוועקגעלייגט דעם יסוד פון דעם מאָדערנעם פראַנצויזישען ראָמאַן, איז אויך אַזוי שטאַרק ווי דע־וויני און מערימעי פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם אויסלענדישען שרייבער, וועלכער האָט געשאַפען אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער נאָוועלע. ער האָט געוואָלט איהם נאָכפאָלגען ניט זייענדיג קיין פּשוט׳ער נאָכמאַכער. ער האָט געגלויבט, אַז ער אַליין איז פעהיג גענוג צו פאַרמעסטען זיך מיט וואַלטער סקאָט אין דער קונסט פון באַשרייבען זאַכען, וואָס איז אַ דאַנק דעם ראָמאַנטיזם ווידער אַ מאָל געוואָרען בכבוד׳יג, און ער איז געווען זיכער אין זיין כח צו צוגעבען מעהר לעבען צו די געשפּרעכען. ביי וואַלטער סקאָט געפינען מיר נאָר איין טיפּ פרויען; אין פראַנקרייך האָט דער

שרייבער פון היסטאָרישע ראָמאַנען געקענט געגענשטעלען אַנט־
קעגען דער גלענצענדיגער פאַרדאַרבענקייט און דער לויזער מאָ־
ראַל פון דעם קאַטויליציזם די כמורנע־שטרענגע געשטאַלטען פון
דעם קאַלוויניזם אין די שטורעמדיגסטע עפּאָכען פון דער פראַנ־
צויזישער געשיכטע. דאָס האָט איהם פאַרזיכערט געגען מאָנאָטאָ־
ניגקייט. באַלזאַק, וועלכער איז שטענדיג געווען פאַרנומען פּלאַ־
נעווענדיג מאָנומענטאַלע ווערק און וועמעס גדאַנק האָט געהאַט
אַ אינסטינקטיווע נייגונג צו סיסטעמאַטישע קעמפּע און אויפ־
רעגונגען, האָט אַם ענדע געמאַכט דעם פּלאַן צו באַשרייבען יעדע
געשיכטליכע עפּאָכע זינט קאַרל דעם גרויסען ביז אונזער צייט
אין איינעם אָדער אין מעהרערע ראָמאַנען, וועלכע זאָלען אַלע
צוזאַמען זיין פאַרבונדען צווישען זיך ווי אַ קייט; — אַ גדאַנק,
וועלכען פרייטאַג, אין זיין ווערק „די אַהנען“, האָט שפּעטער גע־
וואָלט דורכפיהרען אין באַצוג צו דייטשלאַנד. דאָס ערשטע ווערק,
וואָס באַלזאַק האָט אַרויסגעגעבען אונטער זיין אייגענעם נאָמען,
„לע שואַן“, האָט געזאָלט זיין איין רינג פון דער דאָזיגער קייט.
עס באַשרייבט דעם קאַמף פון די וואַנדעיער אין דער צייט פון
דער רעוואָלוציע און עס איז אַרויס אין דעם יאָהר 1829, דעם
זעלבען יאָהר ווען עס זיינען ערשיענען „סינק־מאַר“ און די „כראָ־
ניק פון דער הערשאַפט פון שאַרל דעם נייניטען“. צוויי ביכער,
וועלכע זיינען אַרוים פיעל שפּעטער, „סור קאַטהערין דע מעדיסי“,
און „מעטר קאָרנעליוס“, זיינען אויך געווען טיילען פון דער פּראָ־
יעקטירטער אַרבייט. דער לעצטער איז אַ ראָמאַן, דורך וועלכען
באַלזאַק קאָנקורירט אָפען מיט וואָלטער סקאָט; זיין העלד איז
לואי דער עלפטער, וועמען באַלזאַק האָט גערענקט דער אויסלענ־
דער וואָלטער סקאָט האָט ניט ריכטיג באַהאַנדעלט. כאָטש די דאָ־
זיגע היסטאָרישע ראָמאַנען זיינען פאַר זיך גוטע און ענטהאַלטען
לעבעדיגע און ערנסט־באַאַרבייטע כאַראַקטערען, צייגען זיי דאָך,
אַז אויב באַלזאַק זאָל געווען דורכפיהרען זיין פּלאַן און בלויז אויפ־
לעבען צוריק די פאַרגאַנגענהייט, וואָלט ער אין דער ליטעראַטור
פון דעם יאָהרהונדערט געווען פאַרנעמען ווייט ניט דעם ערשטען
פּלאַץ; ער וואָלט געבליבען באַוואוסט נאָר אַלס איינער פון
סקאָטס תלמידים.

אויך ביי וויקטאר הוגא האט וואלטער סקאט ארויסגערופען א פארלאנג אנצושרייבען א גרויסען היסטארישען ראמאן. ער האט באשלאסען, אז דער מיטעלפונקט פון דעם ראמאן זאל זיין דער נאטר־דאם קאטעדראל אין פאריז; דאס איבערוויסען פון דער דאזיגער קירכע האט ביי איהם ארויסגערופען א גרויל; זיין באוואונדערונג און ליעבע צו דער אלטער היסטארישער געביידע דערמאנט אונז אן געטהע׳ס פארהאלטען זיך צום שטראסבורגער קאטעדראל און עהלענשלעגער׳ס צום קאטעדראל פון ראזקילדע. לויט דעם קאנטראקט, וואס הוגא האט געמאכט מיט דעם ארויסגעבער, האט דער דאזיגער באריהמטער ראמאן געזאלט זיין פארטיג אין אפריל 1829; אבער הוגא האט זיין פארשפרעכען ניט געקאנט ערפילען. דער פארלעגער האט איהם צוערשט געגעבען נאך פינף מאנאטען צייט; שפעטער האט ער איינגעוויליגט צו ווארטען ביז דעם ערשטען דעצעמבער 1830, אבער מיט א תנאי, אז אויב דער ראמאן וועט ביז יענער צייט ניט זיין פארטיג, זאל הוגא איהם ארויסצאהלען טויזענד פראנק א וואך ביז דער כתב־יד וועט זיין געענדיגט. ביז דעם 27טען יולי איז הוגא פארטיג געווארען מיט זיינע הכנות און יענעם טאג האט ער אנגעפאנגען צו שרייבען דעם ראמאן. אויף מארגען האט זיך אנגעפאנגען די יולי־רעוואלוציע; הוגא׳ס הויז איז צוליעב דער שיסעריי אין יענעם געגענד געווען אין געפאהר פארברענט צו ווערען און איבערקלייבענדיג זיך אין אנאנדער הויז זיינען אלע זיינע נאטיצען פאר דעם ראמאן פארלארען געווארען. אונטער די אומשטענדען האט איהם דער פארלעגער געגעבען נאך דריי מאנאטען צייט. הוגא האט באשלאסען קיינעם צו זיך ניט צולאזען; ער האט אויך פארשלאסען זיינע שווארצע בגדים ער זאל אליין ניט קענען קיינעם באזוכען, האט געשיקט ברענגען א פלעשעל טינט, האט אנגעטאן זיין ארבייט־רעקעל און האט אזוי אפגעארבייט, ניט זעהענדיג זיך מיט קיינעם ביז דעם 14טען יאנואר 1831, ווען דאס פלאש טינט איז אויסגעגאנגען און דער ראמאן איז געווען געענדיגט. דורך דער גאנצער צייט האט ער זיך נאר איינמאל ערלויבט אבצורייסען זיך פון זיין ארבייט צו געהן זעהן די צערעמאניע ביים פאראורטיילען די מיניסטארען פון שארל דעם צעהנטען, אבער כדי ניט צו ברע־

כען זיין באַשלוס האַט ער יענעם טאָג זיך אַנגעטאַן אין דער יוניפאָרם פון דער נאַציאָנאַלער מיליץ.

שוין אין זיינע גאַר יונגע יאָהרען האַט הוגאָ באַקומען אַ טיעפען איינדרוק פון וואַלטער סקאָט. אין אַן איבערבליק וועגען „קווענטין דורוואַרד“, וואָס ער האַט אָנגעשריבען זייענדיג אַ יונגערמאַן פון 21 יאָהר, דריקט ער אויס זיין גרעסטע באַוואונדערונג פאַר וואַלטער סקאָט׳ס היסטאָרישען חוש, זיין מאָראַלע ערנסטקייט און זיין דראַמאַטישען סטיל. אָבער שוין אַפילו דאַמאָלס געפינען מיר ביי איהם אַ זאַץ, וועלכער ציינט אין וואָס פאַר אַ וועג ער האַט אַליין געהאָפט צו געהן נאָך ווייטער פון סקאָט. ער שרייבט: „נאָך וואַלטער סקאָט׳ס מאַלערישען אָבער פּראָזאאישען ראָמאַן, בלייבט איבער צו שאַפען אַן אַנדער סאָרט ראָמאַן, וועלכער וועט, לויט אונזער מיינונג, זיין מעהר באַוואונדערונגסווערט און מעהר בשלימות. דאָס איז דער ראָמאַן, וועלכער איז גלייכצייטיג אי דראַמאַטיש אי עפּיש, וועלכער איז אי מאַלעריש אי פּאָעטיש, אי רעאַליסטיש אי אידעאַליסטיש, געטריי צום לעבען און גרויס; וועלכער זאָל קאָמבינירען וואַלטער סקאָט און האָמער“. די לעצטע ווערטער דורך וועלכע הוגאָ, געטריי צו זיין כאַראַקטער, פאַרדאַרבט דורך זיינע גוזמאות, דעם איינדרוק, וואָס ער מאַכט, דאַרפען אונז ניט אָפּהאַלטען פון אָנערקענען דעם יונגען שרייבער׳ס שאַרפען בליק וועגען דעם, וואָס ער אַליין וועט אין דער צוקונפט קענען אויפטאָן פאַר דעם ראָמאַן. ווי עס ווייזט אויס האָט ער געהאַט אַ פאָרגעפיהל, אַז זיינע אייגענע ראָמאַנען וועלען זיין גרויסע פּאָעמען אין פּראָזע, וועלען זיין מעהר מאַלערישע כראָניקען איידער בילדער פון דער ווירקליכקייט, ווי ביי וואַלטער סקאָט.

דער ראָמאַן „נאָטר־דאַם דע פּאַרי“, וועלכער האָט געזאָלט געבען אַ בילד פון דעם לעבען און די מאַניערען אין פּאַריז אין דעם פופצעהנטען יאָהרהונדערט, איז די אַרבייט פון אַ גרויסאַרטיגער, קאָנסטרוקטיווער פאַנטאַזיע. דאָס איז געווען אַ פּאַסענדער געגענשטאַנד פאַר הוגאָ, מיט זיין נייגונג צו צלם, וואָס איז גראַנדיען און קאָלאָסאַל. ער גיט אריין אַ נשמה דער געביידע פון דער קירכע, ער באַאָטהעמט זי מיט זיין גייסט ביז זי ווערט אַ לעבעדיגע באַשעפעניש; און אַקוראַט ווי דער וויסענשאַפטסמאַן שטעלט צוריק

צוזאמען די גאנצע חיה פון איין חוט־השדרה, אזוי נעהמט אויך הוגא'ס געדאנק דעם קאטעדראל אלס זיין אויסגאנגס־פונקט און בויעט אויס פון איהם דעם גאנצען לאנג־פארגעסענעם פאריז. דער גלויבען און דער אבערגלויבען, די מאניערען און די קונסטען, די געזעצען, די מענשליכע אויפרעגונגען און די ליידענשאפטען פון יענע אלטע צייטען זיינען געמאלען פאר אונז מיט ברייטע, שטארקע צוגען, — ניט זעהר שארף, אבער מיט א צויבערליכער קראפט, וואס פארכאפט אייך. די געשטאלטען אין „נאטר־דאם" זיינען געניאלע כאראקטער־בילדער, געמאלען אין אן עפישען סטיל און אין אן איבערנאטירליכער גרויס. דעם פלאץ פון סקאט'ס ערליכע, פשוט'ע, בורזשואזע נפשות פארנעהמען פון פארבען פארשיכור'טע קינסטלערישע גייסטער; וואלטער סקאט'ס פרומקייט ווערט פארביטען מיט א גראנדיעזער ליידענשאפטליכקייט, וועלכע קען זיך ניט בארוהיגען און טייטעלט שטענדיג צו דער בלינדער, איינזאמער נויטווענדיגקייט, צום „אוואיקן", וואס איז אויסגעקריצט אויף דער וואנט פון דער קירכע און וואס צודריקט אונז אלעמען — דעם ציגיינער, ווי דעם גייסטליכען, דאס שעהנע, ווי דאס חיה'שע, פעבוס ווי קוואזימאדא, — אונטער זיין אייזערנעם טראט יאהרהונדערט נאך יאהרהונדערט.

נאך שטארקער פון וואלטער סקאט האט געווירקט בייראן. די ווילדע ליידענשאפטליכקייט פון זיינע געדיכטע אין צוזאמענהאנג מיט זיין שטורעמדיגען לעבען, — זיין „טשיילד האראלד" און נאך מעהר זיין „לארא", די פערזענליכקייט, וועלכע איז געוועזן באצייכענט פון דעם פינגער פון דעם שיקזאל און, ליידענדיג פון א געהיימע מעלאנכאלישקייט, האט ארומגעטראגען איבער דער וועלט איהר שטאלץ און איהרע ליידען — די דאזיגע טיפען אין זייערע בייראנישע פארמען, פאנטאסטיש פארגרעסערט דורך אלץ, וואס איז מיטהיש און לעגענדאריש אין דעם לעבען פון דעם פאעט, האבען עס באצויבערט די יונגע מענשען, ווען הוגא האט אויפגערודערט און צוזאמענגעקליבען ארום זיך. עס זיינען געוועזן ווייניג קריטיקער, וועלכע האבען באהויפטעט, ווי בעיל האט עס געטאן טראץ דעם, וואס ער האט בייראנען שטארק באוואונדערט, אז „דער דאזיגער שרייבער פון טויטליך לאנגווייליגע און רעגעל־

מעסיגע טראַגעדיעס" האָט זיך ניט געפּאַסט אַלס דער פיהרער פון די ראָמאַנטיקער. באַלד נאָך בייראָנ'ס טויט האָט די גאַנצע מחנה פון די פראַנצויזישע קלענערע פּאָעטען זיך אָנגעכאַפּט אַן צוויי טעמעס, — גריכענלאַנד און לאָרד בייראָן, וועלכע זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו באַזינגען יאָהר־איין־יאָהר־אויס מיט אַזאַ היץ און מיט אַזאַ קליינער השגה וועגען דעם כאַראַקטער פון דעם פאַר־שטאָרבענעם, אַז סעינט־בעוו איז געצוואונגען געווען צו פּראָטעס־טירען אין דער „גלאָב" געגען דעם מיסגעברויך פון די ווערטער „בייראָן", „פרייהייט", „טרויערהימנע" א. אַז. וו. אין דעם יאָהר 1824, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען בייראָנ'ס טויט, האָ־בען ביידע, הוגאָ און לאַמארטין, אויסגעדריקט זייערע געפיהלען צום ענגלישען פּאָעט. הוגאָ האָט עס געטאָן אין אַ צייטונגס־אַר־טיקעל און לאַמארטין אין אַ גערידכט. באַהאַנדלענדיג איהם אַלס דיכטער, האָבען ביידע שרייבער אין יענער צייט אָנגעגעבען אַלס זיין הויפּט כאַראַקטעריסטיק זיין סקעפּטיציזם און פּעסימיזם; עס ווייזט אויס, אַז אויך ביידען האָבען בייראָנ'ס שפּעטערע ווערק ניט געמאַכט קיין טיעפען איינדרוק; אין דעם יאָהר 1824 האָבען זיי, ווי פיעלע אַנדערע, נאָך ניט באַמערקט און ניט פאַרשטאַנען זיין פרישע און בייסענדע פּאָליטיש־רעליגיעזע סאַטירע פון „דאָן זשואַן". אָבער בשעת הוגאָ זעהט בעיקר צו באַווייזען דעם אונטערשייד צווישען בייראָנ'ס פּאָעזיע און דער פּאָעזיע פון דעם 18טען יאָהרהונדערט („דער אונטערשייד צווישען בייראָנ'ס און וואָלטעיר'ס לאַכען איז דאָס, וואָס וואָלטעיר האָט ניט געליטען"), באַטראַכט דער סענטימענטאַלער און האַלב־גלויביגער לאַמארטין דעם ענגלישען פּאָעט אַלס אַ געפאַלענעם מלאך. לאַמארטין'ס „דער פינפטער שיר פון טשיילד האַראָלד", וואו ער פּראָבירט זיך צו כאַפּען בייראָנ'ס טאָן, צייגט אין וועלכען פּרט האָט ער זיך אַליין באַטראַכט אַלס עהנליך צום ענגלישען לאָרד, נעמליך: מיט זיין סענטימענטאַלער און העראָאישער פּערזענליכקייט. אונטער דער מאַסקע פון בייראָן דריקט ער אויס זיינע ספקות און זיינע רעוואָלוציאָנערע געפיהלען, וועלכע מיר קענען קוים באַמערקען אין זיינע „מעדיטאַציעָם" (איינטראַכטונגען; אַ מין השתפכות הנפש; אַ פאַרטיעפען זיך אין אייגענע געדאַנקען און שטי־

מונגען.) און מיט וועלכע ער איז אין גיכען ארויס־געטראָטען אונטער זיין אייגענעם נאָמען. עס איז מעגליך, אַז בייראָנ׳ס זכרון האָט עס ביידען, איהם און הוגאָ, צוגעצויגען צום מזרח; הוגאָ האָט זיך צופרידענגעשטעלט בלויז מיט פּאָעטישע וואַנדערונגען, אָבער לאַמאַרטין האָט געמאַכט פרינצליכע הכנות פאַר אַ גרויסאַרטיגע נסיעה. און אויב בייראָנס לעצטע ווערק האָבען ניט געמאַכט קיין שטאַרקען פּאָליטישען איינדרוק אויף די צוויי שרייבער, האָבען אָבער זיינע לעצטע טהאַטען און זיין טויט עס יאָ געמאַכט.

שפּורען פון בייראָנ׳ס איינפלוס געפינען זיך אַהן צווייפעל אין די ווערק פון די מעהרסטע יונגע פראַנצויזישע דיכטער, וועלכע זיינען ארויסגעטראָטען אין יענער צייט; אָבער די אָריגינאַליטעט פון די שרייבער פון יענעם דור איז געווען אַזוי באַדייטענד און קרעפטיג, אַז בייראָנ׳ס גייסטיגע צוריסענקייט, וואָס האָט געווירקט ווי אַז אַנשרעקענדער ביישפּיעל און האָט ארויסגערופען אַזוי פיעל נאָכמאַכונגען, האָט אויף זייערע נשמות קיין שליטה ניט געהאַט. נאָר איינער איז געווען צווישען זיי, אין וועמעס אויערען דער דאָזיגער כאַראַקטעריסטישער בייראָנישער טאָן האָט געקלונגען ווי אַ בת־קול פון אַ קרובה׳שער נשמה, און דער איינער איז געווע־זען, — ווי מערקווירדיג, — דער עלעגאַנטסטער און דער אַריסטאָ־קראַטישסטער, דער עכטסטער פּאַריזער צווישען זיי אַלעמען — אַלפרעד דע מוסעי.

די מעהרסטע פון די דאָזיגע ליטעראַרישע באַריהמטהייטען זיינען געבאָרען געוואָרען אויסער פּאַריז; הוגאָ און נאָדיעי — אין בעזאַנסאָן; זשאָרזש זאַנד — אין בעררי; גאָטיעי — אין טאַרב; לאַמענעי — אין ברעטאַן; סעינט־בעוו — אין בולאָן; און יעדער איינער פון זיי האָט געבראַכט מיט זיך אַ היבש ביסעל פון זייער כאַראַקטעריסטישען פּראָווינציאַליזם, וועלכער האָט זיך געוועהרט געגען בייראָנ׳ס השפּעה, הגם זשאָרזש זאַנד און גאָטיעי זיינען יאָ, אין מערקווירדיג פאַרשיידענע אופנים, באַאיינ־פלוסט געוואָרען פון בייראָן. מערימעי, וועלכער איז געבאָרען גע־וואָרען אין פּאַריז, האָט זיך צו שנעל אָפּגעקיהלט אום צו ווערען באַאיינפלוסט פון בייראָנ׳ס פּאָעטישען טעמפּעראַמענט; בייראָנ׳ס

נעגאַטיווע איינגענשאַפטען האָבען איהם מעהר באַאיינפלוסט, און דאָס אויך נאָר אינדירעקט, דורך שטענדהאַל. אָבער אויף קיינעם האָט בייראָן ניט געמאַכט דעם זעלבען דירעקטען, טיעפען איינ־דרוק, ווי אויף דעם שלאַנקען, בלייכען קינד פון פאַריז, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט די אַלע שוואַכקייטען און מיט דער פיינער איידעלקייט, וועלכע קומען בירושה צום לעצטען דור פון אַן אויסגעשטאָרבענער אַלטער יחוס׳דיגער משפחה. בייראָן, ווי אַן עכטער ענגלענדער, איז אין אָנפאַנג פון זיין קאַריערע געווען געניינגט צום ספּיריטואַליזם און מעלאַנכאָליש; דער גשמיות׳־דיגער לעבען שפּיעלט אַ קליינע ראָלע אין זיין יוגענדליכער פּאָעזיע. ערשט ווען ער איז שוין געקומען אין די יאָהרען, נאָכדעם ווי ער האָט באַזוכט איטאַליען און האָט געלעבט אין די לאַטיינישע לענ־דער, איז זיין פּאָעזיע געוואָרען, ווי געטהע׳ס פּאָעזיע אין בענדיק (װענעציע), תאווה׳דיג און חוצפּה׳דיג אָפען, זאָגאָר גראָב. דע מוסעי, פאַרקעהרט, פאַנגט אין זיין פריהער יוגענד אָן צו שרייבען מיט יענעם אָפענעם ברוטאַלען רעאַליזם, וועלכען מיר געפינען אין אייניגע פון די שפּעטערע ווערק פון בייראָן און נאָר צוביסלעכווייז ווערט ער מעהר און מעהר רוחניות׳דיג אין זיין פּאָעזיע. אויף דער העכסטער שטופע פון זיין שאַפען איז ער אַ שאַרפערער באָ־אָבאַכטער און זיין עראָטישע פּאָעזיע איז פיינער פון בייראָנ׳ס; זי האָט אַ ראַפּאַעלישע שעהנקייט, צו וועלכער בייראָן האָט ניט דערגרייכט און האָט ניט געשטרעבט. ער איז דער שוואַכערער, צאַרטערער, גראַנדיעזערער, פראַנצויזישער בייראָן, ווי היינע איז גע־ווען דער לייכטערער, קאַפּריזנערער און וויציגערער דייטשער ביי־ראָן און ווי פּאַלודאַן־מיולער איז געווען דער מעהר סאַטירישער, גלויביגער און צום קעניג און קירכע לאָיאַלער בייראָן פון דענמאַרק. דע מוסעי ליידט ווי אַ אינגעל, באַקלאָגט זיך ווי אַ פרוי; ער איז דאָס, וואָס אוגוסט פּרעאָ, דער סקולפּטורער, האָט איהם אַמאָל גערופען: „מאַדעמואַזעל (פריילין) בייראָן“.

שעלי, וועמעס נאָמען האָט אריינגעדרונגען אין פראַנקרייך ערשט פיעל שפּעטער, איז לגמרי געווען אומבאַקאַנט פאַר יענעם דור. וואָס אָנבאַלאַנגט דער זאָגענאַנטער „שולע פון די אָזערעס“ (זעעשולען), איז סענט־בעוו, וועלכער האָט אין זיינע יונגע

יאָהרען זיך גרינדליך באַקאַנט מיט דער ענגלישער שפּראַך און האָט געהאַט די שאַרפסטע קריטישע פעהיגקייטען פון אַלע ראָמאַנטיקער, געווען דער איינציגער צווישען זיי, וועלכער האָט משיג געווען דעם אמת'ען ווערט פון דער דאָזיגער נאַטורליעבענדער, רעאַליסטישער שולע, האָט איבערגענומען אייניגע פון איהרע איינגעשאַפטען און האָט געשטרעבט מיט דער הילף פון עטליכע אַיבערזעצונגען צו מאַכען זי פּאָפּולער. בריזיו, דער ברעטאַנער פּאָעט, דערמאָנט אונז אָן די „אָזערע־דיכטער“, הגם ער האָט וועגען זיי גאָרניט געוואוסט.

דער דייטשער איינפלוס איז ניט געווען אַזוי שטאַרק, ווי דער ענגלישער, און בנוגע צו דייטשלאַנד איז נאָך לייכטער צו באַווייזען ווי פריי די ראָמאַנטיקער האָבען באַהאַנדעלט די איינדריקע וואָס זיי האָבען באַקומען. דייטשלאַנד פלעגט מען זיך פאָרשטעלען אַלס אַ לאַנד, וואָס ליגט הינטער'ן שאָטען פון די אַלטע טורטאַנישע דעמבענבוימער; וואָס איבער איהרע וואַלען און טייכען שוועבען עלפען און גייסטער אין ווייסע, לאַנגע תכריכים, שלעפענדיג זיך מיט זייערע שאָטענס איבער דער טוי־פרישער גראָז; וואָס צווישען איהרע בערג וואוינען גנאָמען (פאַרשאָלטענע נשמות, מכשפים) און אויף זייערע שפּיצען טאַנצען די מכשפות זייערע יום־טוב־טענץ. דייטשלאַנד איז געווען דאָס לאַנד פון חלומות פון דער וואַלפּורגיס־נאַכט. נאָר איין ווערק פון געטהע איז אין פראַנקרייך געווען ווירקליך פּאָפּולער, דאָס איז געווען „ווערטהער“, וועמעס מגוזמ'דיג אויסגעדריקטע ליידענשאַפטען האָבען ענטציקט די לעזער. „ווערטהער“ האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט אַלס אַ צווייטען רענעי — כאָטש ער איז געווען פיעל עלטער פון רענעי — דערפאַר, וואָס דורך רענעי האָבען זיי זיך מיט איהם באַקאַנט, און דער דאָזיגער שטאַנדפּונקט האָט פון דעם דייטשען העלד צוגענומען זיין פרישקייט און געמאַכט איהם נעהענטער צום טיפּ פון „טשיילד־האַראַלד“. עטוואָס שפּעטער איז פאָרגעקומען מיט „פאוסט“.

דער דאָזיגער מעכטיגער געשטאַלט, פאוסט, וועלכער האָט אימפּאָנירט גאַנץ אייראָפּאַ, איז געווען פאַלשטענדיג פרעמד די פראַנצויזען און זיי האָבען איהם קיינמאָל ניט ווירקליך משיג געווען.

די פראַנצויזישע פּאָעזיע האָט זיך קיינמאָל ניט משתדל געווען מיט די קאַמפּען און די ליידען פון דעם פאַרשענדען גייסט. און דער דאָזיגער דייטשער דאָקטאָר, וועלכער איז נאַאיוו גענוג צו זעהן דעם טייוועל אין פּודעל־הונט, וועלכער איז אַזוי סענטימענטאַל, אַז ער טרעט אריבער דעם שוועל פון גרעטכענ׳ס היים מיט פרומע געפיהלען אין הארצען און איז דאָך אַזוי געוויסענלאָז, אַז ער לאָזט דאָס מיידעל, וואָס ער האָט פאַרפיהרט, און הרג׳עט איהר ברודער אין אַ ניט־עהרליכען דועל, איז צו־פיעל ניט־פראַנצויז אַז מען זאָל איהם אין פראַנקרייך קאָנען פאַרשטעהן. וואָס פאַר אַ טענות די קלאַסישע שולע האָט ארויסגעשטעלט געגען „פּאוסט“, קען מען זעהן פון דעם, מיט וואָס די ראָמאַנטיקער האָבען איהם פאַרטיי־דיגט.

„וויפיעל מענשען, — שרייבט דוּאוועדזשעי דע־אַראַן, — האָ־בען עס אינגאַנצען פאַרלאָרען די מעגליכקייט צו באַגרייפען די שעהנקייטען פון דער דאָזיגער מייסטערשטיק צוליעב דעם פאַקט אַליין, וואָס אין איהר ווערט באַהאַנדעלט אַז אַפּמאַך מיט דעם טייוועל! זיי קענען ניט פאַרשטעהן ווי קען מען עס דורכלאָזען אַזאַ אומעגליכקייט אָהן אַ פּראָטעסט; דאָך האָבען זיי אַליין אין זייערע קינדעריאָהרען אָהן קיין שום טענות זיך צוגעקוקט ווי אַגאַמעמנאָן איז מקריב זיין טאָכטער כדי צו באַקומען פון די געטער אַ גינסטיגען ווינט“.

פראַנצויזישע לעזער זיינען געווען צוגעוואוינט צו די אַבער־גלויבענס פון די אוראַלטע קלאַסישע צייטען, אָבער די אַבערגלוי־בענס פון דעם מיטעלאַלטער זיינען געווען אַבשטויסענד פאַר זיי. עס זיינען אויך געווען פיעלע אַזעלכע, וועלכע האָבען געטע׳ס ווערק קיינמאָל ניט געלייענט און האָבען זיי דאָך פאַרדאַמט אַלס באַר־באַרישע ליטעראַטור. אַזוי שפּעט ווי אין דעם יאָהר 1825 האָט דער שמאַלקעפּיגער באַקעמפּער פון די ראָמאַנטיקער, דער סעקרע־טאַר פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע אַזשעי, ארויסגערופען אַ שמייכעל ביי די מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע מיט זיינע אַטאַ־קעס אויף „די יעניגע ליעבהאָבער פון די שעהנקייטען פון דער נאַ־טור, וועלכע וואָלטען גערן פאַרביטען אַפּאָלאָ פון בעלוועדערע אויף דער אונגעלומפּערטער פיגור פון דעם הייליגען קריסטאָפער און

יואָלטען מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען אָפּגעבען „פּערד" און „איפיזשעניע" פאַר „פאַוסט" און „געטץ פאָן בערליכינגען"; זאָגענדיג עס האָט ער די לעצטע נעמען אַרויסגערעדט מיט אַזא אויסשפּראַך, ווי זיי וואָלטען געוועזען באַרבאַרישע. די באַוואונדערונג, וואָס די ראָמאַנטיקער האָבען געהאַט פאַר „פאַוסט", איז געווען, ווי שוין באַמערקט, פּרוכטלאָז. כאָטש זשעראַר דע נערוואַל האָט איבערגעזעצט דעם ערשטען טייל פאָלקאָם צופרידענשטעלענד פאַר דעם אַלטען געטהע, און כאָטש דעלאַקרואַ'ס בילד, וואָס האָט פאַרגעשטעלט פאַוסט און מעפיסטאָפעל רייטענדיג אין דער לופטען, האָט אויך אַרויסגערופען פיעל ענטציקונג ביי די אַלטע דיכטער און מבינים פון קונסט, צייגט דאָך די פראַנצויזישע ליטעראַטור פון יענער צייט בלויז זעלטען (ווי ביי קינעי) אַרום וועלכען עס איז שפּור פון דעם איינפלוס פון געטע'ס גרויסער דראַמע.

שילער, צוליעב זיינע פאַרבינדונגען מיט רוסאָ און זיין בלומענדיגע ראָמאַנטישע מליצה, האָט, דוכט זיך, באַדאַרפט מעהר אַפּעלירען צו די פראַנצויזען ווי געטע; פאַקטיש אָבער האָט ער געהאַט זעהר אַ קליינעם איינפלוס אויף דעם יונגען דור. זיינע דראַמען זיינען פריי איבערגעמאַכט געוואָרען און זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען אויף דער פראַנצויזישער ביהנע; אָבער דאָס האָט פּאַסירט גראַדע איידער די ראָמאַנטישע שולע גופא איז געשאַפען געוואָרען, און די האַלב-ראָמאַנטישע דיכטער פון דער איבערגאַנגס-פּעריאָדע, וועלכע האָבען צוּבראַקט און צושניטען זיינע פּיעסען און געמאַכט פון זיי קאָנווענציאָנעלע טראַגעדיעס לויט דעם געשמאַק פון יענער צייט, האָבען זיי צו'פּטר'ט אַנשטאָט צו מאַכען זיי פאַרשטענדליך פאַר דאָס פּובליקום. פון דער „יונגפרוי פון אָרלעאַנס" און פון „דאָן קאַרלאָס" האָט סומעי צוזאַמענגעשטופּעט אַ „זשאַן ד'אַרק" און אַ „עליזאַבעטה פון פראַנקרייך"; „פיעסקאָ" איז באַאַרבייט געוואָרען און צו'הרג'עט געוואָרען פון אַנסעלאָ; „וואַלענשטיין" — פון ליאַדיער; אָבער ניט די קלאַסיקער און ניט די ראָמאַנטיקער האָבען געהאַט נחת פון די רעזולטאַטען, און דער שטרענגער בעיל, וועלכער האָט געלייענט אָדער האָט זיך געפּרופט צו לייענען די פּיעסען אין אָריגינאַל, האָט געפּסק'ענט, אַז שילער האָט זיך צופיעל אונטערגעגעבען צום אַלטען

פּראַנצויזישען געשמאַק כדי צו קענען מזכה זיין זיינע לאַנדסלייט מיט אַ טראַגעדיע לויט ווי עס האָבען געפאָדערט זייערע מאַניערען און געוואוינהייטען. ער האָט קיין שום השגה ניט וועגען שילער'ס ווירקליכער גרויסקייט; ער האָט, ווי עס שיינט, ניט גענוג פאַרשטאַנען די דייטשע שפּראַך ער זאָל קענען פאַרשטעהן און האָבען פאַרגעניגען פון „וואַלענשטיין“; חוץ דעם האָט ער, ווי פיעלע פון די יונגערע מענשען, זיך ערלויבט צו פיעל צו ווערען באַאיינפלוסט פון דעם פאַרלאַנג צו צורייצען די קלאַסיקער און אפילו ווערנער'ס „לוטהער“ האָט ער שטאַרק געלויבט אַלס די מאָדערנע דראַמע, וואָס איז אַמנאָהענטסטען צו שעקספּיר, און דעם מחבר האָט ער פאַרגעשטעלט אַלס אַ פיעל גרעסערען דיכטער ווי שילער.

דער איינציגער דייטשער שרייבער פון יענער צייט, אויסער געטהע, וועלכער האָט געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק, איז געוועזן ע. ט. א. האָפמאַן. פאַר די פראַנצויזען איז האָפמאַן געוועזן דער אמת'ער דייטש. טיעק איז געוועזן צו פיעל אונבאַשטימט, נאָוואַליס — צו מיסטיריעז זיי זאָלען קאָנען געפינען פאַר זיך אַ לעזענדען פּובּליקום אין פראַנקרייך, ווי זיי האָבען עס געפונען, למשל, אין דענמאַרק; אָבער האָפמאַן האָט אין זיך פאַראייניגט אַן אונגעצאַמטע פאַנטאַזיע, וואָס די פראַנצויזען האָבען באַטראַכט אַלס אַ גאַנץ נייעם עלעמענט אין דער פּאָעזיע, מיט אַ זיכערקייט און שאַרפקייט אין זיין מאָלען, וואָס זיי האָבען ליעב געהאָט און וואָס האָט זיי דערמאָנט אָן זייער לאַנדסמאַן קאַלאָ. זיין קינסטלערישער מוט, מיט וועלכען ער האָט יעדען געדאַנק זיינעם דורכגעפיהרט ביז'ן סוף, האָט אויסגענומען ביי די לעזער. ער האָט געברויכט שטאַרקע פאַרבען, האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר די שטאַרקסטע עפעקטען. דאָך, ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנצער ווילדקייט, זיינען זיינע באַשרייבונגען פול מיט די קלענסטע פּרטים אַזוי ווי עס איז אין דאָס בילד „דער נסיון פון דעם הייליגען אַנטאָני“, וואָס בראַגעל אָדער טעניעי האָבען געמאָלען; ער איז, להיפך צו נאָוואַליס'ן, אַנטקעגען געקומען די פראַנצויזען מיט זיין בערלינער ראַציאָנאַליזם, וואָס איז זיי אַזוי נאָהענט; זיינע משוגעת'ן אַפילו זיינען געוועזן מיט אַ שכל. דערפאַר איז ער געוועזן דער איינציגער פון אַלע דייטשע פּאָעטען, וועלכער האָט ערוואָרבען פאַר

זיך אין פראַנקרייך נאָכפאָלגער, זאָגאָר תלמידים. שוין ביי נאָדיעי, ווי פריהער אַנגעוויזען, פיהלט זיך שטאַרק זיין איינפלוס; שפּע־טער־צו באַמערקט זיך דער דאָזיגער איינפלוס פיעל שטאַרקער ביי זשעראַר דע נערוואַל און מען זעהט איהם קלאָר אין די קורצע ערצעהלונגען פון גאָטיעי. ווי אָריגינעל דער לעצטער שרייבער איז ניט געווען און טראָץ דעם, וואָס ער האָט קיין וואָרט דייטש ניט פאַרשטאַנען, האָט ער זיך דאָך אין געוויסע צייטען פון זיין לעבען געפונען אונטער דעם דייטשען איינפלוס. זיינע יוגענדליכע ער־צעהלונג („ראָמאַן ע קאָנט") דערמאָנען אונז אָן האָפמאַנען, אַזוי אויך פיעלעס אין זיין „עמאָ ע קאָמעי" דערמאָנט אונז אָן הענריך היינע. ער איז געווען שטאַרק ענטציקט פון געטע'ס „וועסט־אָסטליכער דיוואַן". געטע האָט איהם צוגעצויגען מיט דער קינסטלערישער פאָלקאָמענהייט, וואָס דער גרויסער דייטשער דיכטער האָט אַרויסגעצייגט דורך די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען.

6.

אַ בליק צוריק. היימישע השפּעות.

דער פרעמדער איינפלוס איז דאָך ניט געווען דער עיקר אין דעם ווידערגעבורט פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. ניין, די נייע מענשען האָבען געבויט אויף היימישע יסודות.

די אַרבייט, וואָס אַזאַ גרויסע שולע, ווי די ראָמאַנטישע שולע אין פראַנקרייך, האָט אויפגעטאָן, קען מען פאַרגלייכען מיט דאָס בויען פון אַ שטאָדט; אָבער די ליטעראַרישע שטאָדט ווערט געווענליך געבויט אויף אַ שוואַכען באָדען, וואָס ווערט ווייניג באַשיצט זי זאָל ניט אַרונטערגעשווענקט ווערען פון די וואַסערען פון דער צייט, וואָס מאַכט אַלעס צום פאַרגעסען. די וואַסערען אינ'ם גרונד ווייזען זיך באַלד אַרויס. זיי הייבען זיך אַלץ העכער און העכער; די נידריגערע געביידעס ווערען אַמענדע פאַרשוואונדען און נאָר די העכסטע מאָנומענטען בלייבען אַרויסשטעקען און זעהען זיך אייביג איבער דער לעטאַ, דעם טייך פון פאַרגעסענהייט.

זייער שטאָלצען אויסזעהן באַקומען די העכסטע ליטעראַרישע עמודים טיילווייז פון דער טיעפקייט פון די געדאַנקען, אויף וועלכע זיי זיינען באַגרינדעט, טיילווייז פון דער קינסטלערישער פאָלקאָמענקייט, מיט וועלכער די דאָזיגע געדאַנקען ווערען אויסגעדריקט; אָבער דער עיקר איז, — סיידען דער שרייבער איז אַ ווירקליך שאַפענדער דענקער, — אַז זיין געדאַנק זאָל באַוואוסטזיניג אָדער אונבאַוואוסטזיניג, זיין דורכגעדרונגען מיט די פּראָגרעסיווסטע אידעען פון זיין צייט; דערפאַר, וואָס נאָר דאָס קען מחיה־מתים זיין און פאַרהיטען זיי פון דעם גייסט פון פאַרניכטונג.

דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיזם צייגט אַרויס דריי הויפּט ריכ־טונגען:

1) אַ שטרעבונג געטריי צו רעפּראָדוצירען אַ שטיקווירקליכע געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט אָדער אַ געוויסען זייט פון דעם מאָדערנעם לעבען: די טענדענץ צו אמת׳דיגקייט.

2) אַ שטרעבונג צו פאָלקאָמענע פאָרמען, פאַרשטעהענדיג עס אָדער אַלס פּלאַסטישקייט און בילדליכקייט אין די אויסדרוקען, אָדער אַלס שטרענג אויסגעמאָסטענע האַרמאָנישקייט, אָדער אַלס אַ פּראָזאַאישען סטיל, וואָס איז אַזוי שטרענג איינפאַך, אַז ער קען ניט ווערען פאַרעלטערט: די טענדענץ צו שעהנקייט.

3) אַ באַגייסטערונג פאַר גרויסע רעליגיעזע און סאָציאַלע רע־פאָרמאַטאָרישע אידעען; אַן עטישע שטרעבונג אין דער קונסט: די טענדענץ צו גוטסקייט.

די דאָזיגע דריי הויפּט ריכטונגען באַשטימען מיט זיך דעם כאַראַקטער פון אַט דער קרעפטיגער און באַגאַבטער שולע, ווי די דריי אויסמעסטונגען באַשטימען דעם שטח אין אונזער צימער; און יעדע איינע פון זיי האָט געשאַפען גרויסע ווערק, וועלכע האָ־בען אַ דויערענדען ווערט.

מיר וועלען פריהער באַטראַכטען די לעצטע צוויי ריכטונגען אויף וויפיעל זיי זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון היימישע פראַנ־צויזישע השפעות.

כאָטש אין דער ראָמאַנטישער שולע זיינען געווען שרייבער, וועלכע האָבען, ווי מערימעי און גאָטיעי, ביז צום לעצטען זיך פאַרהאַלטען, אויפריכטיג אָדער געמאַכטערהייט, גלייכגילטיג צו די סאָציאַלע און פּאָליטישע שטרעבונגען פון זייער צייט, דאָך איז צווישען זיי געווען אַ פּיעל גרעסערע צאָהל מענשען, וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרען פון די פאַרזוכען, וואָס זיינען דאַמאַלס געמאַכט געוואָרען, בעסער צו אָרגאַניזירען זייער אייגען לאַנד און די גאַנצע מענשהייט. פּאָעזיע, די ליטעראַטור בכלל, האָט צוויי הויפּטפאָר־מען. אָדער זי טראָגט דעם כאַראַקטער פון באַשרייבונגען, באַגרינ־דעט אויף פּסיכאָלאָגישע באָאָבאַכטונגען — אין דער פאָרמע איז זי עהנליך צו דער וויסענשאַפט — אָדער זי האָט די פאָרמע פון נביאות, פון באַגייסטערטע פּרעדיגערייי, — דאַמאַלס האָט זי אַז

עהנליכקייט צו רעליגיאָן. פיעלע שרייבער פון דעם דור פון 1880 צייגען אַרוים אַ נייגונג צו דענקען, אַז די ליטעראַטור דאַרף זיך אויסדריקען אין דער לעצטער פאָרמע. די קריטיקער, וועלכע האָבען זיך געפּרופט אַוועקצומאַכען די ווערק פון די דאָזיגע שרייבער אויפוואַרפענדיג זיי, אַז זיי זיינען טענדענציעז, זיינען באַגאַנגען געגען זיי אַן עולה. וואָרים דאָס, וואָס אַזעלכע קריטיקער פאַרדאַמען, איז קיין אַנדער זאַך נאָר דער גייסט פון דער צייט, — איהרע אידעען; און די דאָזיגע אידעען זיינען דאָס לעבעדיגע בלוט פון יעדער אמת׳ער ליטעראַטור. אַלץ, וואָס מיר האָבען אַ רעכט צו פאָדערען אין די אינטערעסען פון קונסט איז, אַז די אַדערען, דורך וועלכע דאָס בלוט פליסט, זאָלען צייגען זייער בלויען קאָליר אונטער׳ן הויט און זאָלען ניט אויסקוקען שוואַרץ און געשוואָלען ווי ביי קראַנקע אָדער צו׳כעס׳טע מענשען.

שוין אין דעם פאַרלויף פון די דרייסיגער יאָהרען האָבען רעפאָרמערישע אידעען פון אַלע צייטען דורכגעדרונגען דעם פראַנצויזישע ראָמאַנטיזם. ווען מיר זאָלען נעהמען זוכען די קוואַלען פון די דאָזיגע אידעען, מוזען מיר זיך אָפּשטעלען אויף סען־סימאָן. אין דער פּערזאָן פון גראַף קלאָד הענרי דע סען־סימאָן (געבאָרען אין 1760), דער איינציגער יורש, וואָס איז געבליבען פון דער משפחה פון דעם באַריהמטען הערצאָג דע סען־סימאָן, וועלכער האָט געשריבען די פּריוואַטע כראָניק פון דעם הויף פון לואי דעם פערצעהנטען, האָט פראַנקרייך, וועלכע האָט אַרויסגעצייגט אַזוי ווענינ אינטערעס אין דער דראַמע „פאַוסט״, אַליין געשאַפען אַ פאַוסט פון דעם נייונצעהנטען יאָהרהונדערט, אַ ווירקליכען פאַוסט לויט זיין גייסטיגער אונרוהיגקייט און זיין גרויסען שטרעבען צום טעאָרעטישען און פּראַקטישען שטודיום פון אַלע גרויסע וועלט־פּראָבלעמען. ער איז ניט אַזאַ שאַרפזיניגער מפלפל, ווי דער העלד פון געטע׳ס באַריהמטער דראַמע, אָבער זיינע גייסטיגע האָריזאָנטען זיינען ברייטער, זיינע צוועקען זיינען גרעסער און זיינע אַלע שטרעבונגען זיינען פון אַ העכערער מדרגה. ער פאַנגט אָן דאָרט, וואו „פאַוסט״ ענדיגט. זיינע פּלענער וועגען דורכשניידען אַ קאַנאַל דורך פּאַנאַמאַ און קאַנאַליזירען שפּאַניען דערמאָנען אונז אָן די אונטערנעמונגען פון „פאַוסט״ אויף זיינע עלטערע יאָהרען. סען־סימאָן האָט דורכ־

געמאַכט אין זיין לעבען אַ סך זאַכען: ער איז געווען אַן ארמיי־אָפיצער, אַ סאָלאָנען־באַזוכער, אַן אינזשעניר, אַן אָרגאַניזאַטאָר פון געשעפטס־געזעלשאַפטען, אַ פילאָזאָף, אַ וויסענשאַפטסמאַן, אַ שרייבער איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אַ גרינדער פון אַן אמונה; ער האָט אַרויסגעוויזען טאַקאַנט כמעט אויף אַלע געביטען. אין זיינע יונגע יאָהרען האָט ער פאַרשוואָנדעט אַ גרויסען אוצר געלד גלויבענדיג, אַז ער וועט ווערען דער יורש פון אַריסטאָקראַטישע טי־טולען אין פראַנקרייך און אין שפּאַניען און אַז צוזאַמען מיט דעם וועט ער באַקומען אַ האַלבען מיליאָן פראַנק. אָבער זיין פּאָטער און דער הערצאָג דע סען־סימאָן האָבען זיך צוקריגט און די ירושה איז איהם ניט אָנגעקומען. ער איז געוואָרען זעהר פאַראָרימט און האָט געמוזט אַרבייטען אַלס אַן איבערשרייבער ניין שטונדען אַ טאָג פאַר אַ געהאַלט פון טויזענד פראַנק אַ יאָהר און אין דעם יאָהר 1812 איז זיין לאַגע געווען אַזאַ, אַז ער האָט געמוזט לעבען אויף בלויזע ברויט מיט וואַסער. אין פאַרצווייפלונג האָט ער איינמאָל געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַגעהן זעלבסטמאָרד; ער האָט זיך אויס־געשאָסען איין אויג, אָבער ער איז געבליבען לעבען. דער זעלבסט־מאָרד־פאַרזוך דערמאָנט אונז אויך אָן פּאָוסטן.

זיינע נאָכפאָלגער זיינען איהם געקומען צו הילף, האָבען איהם געשטיצט, האָבען זיך ביי איהם געלערענט און האָבען געגרינדעט איין זשורנאָל נאָך דעם צווייטען צו פּראָפּאַגאַנדירען זיינע אידעען.

אין דער צייט ווען סען־סימאָן איז געשטאָרבען, פינף יאָהר פאַר דער יולי־רעוואָלוציע, זיינען די דאָזיגע אידעען געווען באַקאַנט און אָנגענומען נאָר אין אַ קליינעם קרייז. אָבער דורך דעם משך פון דער הערשאַפט פון לואי פיליפּ האָבען זיי זיך שנעל פאַר־שפּרייט און דערביי זיך געענדערט אין געוויסע פרטים. עס האָט זיך געגרינדעט אַ סען־סימאָניסטישע סעקטע מיט אַ כוהן־גדול בראש, צו וועלכער עס זיינען צוגעשטאַנען באַריהמטע מענשען פון אַלע קלאַסען און פראָפעסיעס. צווישען זיי זיינען געווען אַזעלכע מענער ווי איזאַק פּערייר, דער פינאַנסיר, און פעליסיען דאַוויד, דער קאָמפּאָזיטאָר. מיט דער צייט האָבען די סען־סימאָניסטישע אידעען דורכגעדרונגען די גאַנצע פראַנצויזישע געזעלשאַפט. מי־שעל שעוואַליעי האָט זיי געמאַכט פאַר אַ טייל פון דער פּאָליטי־

שער עקאָנאָמיע. זיי האָבען באַגייסטערט די ארבייט פון דעם באַ־
באַריהמטסטען היסטאָריקער פון יענער צייט, אַגוסטען טיערי; זיי
זיינען געוואָרען דער יסוד פון דער פילאָזאָפיע פון דעם גרעסטען
פראַנצויזישען דענקער פון דעם יאָהרהונדערט, פון אַגוסט קאָנט;
אַ היבש ביסעל געענדערט, האָבען זיי פאַר זיך געוואונען די איינ־
פלוסרייכע פילאָזאָפישע און רעליגיעזע פרעדיגער פיער לערו און
לאַמענעי; אין דער זעלבער צייט האָבען זיי דורכגעדרונגען אין
דער פּאָעזיע. און דאָס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָרום טראָץ
זיינע פאַנטאַסטישע חלומות האָט סען־סימאָן געהאַט דעם חוש
פון אַ גרויסען נביא און דיכטער.

ער האָט מקדים געווען זיין צייט מיט דעם, וואָס זיין פילאָ־
זאָפיע איז געווען איינער פון די סימנים פון דער גרויסער אייראָ־
פּעאישער רעאַקציע געגען דעם אכצעהנטען יאָהרהונדערט, וועל־
כען ער האָט באַטראַכט אַלס אַן עפּאָכע פון בלויז קריטיק און
צושטערונג אין דער צייט ווען דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט
האָט ער באַצייכענט אַלס אַן אָרגאַנישע עפּאָכע, אַלס אַ פּעריאָדע
פון דירעקטע קאָנסטרוקטיווע אַרבייט. ער האָט לגמרי ניט מסכים
געווען מיט די יעניגע, וועלכע האָבען זיך פאַרגעשטעלט, אַז מען
קען מאַכען גליקליך די מענשהייט בלויז דורך אַן ענדערונג פון
די רעגירונגס־פאָרמען און אויך מיט די, וועלכע האָבען, ווי די
קלעריקאַלע פּאַרטיי, ניט אויפגעהערט צו לויבען די פאַרגאַנגענהייט
כדי זי ווידער אויפצולעבען. ער איז ניט געווען קיין פריינד פון
דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַ מבשר (וועלכער ברייגגט אַ בשורה)
פון דער צוקונפט; די צוועקען און די שטרעבונגען פון דער רע־
אַקציע האָבען פאַר איהם נאָר אויף אַזוי פיעל געהאַט אַ זין, אויף
וויפיעל זיי האָבען אויסגעדריקט דעם אמת, אַז די מענשהייט קען
ניט ווערען ציוויליזירט בלויז דורך דעם ראַציאָנאַליזם, אַז צו דעם
איז נויטיג רעליגיאָן; אָבער די רעליגיאָן, וואָס סען־סימאָן האָט
אַנערקענט, איז געווען פריי פון די אַלע מסורות און מנהגים, אין
וועלכע עס דריקען זיך אויס אַלע אמונות פון דער וועלט. אַלס אַן
ענטוזיאַסטישער רעפאָרמער, וועלכער האָט געשטרעבט צו שאַפען
עטוואָס פּאָזיטיוועס, איז ער געווען ווייט פון די ספקות פון דעם
כופר־בהכל; די פרייהייט, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַפּשאַפען

די שטערונגען אין לעבען, האָט פאַר איהם ניט געהאַט קיין ווערט סיידען זי איז געוואָרען פאַרפאָלקאָמט דורך ווירקליכער פרייהייט, ד. ה. דורך אַ פרייהייט, וואָס שאַפט פאַר מענשען אַ גרעסערע און ברייטערע מאַכט. די אַרבייט פון די לעצטע, קריטיש יאָהר־הונדערטע איז געווען צו צוברעכען די מיטעלאַלטערישע מאַכט פון דעם גייסטליכען און פון דעם קריעגערישען ריטער; יעצט איז געקומען די צייט צו עטאַבלירען די הערשאַפט פון דער ווסענשאַפט און די אינדוסטריען. אין דער נייער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג דאַרף די ווסענשאַפט פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון דער אמונה און די אויפגאַבען פון די אינדוסטריען איז, אַז זיי זאָלען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון מלחמות.

די ערשטע זאַך, וואָס מען מוז טאָן, איז „אָרגאַניזירען" די ווסענשאַפט און די אינדוסטריען.

די וואָס זיינען פאָראינטערעסירט אין זיינע פּראָיעקטען ווי צו אָרגאַניזירען די ווסענשאַפט, קענען לייענען סען־סימאָנ׳ס „בריעף פון אַן איינוואָהנער פון גענף", אין וועלכע ער שלאָגט פאַר אַ פּלאַן אַנצופאַנגען קלייבען אונטערשריפטען פאַר נדבות ביים קבר פון סיר אייזאַק ניוטאָן מיט דעם צוועק צו געבען אַ מעגליכ־קייט אַלע ווסענשאַפטסלייטע און קינסטלער זיי זאָלען זיך אָפּ־געבען מיט זייער אַרבייט ניט נאָר פריי פון וועלכע עס איז דאגות וועגען פּרנסה, נאָר אויך פאַרזיכערט, אַז זיי וועלען ווערען גוט באַצאָהלט פאַר זייער טעטיגקייט; אַלפרעד דע וויני, אַלס דער מחבר פון „שאַטערטאָן", האָט געמוזט לייענען דעם דאָזיגען פּלאַן מיט באַגייסטערונג, אויב ער האָט איהם נאָר געלייענט. אָבער נאָך מעהר פון באַגייסטערונג האָט דער פּראָיעקט געמוזט ביי איהם אַרויסרופען איבעראַשונג מיט דעם, וואָס ער שלאָגט פאַר, אַז די באַזאָרגטע גאונים פון דער וועלט זאָלען פאַר די שכירות, וואָס זיי וועלען באַקומען, זיך אונטערנעמען צו ווערען די משגיחים פון אַלע גייסטיגע אינטערעסען פון דער מענשהייט לויט אַ באַשטימטען, פאַרזיכטיג אויסגעאַרבייטען פּלאַן.

אין זיין „פּאַראַבל" דערצעהלט אונז סען־סימאָן זיין פּלאַן ווי צו אָרגאַניזירען די אינדוסטריען פון דער וועלט. עס איז זעהר אַ מערקווירדיגער דאָקומענט. צוליעב דעם, וואָס דער „פּאַראַבל"

איז געשריבען אין זעהר א לאַקאָנישער שפּראַך און ערטערווייז מיט אַזאַ וויציגקייט, וואָס מען באַגעגענט ניט ביי סען־סימאָנ׳ען ערגעץ אַנדערש, איז מעגליך, אַז דאָס איז דער איינציגער פון זיינע שריפּטען, וואָס דער עולם וועט נאָך לאַנג זיין פאַראינטערעסירט צו לייענען, דערפאַר וועל איך דאַ איבערגעבען בקיצור זיין אינהאַלט.

לאָמיר זיך פאַרשטעלען, זאָגט סען־סימאָן, אַז פראַנקרייך וועט פאַרלירען פון צווישען איהרע געלעהרטע פיזיקער, פיזיאָלאָגען, מאָלער, פּאָעטען, מעכאַניקער, דאָקטוירים, כירורגען א. אז. וו. צו פופציג פון די בעסטע ספּעציאַליסטען אין יעדען פון אַלע פאַכען — לאָזען מיר אַננעהמען זי וועט פאַרלירען דריי טויזענד פון איהרע בעסטע וויסענשאַפטסלייטע, קינסטלער און מעכאַניקער — וואָס וועט זיין דער רעזולטאַט פון דעם?

אַזוי ווי די אַלע מענשען זיינען די ווירקליך פּראָדוצירענדע כחות פון לאַנד, דאָס בעסטע, וואָס דער פראַנצויזישער פאָלק פאַרמאָגט, וועט עס מוזען נעמען לכל הפחות א גאַנצער דור צייט איידער דער אומגליק, וואָס אַזאַ פאַרלוסט וואָלט געבראַכט, וואָלט פאַרגיטיגט געוואָרען. דערפאַר, וואָס מענשען, וועמענס טהעטיגקייט ברענגט זיכערע נוצען, זיינען אַן אויסנאַם, און די נאַטור האָט ניט קיין גרויסע שפע פון אויסנאַמען.

לאָמיר זיך פאַרשטעלען אַנאַדער פאַל. מיר וועלען אַננעמען, אַז פראַנקרייך בלייבט ביי אַלע איהר באַגאַבטע וויסענשאַפטסלייטע, קינסטלער, אינדוסטריעלע און מעכאַנישע טאַלאַנטען, אַבער זי האָט געהאַט דעם אומגליק צו פאַרלירען זיין קעניגליכע הויכקייט דעם קעניג׳ס ברודער, זייערע קעניגליכע הויכקייטען די הערצאָגען פון בעררי, פון אָרלעאַנס און פון בורבאָן; די הערצאָגין פון אַנגולעם, די הערצאָגין פון בורבאָן און די יונגע הערצאָגין פון קאָנדעי. אין דער זעלבער צייט פאַרלירט זי אַלע הויכע באַאַמטע פון דער קרוין, אַלע מיניסטאָרען, די קאַמערהערען, די ממונים איבער דער קעניגליכער יוגענד, די מאַרשאַלען, די קאַרדינאַלען, די ערכבישאָפּען, די בישאָפּען, די אויבער־גייסטליכע און די קאַנאָניקער, אַלע פּאָליציי־פּרעפעקטען און די וויצע־פּרעפעקטען, אַלע ריכטער, און אַלס צוגאָב פאַרלירט זי אויך צעהן טויזענד פון די רייכסטע לאַנד־אייגענטימער, וועלכע פיהרען זעהר א פּריצ׳ישען לעבען.

אזא פאל וואלט אהן ספק פיעל טרויער פארשאפט אין פראנקרייך, ווארים די פראנצויזען זיינען בטבע גוטהערציגע מענשען און זיי וואלטען בשום אופן ניט געקאנט בלייבען גאר ניט געריהרט, ווען עס ווערט פלוצלינג פארשוואונדען אזא גרויסע מחנה פון זייערע מיטבירגער. אבער דער דאזיגער פארלוסט פון ניט ווייניגער פון דרייסיג טויזענד מענשען, וועלכע ווערען באטראכט אלס די וויכטיגסטע אין דער מלוכה, וואלט פאראורזאכט א טרויער בלויז אויס סענטימענטאלע גרינדע, ווארים קיין ערנסטען שאדען דעם שטאאט אלס אזעלכען וואלט דער דאזיגער פארלוסט ניט געבראכט. עס וואלט געוועזן זעהר לייכט אויסצופילען די אפגעליידיגטע פלעצער. עס זיינען דא איבערגענוג פראנצויזען, וועלכע וואלטען געקאנט פארנעמען די שטעל פון זיין מאיעסטעט דעם קעניג׳ס ברודער אזוי גוט, ווי פון דעם פרינץ בכבודו ובעצמו; ס׳זיינען דא גענוג, וועלכע וואלטען געקענט פארנעמען דעם פלאץ פון דעם יורש־עצר און אז. וו. און אז. וו. די פארצימערען פון דעם הויף זיינען שטענדיג פול מיט מענשען, וועלכע זיינען שטענדיג גרייט צו נעהמען אויף זיך די פליכטען פון די קרוין־באאמטע. אין דער ארמיי זיינען דא גענוג אפיצערען, וועלכע וואלטען געקאנט זיין אזוינע גוטע גענעראלען, ווי די יעצטיגע מארשאלען; און וויפיעל פון אונזערע רייזענדע געשעפט־אגענטען האבען א סך מעהר מח איידער אונזערע שטאאטס־מיניסטארען; וויפיעל פון אונזערע פשוט׳ע גלחים זיינען גרעסערע מאמינים און זיינען פעהיגער פון אונזערע קארדינאלען, ארכבישאפען, כהנים־גדולים און קאנאניקער! וואס איז שייך די צעהן טויזענד פריצים, וואלטען זייערע יורשים זיכער ניט באדארפט זיך לערנען קיין איבריגע תורה אום צו ווערען ניט קיין ערגערע מכניסי־אורח און מיט שעהנסטע מאניערען אויפנעמען געסט אין זייערע סאלאנען.

דער עיקר געדאנק אין דעם דאזיגען שפאס, פאר נועלבען, אנבסען־סימאן איז אנגעקלאגט געווארען אין געריכט, איז, פארשטעהט זיך, אז נאר דער פראדוקטיווער קלאס בירגער איז ווירקליך נוצליך. פאר דער רעוואלוציע איז דער קאמף פארגעקומען צווישען די אדעליגע און דער בורזשואזיע; יעצט, ווען א טייל פון דער בורזשואזיע איז דערהויבען געווארען צום זעלבען שטאנד, אין וועלכע

די אַדעליגע האָבען זיך געפונען, און איז געוואָרען אַ שותף אין זייערע פּריווילעגיען, איז געוואָרען אַ קאַמף צווישען די פּראָדוקטיווע און ניט־פּראָדוקטיווע קלאַסען; די צוקונפט באַלאַנגט צו די אינדוסטריען, צו די אַרבייטער, צו דער טהעטיגקייט, וועלכע שאַפט פריעדען און ברענגט נוצען. אָבער אין דער צייט ווען די געלעהרטע אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון יענער עפּאָכע זיינען ניט געגאַנגען ווייטער פון פּרעדיגען, אַז מען זאָל געבען דעם יחיד די גרעסטע מעגליכע פרייהייט צו ענטוויקלען זיינע כחות, האָט סען־סימאָן געפאָדערט, אַז דער שטאַאַט זאָל זיך אין דעם פּרט אַריינמישען. לויט זיין מיינונג איז עס די פליכט פון דעם שטאַאַט צו אָרגאַניזירען די אַרבייט און די פּראָדוקציע פון לאַנד; נאָר דער שטאַאַט אַליין קען באַוואָרענען, אַז אין דער צוקונפט זאָלען מענשען ניט עקספּלאָאַטירען איינער דעם צווייטען, נאָר זיי זאָלען אַלע זיך באַנוצען מיט דער נאַטור צו באַזאָרגען זייערע נויטען. דער שטאַאַט דאַרף, אַנערקענענדיג אין אַ פולער מאָס די נאַטירליכע אונטערשיידען צווישען מענשען און מענשען, טאָן אַלץ, וואָס איז מעגליך, כדי אָבצושאַפען די קינסטליכע פאַרשיידענקייטען, — ער דאַרף, דערפאַר, מבטל מאַכען אַלע פּריווילעגיען, וועלכע קומען דורך געבורט, און דאַרף אָפּשאַפען און באַגרענעצען דאָס רעכט פון ירושות.

אין די שריפטען פון סען־סימאָן געפינען מיר, ערשטענס, די פונדאַמענטאַלע געדאַנקען פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם — אַן אונצופרידענהייט צו די רעזולטאַטען פון פרייער קאָנקורענץ און די פאָדערונג אַז פּראָדוקטיווע אַרבייט זאָל באַקומען דעם שכר און דעם כבוד, וואָס איהר קומט, — די אידעען, וואָס האָבען אַרויסגערופען ביי איהם דעם באַריהמטען כלל, אַז יעדער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט מוז פאַרנעמען דעם פּלאַץ, וואָס עס קומט איהם לויט זיינע פעהיגקייטען, און דאַרף באַקומען דעם גאַנצען שכר פון זיין אַרבייט. שנית, געפינען מיר ביי איהם, אַלס אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיגער פאָדערונג, צום ערשטען מאָל אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, די לעהרע וועגען דער פאָלשטענדיגער גלייכהייט פון די פרויען און די מענער אַלס מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. און, אַמלעצטען, בנוגע צו רעליגיאָן, געפינען מיר ביי איהם דעם

געראַנק וועגען אָפּשאַפן אַלע דאָגמען, אָבער ניט מיט דעם צוועק צו פאַרניכטען יעדע אמונה בכלל, נאָר כדי צו ראַטעווען פון דעם בית־עולם פון אָרטאָדאָקסישען גלויבען די איינציגע מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך", האָב ליעב אַ צווייטען ווי זיך אַליין! דאָס איז דער נייער מין קריסטענטום, וואָס סען־סימאָן האָט ערקלעהרט אין זיין לעצטען וויכטיגען ווערק „דער נייער קריסטענטום", אַ קריסטענטום מיט נאָר איין מצוה, וועלכע קען אויסגעדריקט ווערען אין די ווערטער: די אויפגאַבע פון גלויבען איז צו העלפען דער געזעלשאַפט צו ערפילען דעם גרויסען צוועק אַזוי שנעל ווי מעגליך צו פאַרבעסערען די לאַגע פון דעם אָרימסטען און דעם גרעסטען, לויט זיין צאָהל, קלאַס מענשען.

אין דער פערזענליכקייט פון סען־סימאָן איז געווען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט געמוזט זיין נאָהענט צום האַרצען פון די נאָך־איווערע צווישען די ראָמאַנטיקער. ער האָט געהאַט אַן אונבאַגרענעצטע זיכערקייט אין זיך אַליין, וואָס האָט אַרויסגערופען צוטרוי צו איהם אין אַנדערע; אין זיין כאַראַקטער איז ניט געווען די נייגונג צו זעלבסט־קריטיק, וואָס מען זעהט געוועהנליך ביי דענקער; ער איז געווען אַ דאָגמאַטיקער; ער איז געווען אַ נביא. אויסער דעם האָט ער געהאַט אין זיך די ראָמאַנטישע תשוקה אַלץ דורכצומאַכען, אַלץ דורכצופיהלען. לייענענדיג די כללים פון פערזענליכען לעבען, וואָס ער האָט אויסגעאַרבייט און אַרויסגעשטעלט אַלס נויטיג פאַר דעם פראָגרעס פון דער פילאָזאָפיע זעהען מיר, אַז בעצם זיינען זיי ניט פאַרשיידען פון די כללים, וואָס אַ יונגער ראָמאַנטישער פּאָעט וואָלט אַרויסגעשטעלט אַלס נויטיג פאַר דעם פּאָעטישען שאַפען. אָט זיינען זיי: 1) כל־זמן מען פיהלט זיך קרעפטיג זאָל מען פיהרען אַן אַקטיווען און ווי נאָר מעגליך פאַרשיידענאַרטיגען לעבען; 2) מיט חשק שטודירען אַלער־ליי סאָרטען טעאָריען און אַלע מינים פראַקטישע אַרבייטען; 3) שטודירען אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט און אַליין פאַר־נעמען אַ פּלאַץ אין די פאַרשיידענסטע שטאַנדען פון דער געזעל־שאַפט; 4) מאַכען אַ סך־הכל פון אַלע באַאָבאַכטונגען און ציהען פון זיי שליסע.

אין דער לעהרע פון סען־סימאָן איז געווען איין עיקר, וועלכער

האט, אלס א כלל, אבגעשטויסען פון זיך די ראמאנטישע שרייבער. דאס איז זיין באגייסטערונג פאר אינדוסטריעלע טעטיגקייט, וועלכע איז געווען פאר די מעהרסטע פון זיי דערווידער, אלס א זאך וואס איז בלויז נוצליך. אבער אין זיין פילאזאפיע האבען בשום אופן ניט געפעהלט קיין ראמאנטישע שטריכען. איהרע רעוואלוציאנערע, פאנטאסטישע, אוטאפּישע עלעמענטען האבען זיכער געמוזט צוציהען צו זיך די ראמאנטיקער, ווי עס האבען אויך געמוזט זיי צוציהען אין איהר דער שארפער אונטערשטרייכען פון דער נאטירליכער אונגלייכהייט פון מענשען, דאס פארגעטערען פון דעם זשעניע, די נייגונג צום גלויבען. זיין לעהרע איז אויך געווען פאעטיש מיט דעם, וואס זי האט זיך געזארגט וועגען דעם וואוילזיין פון די פרויען און מיט דעם, וואס זי האט זיך מיט אזא ליעבע פארהאלטען צו די אינטערעסען פון די עלענדסטע קלאסען פון דער געזעלשאפט.

ערשט אין דעם יאהר 1830 איז די לעהרע פון סען־סימאן געווארען א געזעלשאפטליכע מאכט. סען־סימאן אליין, ווי די מעהרסטע גרינדער פון אמונות, איז געווען דער נביא און דער מחוקק פון דער נייער לעהרע. זיינע תלמידים זיינען געווארען אמת'ע אפאסטאלען; זיי האבען גאנץ ערנסט איהם באטראכט אלס א מאדערנעם משיח, און זיי האבען זיך אוועקגעלאזט איבער דער וועלט אלס זיינע שלוחים. דורך די דאזיגע תלמידים פון סען־סימאן און דורך מענשען, וועלכע זיינען גייסטיג געווען נאהענט צו זיי, האט זיך די געזעלשאפט בכלל אין דער צייט פון דער הערשאפט פון לואי פיליפ באקאנט מיט זיינע לעהרען, כאטש איינינע פון די לעבעדיגערע מוחות האבען נאך פריהער געלעזען די שריפטען פון דעם לעהרער אליין. אזוי, למשל, געפינען מיר אין דעם טאג־בוך פון וויקטאר הוגא פאר דעם יאהר 1830 א באמערקונג, וואס צייגט, אז ער איז שוין געווען באקאנט מיט סען־סימאן.

איין יאהר נאך סען־סימאנ'ס טויט, האט זיין ארגאן, „לע פראדוקטיור“, געמוזט אויפהערען ארויסצוגעהן; אבער דאס גופא האט געבראכט זיינע תלמידים אין נאהענטערע פערזענליכע באציהונגען מיט זיינע אנהענגער, בפרט ווען אנפאנטען, דער הייליגער פאול פון דער נייער אמונה, א מאן מיט א שעהנעם אימפאנירענ־

דען אויסזעהן, מיט אַ גרויסען זשעניע פאַר דער ראָלע פון אַ כהן־גדול, מיט אַ פעהיגקייט צו זיין אַ פיהרער און צו הערשען. וואָס דערמאָנט אונז אָן בריגהעם יאַנג (דער גרינדער פון דער מאָר־מאָנישער קירכע), איז געוואָרען די ווירקליכע קאָפּ פון דער סעקטע. זיינען צו איהר באַקעהרט געוואָרען אַ סך זעהר פעהיגע יונגע מע־נער און געבילדעטע, באַגייסטערטע פרויען. עס האָבען אָנגע־פאַנגען אריינצוקומען גרויסע סומען געלד און בייטראַגען צו שטי־צען די סען־סימאָניסטישע „פאַמיליע“; בלויז אין דעם יאָהר 1831 האָבען די בייטראַגען באַטראָפען 330,000 פראַנק. אַ נייע ווע־בענטליכע צייטונג, „ל'אָרגאַניזאַטיור“, האָט אָנגעפאַנגען צו ער־שיינען און זינט דעם יאָהר 1830 איז פאַל לערו געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון דער „גלאָב“. מיט דער צייט אָבער איז די לעהרע, וואָס מען האָט געפּראָפּאַגאַנדירט אין זיין נאָמען, אַלץ מעהר און מעהר אוועק פון דער אָריגינעלער סען־סימאָניסטישער סיסטעמע. אין זיין אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן האָבען די קאַפּיטאַליסטען געזאָלט פאַרנעמען אַ וויכטיגען פּלאַץ. איינע פון די דריי קאַמערען, וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט צו גרינדען, האָט געזאָלט באַשטעהן אויס־שליסליך פון קאַפּיטאַליסטען. יעצט אָבער האָבען די סען־סימאָ־ניסטען אָנגעהויבען צו אַטאַקירען קאַפּיטאַל. סען־סימאָן האָט זיך, חוץ דעם, גאַנץ קלאָהר ערקלערט געגען יעדע פאָרמע פון קאָמו־ניזם; יעצט איז די „פאַמיליע“ פאַקטיש געגרינדעט געוואָרען אויף דעם פּרינציפּ פון קהל'שען אייגענטום און עס איז אויך אַרויס־געשטעלט געוואָרען די פאָדערונג, אַז די מלוכה זאָל אָננעהמען די קאָמוניסטישע פּרינציפּען. אין איינפאַכער שלום, צו וועלכען מען איז געקומען אויף דעם סמך פון סען־סימאָנ'ס לעהרע, האָט גע־בראַכט צו דעם, אַז דאָס גאַנצע סיסטעם איז צובראָכען געוואָרען און די סעקטע איז פאַנאַנדערגעפאַלען. סען־סימאָן האָט געלעהר־רענט, אַז אַזוי ווי דער אַלטער קריסטענטום האָט אַרויסגעבראַכט די לעהרע וועגען די סתירות צווישען דעם גוף מיט דער נשמה, איז יעצט נויטיג די דאָזיגע סתירות אָבצושאַפען. דער אַלטער קריסטענטום האָט געפּרעדיגט, אַז דער צוועק פון דעם מענשען'ס לעבען איז דאָס אָפּזאָגען זיך פון וועלטליכע תענוגים און דאָס פּייניגען פון דעם גוף; דער נייער קריסטענטום דאַרף שטרעבען

צום וואוילזיין און צום אַלגעמיינעם גליק. אין אַנדערע ווערטער קען מען דעמזעלבען געדאַנק אַזוי אויסדריקען: דער קריסטענטום פון בטול־הגוף איז געוועזן אַ שאַרפער, גוואַלדיגער מיטעל געגען דער הערשאַפט פון תענוגים און דעם תאוה'דיגען לעבען אין דער צייט פון דער רוימישער אימפעריע; אָבער די רפואה האָט זיך אַרויס־געוויזען צו זיין אַזוי געפעהרליך, ווי די מכה גופא. מיר זיינען פטור געוואָרען פון דער מכה, אָבער וואָס קען אונז באַפרייען פון דער רפואה אַזוי, אַז עס זאָל ניט בלייבען קיין סכנה, אַז די חולאת זאָל זיך צוריקקעהרען? די איינציגע עצה צו דעם איז דער נייער קריסטענטום.

פון דעם, אין גרונד גענומען, גוטען געדאַנק האָט אַנטשטאַנען געציהען שליסע, וועלכע, ווען מען זאָל זיי געוועזן פאַרווירקליכען אין פּראַקטישען לעבען, וואָלטען געוועזן געבראַכט צו די זעלבע צושטענדע, וואָס יאָן וואָן ליידען האָט איינגעפיהרט צווישען זיינע אַנהענגער, די אַנאַבאַפּטיסטען. איינע פון די ערשטע לעהרען פון דעם סען־סימאָניזם איז געוועזן, אַז יעצט, אין דער נייער עפּאָכע, האָט דעם פּלאַץ פון דעם יחיד — מאַן פאַרנומען דער יחיד „מאַן־פרוי", און די טיילען, פון וועלכע דער נייער יחיד באַשטעהט, באַזיצען גלייכע רעכטע און האָבען פולע פרייהייט פאַנאַנדערצו־לאָזען ניט קיין צופרידענשטעלענדען הייראַט־פאַרבאַנד, וואָרים אמת'ע מענשליכקייט ווערט פאַרווירקליכט נאָר דאָרט, וואו עס איז דאָ אַ זיווג; ניט אין דעם איינצעלנעם, נאָר אין אַ פּאָר. פון דער דאָזיגער לעהרע האָט אַנטשטאַנען געציהען דעם שלוס, אַז עס זיינען דאָ צווייערליי הייראַטען, די מאָנאָגאַמיסטישע, און די, וועל־בע ווערט מיט דער צייט פּאָליגאַמיסטיש (דאָס חתונה האָבען מיט איינעם אָדער איינער און דאָס חתונה האָבען מיט מעהר פון איי־נעם אָדער איינער); דאָס הייסט, זיווגים אויף שטענדיג און זיווגים בלויז אויף אַ קליינער ווייל'ע; אין דער ווירקליכקייט האָט מען נאָר פאַר די גייסטליכע, מענער און פרויען, איינגעפיהרט, אַז זיי מעגען אין דער זעלבער צייט הייראַטען מעהר ווי איין מאָל. דיסקוטירענדיג די פראַגע אין דער פרעסע, ווי אויך ביי די פאַר־האַנדלונגען אין געריכט, האָט מען גאָר ניט געקאָנט אויסזעצען געגען דעם אַרגומענט פון די סען־סימאָניסטען, אַז דער איינציגער

רעזולטאַט פון דער נייער אָרדנונג, וואָס זיי האָבען געוואָלט איינ־פיהרען, וואָלט געווען, אַז די אונגעזעצליכע פאַרהעלטנישע, וועלכע עקזיסטירען יעצט, וואָלטען געוואָרען אָפען און געזעצליך; דאָך באַווייזט דער דאָזיגער פּראַקטישער אויספיהר גאַנץ קלאָר, אַז די יונגע בעלי־חלומות זיינען געווען לגמרי אונפעהיג צו פאַרשטעהן, וואָס איז און וואָס איז ניט מעגליך דורכצופיהרען ביי דעם עקזיס־טירענדען צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט; דאָס צייגט, אַז זיי האָבען באַלאַנגט צום סאָרט מענשען, וועלכע גלויבען, אַז מען קען ענדערען אַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג בלויז מיט אַ פּיהר מיט דער פּען. מען קען זיי ענטשולדיגען מיט דעם, וואָס, מיט דער אויסנאַם פון אַנפאַנטען און באַזאַר, זיינען אַלע סען־סימאָניסטען פון דעם יאָהר 1830, (ווי אויך אַלע תלמידים פון לאַמענע) געווען יונגעלייט פון אַן ערך צוואַנציג יאָהר אַלט. דער געלעכטער, וואָס מען האָט פון זיי געמאַכט אין דער געזעלשאַפט, האָט אָפּגעקיהלט אין זיי די באַגייסטערונג, וואָס איז געווען נויטיג פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון זייערע אידעען. דורך דעם זומער פון דעם יאָהר 1832 זיינען די פיהרער פון דער „פאַמיליע“ פאַר׳משפט געוואָרען; אַנפאַנטען האָט באַקומען אַ יאָהר געפענגניש און מישעל, שעוואַליעי און דיור־וועריעי זיינען אָבגעקומען מיט קליינע געלד־שטראָפען. די יונגע ענטוזיאַסטען, פון וועלכע די קליינע סעקטע איז באַשטאַנען, זיינען צוזאַוואָרפען געוואָרען; אָבער כמעט אַלע פון זיי האָבען זיך שפּע־טער אויסגעצייכענט און ערוואָרבען פאַר זיך נעמען אין דער וויסענשאַפט, אין די אינדוסטריען אָדער אין דער קונסט. די גוזמאות, וואָס מען האָט געמאַכט פון די טעאָריען פון סען־סימאָן, ווי די אוטאָפּישע פּלענער פון פוריעי, וואָס האָבען באַלאַנגט צו דער זעלבער צייט, האָבען ניט געהאַט קיין איינפלוס אויף דער לי־טעראַטור. נאָר די אָריגינעלע אידעען פון די דאָזיגע טעאָריען האָבען געהאַט אויף איהר אַן איינפלוס.

די דאָזיגע אידעען האָבען זיך דאַמאָלס פאַרשפּרייט אין דער לופט און האָבען אָנגעשטעקט די מוחות; זיי פלעגען פאַרכאַפּען וויכע, צאַרטע נשמות און דורך זיי באַאיינפלוסען מענשען מיט שטאַרקערע כאַראַקטערען; זיי פלעגען ווירקען אויף מענער דורך פרויען און אויף פרויען דורך מענער; דורך גייסטליכע פלעגען זיי באַאיינפלוסען פּאָעטען, אָדער יונגע סטודענטען דורך דער וויר־

קונג פון אַ דיכטער. און, ווי עס פּאַסירט געוועהנליך מיט אידעען, האָבען די אידעען אַרויסגערופען אַנדערע — סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישע געדאַנקען, וועלכע זיינען געלעגען איינגעשלאָפען זינט דעם סוף פון דעם לעצטען יאָהרהונדערט, ווי די אידעען פון לואי בלאַנק; פילאָזאָפיש־היסטאָרישע הומאַניטאַרע אידעען, ווי די, וואָס פיער לערו האָט געפּרעדיגט אין זיינע מיטעלע יאָהרען, וואָס האָבען דערמאָנט אַן שעללינג'ן און זיינען געווען געפעהרליך פאַר דער פּלוטאָקראַטיע; אַמענדע אַזעלכע אידעען ווי לאַמאַנעים, וועלכע זיינען געווען עהנליך צו די געדאַנקען און די געפיהלען, מיט וועלכע, דורך דער צייט פון די בויערען אויפשטאַנדען אין דעם מיטעלאַלטער, די גלחים, טראָגענדיג דעם צלם פאַראויס פאַר די אָרמעען פון די אויפגעשטאַנענע מאַסען, האָבען באַגייסטערט דעם פּראָלעטאַריאַט ער זאָל מקריב זיין זיין לעבען אין דעם נאָמען פון די דאָזיגע אידעען.

בכן זעהן מיר, אַז די רעפאָרמאַטאָרישע נייגונגען אין שטרע־בונגען פון דער ראָמאַנטישער שולע (דאָס, וואָס מיר האָבען אָנ־גערופען די שטרעבונג צו גוטעס), האָבען געהאַט זייער מקור אין די לעהרען פון סען־סימאָן. די שפּורען פון דער שטרעבונג צו שעהנקייט געפינען מיר ביי אַנאַנדער געניאַלען פראַנצויזישען שרייבער.

קיין זאַך האָט ניט אין אַזאַ גרויסער מאָס ביינעשטייערט צו דער מערקווירדיגער פאַנאַנדערבליהונג פון דער ריין־קינסטלערישער פראַנצויזישער ליטעראַטור, ספּעציעל פון דער לירישער פּאָעזיע, פון דער דאָזיגער צייט, ווי די ענטדעקונג, דער תחית־המתים, פון אַ נאַציאָנאַלען זשעניע, וועגען וועמעס עקזיסטענץ קיינער האָט גאָר קיין באַגריף ניט געהאַט. אַזוי ווי, ביים אָנפאַנג פון דער מאָדערנער צייט, די אויסגראָבונגען פון די ערשטע אַלטע סקולפּ־טורען, וועלכע די ערד האָט אַזאַ לאַנגע צייט געהאַלטען פאַרדעקט, האָבען אַרויסגערופען דעם איטאַליענישען הומאַניזם, אַזוי האָט אויך די ענטדעקונג און דאָס אָפּדרוקען, אין דעם יאָהר 1819, פון די ווערק פון אַנדרע שעניע׳ געגעבען דער ערשטען שטויס צו אַן אמת׳ע רעוואָלוציע אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע. ווען די דאָ־זיגע האַרציגע יאַמבישע דיכטונגען האָבען זיך, 26 יאָהר נאָך דעם

שרייבערס טויט, באוויזען אויף דער ליכטיגער וועלט, איז ווי א שלייער ארונטער פון די אויגען פון די מענשען פון יענער צייט; אלע ליטעראַרישע אבגאטען פון דער צייט פון דער אימפעריע, דעליל און די אלע שרייבער, וועלכע האבען געמאלען די נאטור אין דידאקטישע, באשרייבענדע פאעמען, זיינען געפאלען און זיך צובראכען אויף ברעקלאך. איבער פראנקרייך האט דורכגעבלאזען א פרישער פריהלינגס ווינטעל, וועלכער איז געקומען פון דעם אלטען העללאס (ארץ יון), פון דער ווירקליכער, אמת'ער גריכענ־לאנד, און האט באפרוכטפערט דעם פראנצויזישען באדען. דער אלעקסאנדרינער פערז, וועלכער איז אין דעם 18טען יאהרהונדערט געווען אזוי קראפטלאז און שוואך, וועלכער איז אין דעם 17טען יאהרהונדערט געווען אזוי שטייף און סימעטריש, האט ארויסגע־רופען א געהיימניספולע הארמאניע, א צארטע, בויגזאמע פעסט־קייט, א מוטיגען, א ווארימען צויבער און, — יעצט, ווען די צעזור (די קורצע אבטיילונגס־פויזען אין א שורה פון א ליעד) האט שוין מעהר ניט געמוזט קומען רעגעלמעסיג נאך יעדען זעקס־טען פוס (משקל) און דער זאץ האט זיך מעהר ניט געמוזט ענדיגען גראד מיט דעם פערז, — אזא פארשיידענארטיגקייט, וועגען וועלכער קיינער האט ביז יענער צייט ניט געחלומ'ט. די געדאנקען און די געפיהלען זיינען געווען מאדערנע, אבער דער קינסטלערישער גייסט, וועלכער האט זיי אויסגעדריקט, איז געווען אנטיק (פון די גאר אלטע קלאסישע צייטען). אין דער דאזיגער צוזאמענמישונג איז געלעגען באהאלטען די באוועגענדע קראפט, וועלכע האט געשאַ־פען א גאנצע ליטעראַרישע אנטוויקלונג פון דעם זעלבען מין, וואס ראנסאר, אננעמענדיג דעם זעלבען שטאנדפונקט, האט ארויס־גערופען אין דעם 16טען יאהרהונדערט. אין דער דאזיגער נייער ליטעראטור האבען זיך באגעגענט די גייסטער פון דער אלטער און דער מאדערנער וועלטען, און זייער באגעגעניש־פלאץ איז געווען גאנץ ווייט פון דארט, וואו די אלטע און די נייע פאעזיע האבען זיך צוזאמענגעטראפען אין דער צייט פון לואי דעם פערצענטען. דער קלאהרער שיין פון דעם נאמען פון אנדרע שעניע׳ האט פארטונ־קעלט די ליכט פון די אלע נעמען, וועלכע האבען ביז יעצט העל געלויכטען. מיט דער ליכט פון א זשעניע אויף זיין שטערען, מיט

דעם גלאַנץ פון מאַרטירערשאַפט אַרום זיין קאָפּ איז פּונ'ם קבר אויפגעשטאַנען אַ דיכטער צו פיהרען דעם יונגען דור אין דעם פאַר־שפּראָכענעם לאַנד פון דער נייער ליטעראַטור.

אַנדרע דע־שעניעי איז געבאָרען געוואָרען אין קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל (גאַלאַטא) אין דעם יאָהר 1762. זיין מוטער איז געווען אַ שעהנע, קלוגע און גייסטרייכע גריכישע פרוי, וועמעס מיידעלשער נאָמען איז געווען סאַנטי ל'אָמאַקאַ *). זיין פאָטער איז געווען דער פראַנצויזישער גענעראַל־קאָנסול אין טערקיי, אַן אָנגעזעהנער גע־לעהרטער. זייענדיג נאָך אַ קליין אינגעל, איז אַנדרע שעניעי אָפּ־געשיקט געוואָרען קיין פראַנקרייך און ער האָט זיך ערצויגען אין אַ שעהנעם געגענד אין לאַנגעדאָק. מיט דער צייט האָט ער פאַר־געסען זיין מוטער'ס שפּראַך, אָבער ווען ער האָט ווידער אַמאָל אָנגעפאַנגען זי צו שטודירען אין פּאַריז איז זי איהם צוריקגעקומען אויפ'ן זכרון אַזוי שנעל, אַז ווען ער איז אַלט געווען 16 יאָהר האָט ער זי פאָלשטענדיג באַהערשט. ער האָט מיט גרויס חשק געשטו־דירט איהר ליטעראַטור, מיט וועלכער ער איז געוואָרען אַזוי גוט באַקאַנט, ווי ער איז געווען מיט דער פראַנצויזישער. ווען ער איז אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָהר איז ער אַריינגעטראָטען אין דער אַרמיי אַלס אַ קאַדעט־אַ־פּריץ, אַ סאָרט אונטער־לייטענאַנט, און איז געשטאַנען מיט זיין גאַרניזאָן אין שטראַסבורג. זיין פרייע צייט האָט ער באַנוצט צו שטודירען שפּראַכען. אָבער אין דעם גאַר־ניזאָן־לעבען האָבען אינגאַנצען געפעהלט גייסטיגע אינטערעסען און די געזעלשאַפט פון די פּוסט־קעפּיגע אָפיצערען איז איהם זעהר מיאוס געוואָרען; אָבזייענדיג דאָרט זעקס מאָנאַטען איז ער צו־ריקגעקומען קיין פּאַריז און אַזוי ווי ביי יענער צייט האָט זיך אין איהם ענטוויקעלט אַ קראַנקהייט, וועלכע האָט געפאָדערט ער זאָל לעבען רעגעלמעסיג און רוהיג, איז ער אַרויס פון דיענסט. אָבער אָפּהיטען זיך מיט'ן עסען און גאָר ניט טאָן זיינען געווען זאַכען ניט גאָר צום געשמאַק פון דעם יונגענמאַן, אין וועמען די היציגע ליידענשאַפטען פון דער יוגענד זיינען געווען פאַראייניגט מיט אַן

*) טיעיר איז געווען איהר שוועסטער'ס אַן אייניקעל, דורך אַ פאָטער.

אומרוהיגען קינסטלערישען גייסט און א געניאלען מארך, וועלכער האט געשטרעבט צו וויסענשאפט. צוזאמען מיט גוטע פריינד האט ער געמאכט א צוויי־יאהריגע נסיעה איבער שווייצאריען און איטאליען, פארבלייבענדיג א היבשע צייט אין רוים. אין נעאפאל איז ער ווידער אמאל קראנק געווארען און ער האט ניט געקענט דערפאהרען קיין גריכענלאנד, דעם צוועק פון זיין רייזע, דאס לאנד, וואס ער האט געגארט צו זעהן. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פאריז אין אנפאנג פון דעם יאהר 1785, האט ער ביי זיינע עלטערען אין הויז זיך געטראפען מיט דער בעסטער געזעלשאפט. ער האט זיך באקאנט מיט לע ברען, דעם פאעט, מיט דאוויד, דעם מאלער, מיט לאוואזיעי, דעם כעמיקער, און מיט א סך דיפלאמאטען און באאמטע, וועמענס נעמען זיינען שפעטער דורך דער צייט פון דער רעוואלוציע געווארען באריהמט. אויסער די האט ער געהאט זיין פריוואטען קרייז חברים, די מעהרסטע פון וועלכע זיינען געווען באגאבטע יונגע אריסטאקראטען. איינטיילענדיג זיין צייט אין א גלייכער מאס צווישען שטודיום און תענוגים, האט ער אויך פארבראכט א היבש ביסעל אין דער געזעלשאפט פון דער לייכטזיניגסטער און אויסגעלאסענסטער חברה פון יענער צייט, וועלכע איז באשטאנען פון באריהמטע אריסטאקראטען (דער הערצאג פון מאנמאראנסי, פירשט טשארטאריסקי א. אז. וו.), הויכגעשטעלטע דאמען (די הערצאגין דע מעיווי, די פרינצעסין דע שאלעי א. אז. וו.), קינסטלער און דיכטער (באמארשעי, מערסיעי א. א. וו.) און יונגע שעהנע קורטיזאנען (וועלכע שעניעי האט באזונגען אין זיינע פאעמען אלס ראז, גליסער און אמעליע),—א געמישטע חברה, וועמענס לעבען און מעשים רעטיף דע־לא־ברעטאן האט באשריבען און וועמענס מעהרסטע מיטגלידער האבען געענדיגט זייער לעבען אויף דער גילאטינע. אין דער פעריאדע פון זיין לעבען האט שעניעי זיך באקאנט מיט א מאן, מיט וועמען ער האט זיך תיכף שטארק באפריינדעט צוליעב ביידענס גלייכע ליעבע צו פרייהייט און טיעפע שנאה צו יעדען מין טעראריזם; דער מאן איז געווען דער איטאליענישער פאעט אלפיערי, וועלכער איז דאמאלס געקומען קיין פאריז צוזאמען מיט דער הערצאגין דע־אלבאני. און במעט אין דער זעלבער צייט האט ער זיך באקאנט

מיט דער פרוי, וועמען ער האָט באַזונגען, געריהמט און אויך ביטער באַשולדיגט אין זיינע פּאָעמען אונטער דעם נאָמען קאַמיל — מאַדאַם דע באַננעל, זיין יוגענדסליעבע, צו וועמען ער איז אַ לאַנגע צייט און ליידענשאַפטליך געווען צוגעבונדען. דער פיער־און־צוואַנציג יאָהריגער אַנדרע פלעגט אָפט זיין אַ גאַסט אין איהר זומער־וואוינונג און דאָרט שטעהן אויף די קניע פאַר איהר, צוהערענדיג זיך ווי זי פלעגט אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון אַ האַרפּע זינגען ראָמאַנסען וועגען די וועהטאָגען און דעם גליק פון ליעבע.

אין דעם יאָהר 1787 איז שעניעי באַשטימט געוואָרען אַלס אַטאַשע צו דער פראַנצויזישער געזאַנדשאַפט אין לאָנדאָן, וואו ער האָט זיך געפיהלט דערשלאָגען צוליעב זיין אָבהענגיגקייט און איינזאַמקייט. דאָ האָט ער דורכגעלעבט די צייט פון דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, די נייעס וועגען וועלכער האָט איהם עלעקטריזירט, און פול מיט האָפנונג האָט ער זיך צוריקגעקעהרט קיין פּאַריז. דער באַוואוסטזיין וועגען זיינע דיכטערישע פעהיגקייטען האָט אין איהם ערוואַכט נאָך פיעל פריהער; יעצט האָט ער אָנגעפאַנגען פּלאַנעווען און שרייבען גרעסערע דיכטערישע ווערק, גאַנץ פאַרשיידענע לויט זייער כאַראַקטער, אָבער אַלע שטרענג אַנטיק (אַלט־קלאַסיש) לויט זייער סטיל. נאָך פריהער האָט די פראַנצויזישע ליטעראַטור צוויי מאָל געזוכט אַ וועג צום אַלטען קלאַסיציזם. דעם ערשטען מאָל איז עס געווען אין דער עפּאָכע פון ראָנסאַר, ווען מען האָט דעם אַלטערטום אויסגעפּוצט מיט די פליטערלאַך פון דעם איטאַליענישען רענעסאַנס; צום צווייטען מאָל איז עס פאָרגעקומען אין די צייטען פון לואי דעם פערצעהנטען, ווען מען האָט דעם אַלטערטום באַקליידט מיט דעם אַנגעבלאָזענעם הויף־עטיקעט. אַנדרע שעניעי, אין וועמענס אָדערען עס האָט געפליסט אמת'ע גריכישע בלוט, וועלכער האָט געלייענט און געשריבען אין דער שפּראַך פון זיין מוטער אַזוי לייכט ווי פראַנצויזיש און וועלכער, — אפשר דער איינציגער אין גאַנץ פראַנקרייך, — האָט געקוקט אויף דער אַלטער העלאַס (ארץ יון) ניט דורך לאַטייניששע ברילען און ניט דורך דעם שטויב פון די פּאַרוקען פון דעם 17טען יאָהרהונדערט, — האָט אָהן קיין שום אָנשטרענגונג און מיט אַ תמימות פון אַ יונגען אַפּאָלאָ איינגאַנצען צוקלאַפּט

די השגות וועגן דעם אַלטערטום און דעם מהות פון פּאָעזיע, וואָס האָבן דאַמאָלס געהערשט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַלט־גריכישע פּאָעטען האָבן גערעדט און געשריבן אין דער שפּראַך פון דאָס פאָלק און אַז די פאָלשטענדיגקייט פון די פאָרמען, וואָס איז ביי זיי געווען אַ פּועל־יוצא פון איינגעהאַלטענקייט, פון זעלבסט־באַשרענקונג, איז גאַנץ אַנדערש פון דעם בוקען זיך פאַר די מיט־גוואַלד־אַרויפגעצוואונגענע כללים און סיוגים אין דער פּאָעזיע. ער רעפּרעזענטירט מיט זיך אַ רעאַקציע געגען דעם פּאָעטישען סטיל פון דעם 18טען יאָהרהונדערט, וואָס דערמאָנט אונז אָן דער רע־אַקציע פון טהאָרוואַלדסען געגען דער סקולפּטור פון דעם זעלבען יאָהרהונדערט; אַזוי ווי טהאָרוואַלדסען, האָט ער אויך אָפט נאָכ־געמאַכט און זיך באַנוצט מיט דעם אַלטערטום; ער שטייגט אַריי־בער דעם דענמאַרקער מיט זיין לעבהאַפטיגקייט, מיט זיין סענזו־עלער וואַרימקייט און מיט זיין פּאַטהאָס.

ביז דעם יאָהר 1789 האָט אַנדרע שעניער מייסטענס געשריבען עלעגיען, אידיליען און עראָטישע פּאָעזיע. ער האָט זיך וואונדער־באַר אַנטוויקעלט אַלס פּאָעט און אויך אַלס מענש נאָך דעם ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען און האָט אַנגע־פילט די לופט מיט דונערען און בליצען. ער איז ערצויגען געוואָרן אין דעם גייסט פון דער וואָלטערישער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט געהערשט צווישען דער אינטעלעקטועלער אַריסטאָקראַטיע. ער האָט מיטגעפיהלט מיט יענע אָנגעזעהענע פראַנצויזען, וועלכע האָ־בען געשטיצט דעם קאַמף פון די שטאַאַטען פון צפון־אַמעריקא; יעצט האָט ער באַגריסט מיט גרוים באַגייסטערונג די נייע עפּאָכע פון פרייהייט, אויף וועלכער ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. פאַר איהם האָט פרייהייט געמיינט אונבאַגרענעצטע פרייהייט פון גע־דאַנק און אין אמונה־זאַכען. ער האָט געוואָלט „צוברעכען דעם יאָך פון דעספּאָטיזם און די הערשאַפט פון די גייסטליכע" דערפאַר, וואָס ער האָט געוואוסט דעם מוסר־השכל „פון די אַכטצעהן יאָהר־הונדערט, וואָס די טעאָלאָגישע שטות'ען האָבען באַפלעקט מיט בלוט און האָט ניט געהאַט קיין שום דרך־ארץ פאַר די גייסטליכע פון וועלכער עס איז אמונה", זייענדיג איבערצייגט, אַז יעדער איי־נער פון זיי און זיי אַלע צוזאַמען „האָבען געמאַכט פאַרשווערונגען

גענגען דעם גליק און דעם פריעדען פון דער מענשהייט". ער איז געווען אזוי אונערפאהרען און איידעלמוטיג, אז ער האט געגלויבט עס איז מעגליך צו פאַרווירקליכען די דאָזיגע רעזולטאטען ניט איבער־טרעטענדיג די גרענעצען פון שטרענגער געזעצליכקייט.

דורך דעם ערשטען יאָהר פון דער רעוואָלוציע האָט ער זיין מעהרסטע צייט פאַרבראַכט שרייבענדיג פּאָעזיע. פאַר אַ קורצע צייט האָט ער זיך פאַרליעבט אין אַ יונגער און זעהר שעהנער פרוי, מאַדאַם גואי ד'ארסי, וועמען ער האָט באַזינגען אין אַ באַריהמטע פּאָעמע. אָבער אינגיכען האָט דער אינטערעס אין דער פּאָליטיק אוועקגעשטופּט אין הינטערגרונד אַלע זיינע אַנדערע באַשעפטי־גונגען און ליידענשאַפטען. אין דעם יאָהר 1792, האָבענדיג אַ פאַרגעפיהל וועגען דער אַנקומענדער טעראָר־עפּאָכע, האָט אַנדרע אין אַ צייטונגס־אַרטיקעל געמאַכט אַ שאַרפע אַטאַקע געגען די יאַקאָבינער. ווען זיין יונגערער ברודער, דער באַריהמטער רעוואָ־לוציאָנערער דיכטער מאַרי־זשאָזעף שעניעי, וועלכער איז געווען אַ מיטגליעד פון דעם יאַקאָבינער קלוב, האָט זיך געפיהלט גע־צוואונגען צו פאַרטיידיגען זיינע חברים, האָט אַנדרע מיט שטאָלץ און אונערשראָקען אויפגעכאַפּט דעם געוואָרפענעם האַנדשוך. ביי־דענס פריינד איז ווי עס איז געלונגען צו מאַכען אַ שנעלען סוף צו דער שמערצליכער מחלוקה צווישען די ברידער, אָבער זייערע פאַרהעלט־נישע צווישען זיך זיינען פאַר אַ היבשע צייט געבליבען אַנגעצוי־גען. איידער דאָס האָט פּאַסירט זיינען די ברידער געווען וואָרים צוגעבונדען איינער צום אַנדערען. אָבער מיט אַנדרע איז פאַרגע־קומען דאָס זעלבע, וואָס עס פלעגט פאַרקומען מיט די אַלטע רוי־מער. בלוט־קרובות־שאַפט האָט געמוזט אָפּטרעטען אַז אַ זייט ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פּאָליטישע פראַגען. אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע האָט ער ערלויבט, אַז זיין ברודער זאָל איהם ווידמען זיין טראַגעדיע „ברוטוס און קאַסיוס", און אין ענטפער אויף דער דאָזיגער ווידמונג האָט ער ערקלערט, אַז ער איז איבער־צייגט, אַז דער גרויסער ברוטוס האָט זיך ווירקליך אויסגעדריקט אַזוי, ווי עס איז פאַרגעשטעלט אין דער דראַמע. די העלדען פון דער פּיעסע האָט ער אָנגערופען „איידעלע מערדער, נאָבעלע הורגי־מלכות (טיראַנען־טויטער), וועמען די פּאָזען־מאַכער פון אונזער

צייט זיינען ניט פעהיג צו פאַרשטעהן", — מיט איין וואָרט, ער האָט זיך אויסגעשפּראָכען דערפאַר, אַז מען דאַרף זיך ניט אָבשטעלען פאַר טויטען אַ קעניג, ווען דאָס איז נויטיג. אָבער דער משפּט איבער לודוויג דעם זעכצעהנטען האָט איהם זעהר שטאַרק אויפגעבראַכט; ער האָט געזוכט ערלויבניש צו העלפען פאַרטיידיגען דעם קעניג; ער האָט אָנגעשריבען אַ רייהע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט איהם פאַרענטפערט. ווען דער טויט־פּסק איז אָנגענומען געוואָרען, האָט עס אַנדרע שעניעי אָנגעשריבען דעם שעהנעם, זעלבסטווירדיגען בריעף, מיט וועלכען דער קעניג האָט זיך געווענדעט צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, פאָדערענדיג מען זאָל איהם ערלויבען צו אַפּעלירען צום פאָלק ער זאָל באַשליסען זיין גורל. עס איז מערקווירדיג (ווי בעק דע־פוקיעיר האָט שוין אָנגעוויזען), אַז דריי פון די בעסטע דיכטער פון אייראָפּא, אַנדרע שעניעי, שילער און אַלפיערי, וועלכע זיינען אַלע געווען גלייכע געגנער פון דער אַלטער אויטאָקראַטישער רעגירונג און האָבען אַלע מיט פרייד באַגריסט די רעוואָלוציע, האָבען אַלע אין דעם יאָהר 1792 געוואָלט פאַרטיידיגען דעם קעניג לואי דעם זעכצעהטען.

מאַרי־זשאָסעף שעניעי איז געווען אַ וויניגער באַגאַבטער און אַ ווניגער ערנסטער מענש פון זיין ברודער; ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם שטרוים פון דער צייט און האָט זיך געפרייט מיט דער פּאָפּולאַריטעט, וואָס זיין טאַלאַנט, וועלכער האָט גראָד גע־פּאַסט פאַר דער עפּאָכע, האָט איהם געגעבען. אַנדרע האָט געהאַט דעם מוט, וועלכער ציינגט זיך צייטענווייז אַרויס אין אַ שטאָלצער טראַציגקייט (צו־להכעיס׳דיגקייט); ער האָט געהאַט אין זיך דעם חומר ,פון וועלכען מאַרטירער זיינען געשאַפען. אָפענע סכנה האָט איהם געמאַכט נאָך העזה׳דיגער אין זיינע אַטאַקעס אויף די מענשען, וועלכע האָבען, לויט זיין מיינונג, געמאַכט פראַנקרייך צו שאַנדע. ער האָט אין זיין אייגענעם נאָמען פאַרעפענטליכט זיין אין העכסטען גראַד סאַרקאַסטישע הימנע צו דער סעודה, וואָס די יאַקאָבינער האָבען געמאַכט פאַר די אַמנעסטירטע סאָלדאַטען פון דעם שאַטאָוויעי רעגימענט, וועלכע זיינען מיט פולער גערעכטיגקייט פאַר׳משפּט געוואָרען צו די גאַלערען (קאַטאָרגע) פאַר געוועהנליכע, געמיינע פאַרברעכענס. און נאָך דעם אַטענטאַט אויף מאַראַט,

ווען אין פראַנקרייך זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען 44,000 אַלטאַרען „צום פריינד פון פאָלק“, איז אַנדרע שעניעי געווען דער איינציגע צווישען די פראַנצויזישע פּאָעטען, וועלכער האָט געפיהלט, אַז ער מוז זינגען אַ לויבגעזאַנג צו שאַרלאָט קאָרדעי (די מיידעל, וועלכע האָט געטויטעט מאַראַט׳ן), — אַן אַקט, פאַר וועלכען דאַמאַלס האָט זיך געפאָדערט פיעל מעהר מוט, ווי שפּעטער.

„אָה, הערליכע מיידעל!“ — שרייט ער אויס.

„גריכענלאַנד, אָה, הערליכע מיידעל, וואָלט דיין מוט באַוואונדערט,
זי וואָלט אויסגעריסען דעם גאַנצען מירמעלשטיין פון פּאַראָס
כדי דיין געשטאַלט צו שטעלען לעבען האַרמאָדיוס, דיין פריינד;
און אויף דיין קבר וואָלטען כאָרען מיט הייליגער באַגייסטערונג
געזונגען שבחים פאַר נעמעזיס, דער געלאַסענער געטין,
וועלכע טויטעט דעם אויסוואורף, ווען ער ווערט אַנדרעמעלט אויף זיין טראָהן.
אָבער פראַנקרייך שטרעקט אויס דיין האַלז אונטער דער האַק,
און די חברים פון דעם גע׳הרג׳עטען מאָנסטער, וועלכע האָבען פאַרדיענט
אַזאַ גורל ווי זיינער, מאַכען ימים־טובים.
אַך, מיט וואָס פאַר אַ נאָבעלע פאַראַכטונג האָסטו געשמייכעלט,
ווען דער באַנדיט, דער נוקם פאַר דעם געטויטעטען האַרצלאָזען גזלן,
האָט געוואָלט דיך צווינגען בלייך צו ווערען דורך דעם שרעק פאַר׳ן טויט.

צו בלייבען אין פּאַריז נאָך דער הינריכטונג פון דעם קעניג איז פאַר שעניעי געוואָרען אונמעגליך. זיין ברודער האָט פאַר איהם געפונען אַ פּלאַץ וואו צו באַהאַלטען זיך אין אַן אָבגעלעגענעם הויז אין ווערסאַיל. דאָ האָט ער אָפּגעלעבט אַ צייט אין רוהיגער איינזאַמקייט, אַרבייטענדיג אויף זיין גרויסען געדיכט „ערמעס“, אויף וועלכען זיין נעדאַנק האָט שוין געווען געאַרבייט צעהן יאָהר, און וואָס האָט זיך דאָ ניט גערירט ווייטער פון עטליכע פראַגמענטען, און האָט פאַר פאַניין (מאַדאַם לאַראַן לעקולטעי),

א דאמע, וועלכע האט געוואוינט אין שכנות מיט איהם, אנגעשריבען זיינע לעצטע ליעבע־ליעדער, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט א נייעם שטריך, וואס מען האט ביי איהם ביז יענער צייט ניט באמערקט, — מיט דער מעלאנכאליע פון א ריין גייסטיגער ליעבע. די איידעלקייט און דער חן פון א זעלטען שעהנער פרויען־נשמה האבען זיך אויסגעדרוקט אין די דאזיגע אומעטיגע, צניעות־דיזע פערזען.

אבער דער רוהיגער לעבען אין ווערסאיל איז אין דעם לעבען פון אנדרע שעניער געווען ניט מעהר, ווי די קורצע שטילקייט פאר א שטורם. זיינע באמיהונגען צו פארהיטען פון ארעסט א דאמע, וועמען דער רעוואלוציאנערער קאמיטעט האט באפוילען צו ארעסטירען, האט געפיהרט צו דעם, אז ער איז אליין אריינגעפאלען אין געפענגניש. אין סען־לאזאר (א תפיסה) האט ער זיך באנוצט מיט זיין צייט פאר דורכזעהן זיינע מאנוסקריפטען און אנצושרייבען אייניגע פון זיינע גרויסארטיגסטע און שעהנסטע געדיכטע, צווישען זיי די צוויי באריהמטע געדיכטע, איינע צו דער הערצאגין דע פלארי, וועמעס מיידעלשער נאמען איז געווען קואני („די יונגע ארעסטאנטין" און די פערזען, וועלכע טראגען על־פי־טעות דעם נאמען „מאדעמואזעל דע קואני"), און דער וואונדערבאר שעהנער פראגמענט, וועלכער פאנגט זיך אן מיט די ווערטער „ווי דער לעצטער שטראהל". דער רעוואלוציאנערער טריבונאל האט איהם ערקלערט אלס א „שונא פון פאלק" און האט איהם פאר׳משפט צום טויט דערפאר, וואס „ער האט געשריבען געגען דער פרייהייט און האט פארטיידיגט די טיראניי". איין טאג איידער מען האט ארויסגעטראגען זיין פסק האט ער אנגעשריבען דעם פאלגענדען געדיכט:

„ווי דער שטראהל דער לעצטער פון דער זון, דער לעצטער ווינטעל, —
זייגען פון דעם שעהנעם טאג דער סוף,
אזוי פרוביר איך אויך מיין לירע ביים צופוסען פון מיין תליה.
באלד וועט אפשר אויך מיין רייהע קומען.
מעגליך, אז נאך איידער דער ווייזער, וואס דרעהט זיך אין א קריוג,
וועט קלינגענדיג און פרעהליך ארוי   אויף דעם

גלאַנצענדיגען פלאַץ צווישען די זעכציג שריט, מיט וועלכע
זיין וועג איז באַגרענעצט, וועט שוין דער שלאָף פון קבר
פאַרמאַכען מיינע אויגען. נאָך איידער דער ערשטער
פון די צוויי טיילען פון מיין געדיכט וועט זיין געענדיגט,
וועט מעגליך צווישען די דערשראָקענע ווענט זיך באַווייזען
דער שליח פון טויט, דער פינסטערער זאַמלער פון די שאָטענס, באַגלייט
פון די געמיינע וועכטער; און פאַרהילכענדיג אָט־די לאַנגע, טונקעלע
קאָרידאָרען מיט מיין נאָמען... וועט ער פלוצלינג איבערהאַקען
אַ פערז אויף מיינע ליפען".

אין אָוונט פון דעם 7טען טערמידאָר 1794, ערב דעם פאַל פון ראָבעספיער, וואָס ווען עס פאַסירט מיט איין טאָג פריהער וואָלט עס געווען ראַטעווען זיין לעבען, איז אַנדרע שעניעי אַרויפגעשטיגען אויף דער תליה. אין וואַגען, אין וועלכען מען האָט זיי געפיהרט צום פלאַץ, וואו די הינריכטונג איז פאַרגעקומען, האָט ער אומעטיג געזאָגט צו רושעי, דעם מאַלער, וועמען מען האָט הינגעריכטעט צוזאַמען מיט איהם: „אַך, איך האָב גאַר ניט אויפגעטאָן פאַר דעם צוקונפטיגען דור". מען דערצעהלט אויך, אַז שטעהענדיג אויף דעם עשאַפאָט האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן זאָגענדיג דערביי: „דאָך האָב איך דאָרטען עפּעס־וואָס געהאַט!"

הגם אַנדרע שעניעי'ס פּראָזאַאישע שריפטען האָבען געציהען צו זיך אַ סך אויפמערקזאַמקייט, אפילו אין אויסלאַנד — וויעלאַנד האָט איהם צוגעשיקט אַ באַגריסונג און דער קעניג פון פּוילען האָט איהם געשיקט אַן עהרענמעדאַל — דאָך האָט ער פאַר זיין לעבען זיך ניט קונה־שם געווען אַלס פּאָעט. ער האָט פאַרעפענטליכט נאָר צוויי פון זיינע געדיכטע; די הימנע צו דאַווידן ביי דער געלעגענהייט פון דער סצענע אין טענים־באַל־הויף, און די איראָנישע הימנע לכבוד דעם שאַטאָוויעי רעגימענט; און פון יענעם טאָג אָן, אין יולי 1794, ווען מען האָט אָפּגעהאַקט זיין קאָפּ, איז זיין נאָמען געוואָרען פאַרגעסען; דער זכרון וועגען איהם איז פאַרשוואונדען.

אָבער אָט פאַסירט איינמאָל אין אַ שעהנעם טאָג אין דעם יאָהר 1819, אַז פאַר אַ גרופּע אַרויסגעבער פון ביכער, וועלכע האָ־

בען געהאַלטען אין דרוקען אַ נייע אויפלאַגע פון די דראַמאַטישע ווערק פון מאַרי־זשאָזעף שעניעי (יעצט שוין לגמרי פאַרעלטערטע), האָט מען פאָרגעשלאָגען איינינע געדיכטע פון אַן „אומבאַקאַנטען ברודער פון שעניעי“ זיי זאָלען מיט זיי אויספילען דעם לעצטען באַנד. די אַרויסגעבער האָבען געבעטען אַ באַוואוסטען שרייבער פון יענער צייט, הענרי דע לאַטוש, ער זאָל איבערקוקען די דאָזיגע געדיכטע. ווערענדיג איבערראַשט פון זייער שעהנקייט, האָט לאַטוש אָנגעפאַנגען נאָכזוכען די איבריגע מאַנוסקריפּטען פון אַנדרע שעניעי. צוביסלעכווייז איז איהם געלונגען אַרויסצובריינגען אויף דער ליכטיגער וועלט אַן אַלטען פאַרשטויבטען פּעקעל כתבים, איין פאַרגעלטען ביכעל נאָך אַ צווייטען. פון זיי האָט ער פאַרזיכטיג, מיט געשמאַק אויסגעקליבען די בעסערע זאַכען און זיי אָפּגעדרוקט, און דורך דעם פאַראורזאַכט אַ רעוואָלוציע אין דעם פּאָעטישען באַוואוסטזין פון זיין פאַטערלאַנד. דער נאָמען אַנדרע שעניעי איז אין גיכען געוואָרען באַוואוסט איבער׳ן גאַנצען לאַנד און די פּראָווינציעלע ווי אויך די פּאַריזער יוגענד האָבען מיט באַגייסטערונג אויפגענומען די נייע פּאָעטישע אַנטדעקונג. (זעה די באַשרייבונג פון דער דאָזיגער באַגייסטערונג אין באַלזאַק׳ס ראָמאַן „די צוויי פּאָעטען“, וואָס איז אַן איינלייטונג צו זיין „פאַרלאָרענע אילוזיען“.)

דער שוין אַזוי לאַנג פאַרשטאָרבענער דיכטער האָט ניט נאָר געמאַכט, אַז אינגאַנצען די לירישע פּאָעזיע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך דעם משך פון דעם לעצטען דור, זאָל אויסקוקען אָפּגעלעבט און אונמעגליך, נאָר ער האָט אויך, פון אַן אידעאַלען שטאַנדפּונקט, אַרונטערגעשטופּט לחלוטין אין שאָטען לאַמאַרטין׳ס ערשטע „פּאָעטישע באַטראַכטונגען“, וועלכע זיינען ערשינען אַרום יענער צייט; וואָרים שעניעי׳ס פּאָעזיע האָט ניט, ווי לאַמאַרטין׳ס, געשוועבט צווישען די וואָלקענס אָדער איבער די וואָלקענס, נאָר אויף דער ערד; זיין פּאָעזיע איז געוועזן ריין, ניט זייענדיג פרום; פול מיט נשמה, ניט זייענדיג סענטימענטאַל; זי האָט קיין שייכות ניט געהאַט מיט דעם אין־סוף (אינפיניטיוו; ענדלאָזיגקייט; דער באַגריף וועגען דער וועלט אַלס אַזוינס, וואָס האָט ניט קיין התחלה און קיין סוף), און מיט די ריינע רוחניות; זי איז ניט געוועזן מיס־

מיש, עס איז אָבער אויך אין איהר ניט געווען דער גייסט פון אַפּיקורסות.

אין זיינע יוגענדליכע ווערק איז אַנדרע שעניעי אַרויסגעטראָטען אַלס אַ געצענדיענער, וועלכער גלויבט אין אַפּאָלאָ און אין אָרטעמים, אָבער מעהר פון אַלץ אין אַפּראָדיטע; נאָר דאָ איז ער דורך אַ צופאַל געקומען פּנים אל פּנים מיט דעם גרינדער פון דער סעראַפּישער שולע (פון דעם אויסדרוק „מלאך־השרף"); דער עפּיקורעער, אין דעם אַלט־קלאַסישען זין פון דעם וואָרט, האָט זיך באַגעגענט מיט דעם ספּירישואַליסט. די ערשטע פּרויען, וועמען שעניעי האָט באַזונגען, זיינען ניט געווען קיין גייסטרייכע, שוואַכ־ברוסטיגע עלווירעס, ווי ביי לאַמאַרטין, נאָר וואָרעמבלוטיגע, היים־ליעבענדע מיידלאַך, אָדער יונגע און שעהנע קורטעזאַנקעס פון דער צייט פון לואי דעם 16טען; אָבער זיין סענזואַליטעט (זינליכקייט) האָט זיך קיינמאָל ניט פּאַרוואַנדעלט אין דער תּאוה־דיגקייט, נאָך וועניגער אין דער לייכטזיניגער אויסגעלאַסענקייט, וואָס איז דאַ־מאָלס געווען אין דער מאָדע. די ווילדע אָרגיעןן, ווען ער האָט זיי באַשריבען (זעה, למשל, די 28טע עלעגיע), האָבען געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ באַסרעליף (אַ בילד אויסגעהאַקט אויף דעם אויבער־פלעך פון אַ שטיין) פון דער נאָבעלסטער גריכישער עפּאָכע. די יונגע פרוי מיט די פּאַנאַנדערגעלאָזענע האָר איז באַשריבען מיט אַזאַ צניעות־דיגען סטיל, וואָס מאַכט פון איהר אַ טאַנצענדע גרי־כישע מענאַדע, און די ניכטערע קלאָרקייט פון דער מאָלונג פּאַר־וואַנדעלט די שכור'ע סצענע אין אַן אַטהענישע וואַקכאַנאַלישע סעודה אויסגעאַרבייט אויף דעם מירמעלשטיין פון פּאַראָס. אַ ריינע שעהנקייט און אַ פאַרענדיגטע איינפאַכקייט ליגט אויסגעגאָסען אויף די אַלע געשטאַלטען. דאָס העסליכע, וואָס הוגאָ האָט שפּעטער איינגעפיהרט אין דער לירישער פּאָעזיע און פון וואָס לאַמאַרטין האָט אין אַ שפּעטערע עפּאָכע ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, האָט אַזוי לחלוטין געפעהלט ביי שעניעי, ווי עס האָבען ביי איהם געפעהלט דער חסידות און דער מיסטיציזם.

אָבער אויך דער מאָן, ווי מיר זעהען איהם דורך די ווערק און די פראַגמענטען פון אַנדרע שעניעי'ס דערוואַקסענערע יאָהרען, שטעלט מיט זיך פאָר אַ געגענזאַץ, אין דעם פּרט פון

טעמפּעראַמענט, צו יענע לירישע שאַפונגען, וואָס האָבען אַרויסגערופען באַגייסטערונג אין דעם יאָהר 1819. די פרויען, וועלכע ער פאַרהערליכט אין זיינע אונפאַרגעסליכע געדיכטע, זיינען געווען העלדינען אָדער קרבנות פון דער רעוואָלוציע. אין זיינע יאַמבען (אַ געוויסער פּאָעטישער משקל) האָט געהערשט אַ מענליכער פּאַטהאָס, וואָס האָט דערמאַנט אָן די אַלטע גריכישע אַמבענדיכטער, און די פראַגמענטען פון זיין לאַנגער פּאָעמע „ערמעי", דריקען אויס אַ לעבענס-פילאָזאָפיע, וועמעס אַלט-קלאַסישע ערנסטקייט און וויסענשאַפטליכע ניכטערקייט האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם שטאַרקסטען היפוך צו דער ראָמאַנטישער מליצה פון לאַמאַרטין. פאַר אַנדהע שעניעי זיינען די שטערען ניט קיין בלומען אויף די פעלדער פון דעם הימעל, נאָר פּשוט וועלטען, וועלכע דרעהען זיך אין אַ תהום פון עטהער (דער חומר, פון וועלכען עס באַשטעהט די אַטמאָספּערע פון דעם וועלטרוים); ער דערמאַנט וועגען „זייער וואָג, זייערע פאָרמען, דעם שטח צווישען זיי"; ער שרייבט וועגען די געזעצען פון דער צוציהונגס-קראַפט, וועמענס ווירקונג ער פיהלט אויף זיין אייגענער נשמה. די שכינה שיקט ניט אַרונטער איהר בת-קול פון זיי צו די מענשען אויף דער ערד, און די מענשליכע תפילות דערגרייכען זיי ניט, אָבער דאָס פאַרטיעפען זיך אין געדאַנק וועגען זיי שאַפט אַ שטאַרקען איינדרוק וועגען דער איינהייטליכקייט און דער געזעצמעסיגקייט פון דער נאַטור בכלל.

אָבער אין דער פּאָעזיע פון אַנדרע שעניעי, וועלכע האָט אין אַזוי פיעל הינזיכטען מקדים געווען די פּאָעזיע פון דעם 19טען יאָהרהונדערט, — וואָרים זי איז קלאָהר ליריש לויט איהר כאַראַקטער, און פראַנקרייך האָט קיין איין ליריקער אין דעם 18טען יאָהרהונדערט אויסער איהם ניט אַרויסגעבראַכט — איז דאָך צו באַמערקען דעם איינפלוס פון די צוויי לייטענדע גייסטער פון דעם יאָהרהונדערט, אין וועלכען ער האָט געלעבט, — פון רוסאָ און וואָלטעיר. פון רוסאָ שטאַמט דער עלעמענט פון אידיליע ביי איהם; אמת, די סצענעס פון דעם לעבען פון די פּאַסטוכער האָט ער פיליכט געבאָרגט פון טעאָקריט, אָבער שעניעי האָט זיך באַנוצט מיט דעם קוואַל דערפאַר גופא, וואָס רוסאָ האָט שוין

פריהער אַנגעוויזען דעם וועג צוריק צו דעם נאַטירליכען לעבען. פון וואָלטעיר איז געקומען די ליידענשאַפט אויסצופאָרשען דעם מקור פון אַלץ; דאָס האָט געבראַכט אַנדרע צו דעם, ער זאָל שטו־דירען און שעפּען באַגייסטערונג אפילו פון ניוטאָן און זאָל זיך פאַרמעסטען מיט לוקרעציוס אָנשרייבענדיג אַ דידאַקטישען (וואָס לערענט עפּעס) געדיכט וועגען דער נאַטור.

דאָך איז עס געוועזען הויפּטזעכליך דורך זיינע ריין קינסט־לערישע און ביז אַ געוויסען גראַד ריין טעכנישע מעלות, וואָס אַנדרע שעניעי האָט געהאַט אַזאַ באַפרייענדע און באַנייענדע וויר־קונג אויף דער פּאָעזיע פון דעם צווייטען דור נאָך זיינעם. דער אַלעקסאַנדרינער פערז אין זיינע געדיכטע איז שוין אַגדערש פון ראַסינ׳ס; ער האָט פאַרקירצט, לענגער געמאַכט און איבערגע־שטעלט זיינע הברות און דורך דעם איהם געמאַכט בויגזאַמער, פרייער און פיעלזייטיגער. אַלס פועל־יוצא פון אַ גאַנץ איבערראַ־שענד נייעם אופן, מיט וועלכען ער האָט זיך באַנוצט מיט דער צעזור (אַ צוגעגעבענע הברה, וואָס איז ניט אַ טייל פון דעם משקל) און מיט די איבערגאַנגען אין זיינע דיטהיראַמבישע דיכ־טונגען (פון אַ געוויסער פּאָעטישער מאָס) זיינען געוועזן אַ לירישע ליידענשאַפט און שוואונג, וואָס זיינען ביז דאַמאָלס געוועזן אונ־באַקאַנט. אמת, מיר באַגעגענען אויך ביי לאַמאַרטינ׳ען פּראָבעס צו שאַפען די מעהרסטע פון די דאָזיגע מעטרישע רעפאָרמען און אויסבעסערונגען, אָבער ביי יענעם ווערען זיי געמאַכט עפּעס־ווי אונבאַוואוסטזיניג, אָהן דער גלייכמעסיגקייט און גלאַטקייט אין די פאָרמען, מיט וועלכע שעניעי האָט אַזוי באַצויבערט די יוגענד. אַלע, וועלכע זיינען נאָר געוועזן פעהיג אָבצושאַצען די מעלות פון אַ פּלאַסטישען און קרעפטיגען סטיל, האָבען געשוואָרען אין זיין נאָמען. זיי האָבען ניט־ווילענדיג איינגעטיילט די שרייבער פון דער עפּאָכע אין צוויי גרויסע גרופּען; איינע האָט אָפּגעשטאַמט פון מאַדאַם דע־סטאַאל, די אימפּראָוויזאַטאָרשע, וועלכע האָט אַ סך גערעדט און אַ סך געשריבען, וועלכע פלעגט אויסגיסען פון זיך אַ מבול מיט ווערטער און גערעדקען ניט קימערנדיג זיך צופיל וועגע אויסאַרבייטען זיי אין עטוואָס גאַנצעס, און די צווייטע איז געווען די שולע, וואָס האָט זיך געהאַלטען דאַמאָלס אין פאַרמירען און

האָט, מיט אַנדרע שעניעי אַלס מוסטער, אַרויסגעשטעלט שטרענגע קינסטלערישע געוויסענשאַפטיגקייט אַלס איהר לייטענדען פּרינציפּ.

צוזאַמען מיט די ריין פאָרמעלע, מעטרישע אויסבעסערונגען אין דער פּאָעזיע האָט אַנדרע שעניעי אויך געמאַכט גרויסען פאָרטשריט אין דאָס איבערגעבען פון פאַרבען. ביז אַהער פלעגט מען אין געדיכטע זיך בעסער באַנוצען מיט אונבאַשטימטע, אַבסטראַקטע, סענטימענטאַלע און איבערזינליכע (וועלכע זיינען העכער פון די פּשוט׳ע חושים) ווערטער איידער מיט זינליכע און מאַלערישע אויסדרוקען. מען פלעגט, למשל, שרייבען: „די צאַרענדיגע הימלען"; אַנדרע האָט געשריבען: „אַ שוואַרצער, וואָלקענדיגער הימל"; מען פלעגט שרייבען: „דעליקאַטע פינגער"; אַנדרע האָט געפונען פאַר בעסער צו זאָגען „לאַנגע, ווייסע פינגער". און צו דער גשמיות׳דיגער קלאָרקייט פון געוויסע באַשרייבונגען קומט צו נאָך אַ נייע איינפיהרונג, אַ באַנוצען זיך מיט אַ מין בין־השמשות׳דיג העלטונקעלע ווערטער, אויסדרוקען און נטיות, וואָס עפענען פּלוצלינג פאַר אונז ברייטע, אונערוואַרטעטע האָריזאָנטען מיט זייערע געהיימניספולע רמזים און זייער פאַנטאַסטישקייט.

ווען מיר באַטראַכטען אָט די שעהנע פּאָעזיע מעהר פון דעם מענשליכען, איידער דעם קינסטלערישען שטאַנדפּונקט, פעהלט פאַר אונז אין איהר דער אויסדרוק פון פּערזענליכען טרויער. טראָץ איהר פייער און איהר ריין פראַנצויזישען כאַראַקטער איז זי צו אויסגעמאָסטען, צו אַטטיש. דאָס מיאוס׳ע איז שוין צו סיסטעמאַטיש פון איהר אויסגעשלאָסען; און דער דיכטער האָט, אויף אַן עכט גריכישען אופן, זיין אייגענע מעלאַנכאָליע זיינע פּערזענליכע ליידען און צרות אַריינגערעכענט צווישען די זאַכען, וואָס זיינען העסליך און טמא. נאָר פון געוויסע פּראָזאַאישע פאַרצייכנונגען און עטליכע בריעף געפינען מיר, למשל, אויס, ווי שטאַרק ער האָט געליטען דורך זיין אַבהענגיגער לאַגע אין לאָנדאָן. אין זיין פּאָעזיע דריקט ער זיינע ליידען ניט אויס. אויב ער האָט אין זיינע יונגערע יאָהרען צייטענווייז געליטען פון די באַשרענקונגען, וואָס אָרימקייט שאַפט, האָט ער נאָר אַ מאָל דורך אַ רמז, מיט אַ זייטיגען וועג, אויף דעם אַנגעוויזען — אין אַ פּאָעמע, ווי למשל, „די פרייהייט", וועלכע איז אַן אידיליע אין דעם סטיל פון

טעאַקריט, וואו אַ פּאַסטוך צוברעכט זיין פּייפעל, אַנטלויפט פון די טענץ און דעם געזאַנג פון די יונגע מיידלאַך און זאָגט זיך אָפּ פון וועלכע עס איז נחמות דערפאַר, וואָס ער איז אַ שקלאַף.*)

עס איז אונמעגליך צו געבען אַ פאָרשטעלונג וועגען אַנדרע שעניעי׳ס פּאָעטישע אייגענשאַפטען דורך אַן איבערזעצונג; נאָך וועניגער איז עס מעגליך צו טאָן דורך אַ פּראָזאאישע איבערגעבונג, דערפאַר, וואָס דערביי פאַרלירט זיך די גאַנצע קינסטלערישקייט פון זיין שפּראַך, די שעהנקייט פון דעם פערז און די פאַרבען פון דעם סטיל. נאָר אויב די איבערזעצונג וועט געבען דעם לעזער אפילו בלויז אַ שמץ איינדרוק פון זיין אייגענאַרטיגער שעהנקייט, וועט ער זיך קענען שאַפען אַ השגה וועגען די מעלות פון דעם אָריגינאַל גופא. אום צו געבען אַ באַגריף וועגען שעניעי׳ס שאַפונגען, וועט איך בקיצור איבערגעבען דעם אינהאַלט פון זיין פּאָעמע „דער קראַנקער בחור“, וואָס, ווי אַלץ ביי שעניעי, איז געשאַפען געוואָרן כמעט פון גאָרנישט, און דאָך בלייבט דער איינדרוק פון איהר אויף אייביג אין אייער זכרון. לויט איהר צוזאַמענשטעלונג דערמאָנט זי אונז אָן דער דריטער סצענע אין דעם ערשטען אַקט פון ראַסינ׳ס „פעדר“, וואָס האָט, ווי עס ווייזט אויס, פאַר איהם געדיענט אַלס אַ ווייטער מוסטער.

די מוטער טהוט תפילה:

„אַפּאָלאָ, אָה, דו, דער באַפרייענדער גאָט, דער גאָט פון לעבען און פון די עלענדע געוויקסען, זיי זיך מרחם אויף מיין זוהן, אויף מיין איין־און־איינציגען קינד און אויף זיין קלאָגענדער מוטער, וועלכע האָט געלעבט נאָר פון זיינעטוועגען און יעצט מוז זי צו־קוקען ווי ער שטאַרבט אַוועק! אָה דו, יונגער גאָט, קום צו הילף

---

*) סענט־בעוו האָט, ווייזט אויס, אַ טעות, ווען ער זאָגט אין זיין פאַרגלייך פון אַנדרע שעניעי מיט מאַטהורין רעניעי (אין זיין בוך וועגען דער פראַנצויזישער פּאָעזיע פון דעם 16 טען יאָהרהונדערט), אַז די פּאָעמע „די פריהייט“ האָט שעניעי אָנגעשריבען נאָך דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין לאָנדאָן. בעק דע־פוקיער האָט באַוויזען, אַז עס איז אונמעגליך אָנצונעמען אַז שעניעי איז געווען אין לאָנדאָן פריהער פון דעם יאָהר 1790.

זיין יונגענד! לעש אוים די פייערדיגע קדחת, וואָס פרעסט אויף זיין אומשולדיג לעבען אין זיינע סאַמע בליהענדע יאָהרען, און איך וועל מיט אַט די אַלטע הענט מיינע אויפהענגען מיין אַניקס־בעכער ביים צופוסען פון דיין סטאַטוע און יעדען זומער וועל איך אויף דיין מזבח ברענגען פאר אַ קרבן צו דיר אַ ווייסען יונגען אָקס".

„און דו, מיין זוהן, שוין־זשע פיהלסטו גאָר ניט קיין רחמנות צו מיר? שוין־זשע איז גאָר אונמעגליך דיך איינצובעטען; ווילסטו גאָר ניט ריידען? דריי טעג שוין, אַז דו האָסט ניט געגעסען, דריי נעכט, אַז דו האָסט ניט געשלאָפען. קינד מיינס, איז עס מעגליך, אַז דו ווילסט שטאַרבען? דאַרף־דען דיין גרויע מוטער בלייבען אַליין אויף דער וועלט, דאַרף זי דען דיר צומאַכען די אויגען און באַהאַלטען דיין אַש דאָרט, וואו עס ליגט דער אַש פון דיין פאָטער? רייד, מיין זוהן, וואָס פאַר אַ וועהטאָגען פייניגען דיך? אַ טרויער, וואָס מען באַהאַלט אין זיך, איז שווערער פון אַלץ אַריבערצוטראָגען".

— „זיי געזונט, מוטער! איך שטאַרב, דו האָסט שוין מעהר ניט קיין זוהן. אַ פייערדיגע, פאַרסמ'טע וואונד פייניגט מיך; עס איז מיר שווער צו אָטהעמען; איך וויל ניט ריידען. זיי גע־זונט... דער געלעגער פייניגט מיך, דער צודעק שטיקט מיך, אַלץ איז פאר מיר שווער און מאַטערט מיך אוים. העלף מיר!! איך שטאַרב. אַה, קעהר מיך אום אויפ'ן צווייטען זייט! איך געה אוים!... וואָס פאַר אַ פיין!"

און אומזיסט דערלאַנגט זי איהם דעם הייליגען געטראַנק, וואָס אַ פרוי פון טעסאַליע האָט צוגעגרייט מיט דער הילף פון דער צוי־בערקונסט. אַבער ער רעדט עפּעס ווידער... ער געדענקט די ברעגען פון דעם ערימאַנטאָס, די וועלדלאַך מיט די בלעטער פון די בוי־מער, דאָס בלאָזען פון דעם פרישען ווינטעל, וואָס האָט באַוועגט דאָס וואַסער, די בלעטלאַך און די פעלדען פון דער פלאַקסענער העמדעל אויף דער יונגער ברוסט פון דאָס מיידעל; ער דערמאַנט זיך ווי שעהן און לייכט די יונגע מיידלאַך האָבען געטאַנצט, און צולעצט דערמאַנט ער זיך אַז אַ געטליכען פּנים. ער רעדט פון היץ: אַט־די האָר, אַט־די נאַקעטע פיסלאַך, אַזעלכע ווייסע און אַזוי שעהן נעפּאַרמירט — איך וועל זיי שוין קיינמאָל מעהר ניט

זעהן. ער זעהט פאַר זיך אַ יונגע מיידעל, וועלכע געהט פּאַמעלאַך צו צו איהר מוטער׳ס קבר; ער הערט איהר באַצוויבערענדע שטי־מע; ער איז אין ספק צו זי וועט ווען עס איז קומען אויך אויף זיין קבר. — דאַ געפינט די מוטער אויס, אַז ער איז קראַנק פון האָפנונגלאָזער ליעבע, און זי פרעגט:

„אָבער זאָג מיר, אָה, מיין זוהן, וואָס איז עס פאַר אַ מיידעל, וואָס דו האָסט דערזעהן אויף די ברעגען פון דעם ערימאַנטאָס? דו ביזט דאָך רייך און שעהן, אָדער דו ביזט ווענינסטענס עס געוועזן ביז די קראַנקהייט האָט בלייך געמאַכט די פאַרב אין דיינע באַקען. איז עס אַגלאַיאַ, אָדער די יונגע אירענע מיט דעם לאַנגען בלאָנדען צאָפּ־האָר, אָדער איז עס פיליכט יענע שטאָלצע שעהנ־הייט, וועמענס נאָמען מען דערמאָנט פאַר מיר שטענדיג, — יענע, וועמען אַלע יונגע מיידלאַך זיינען מקנא און אויף וועמען, ווי מען זאָגט, מוטערס און פרויען קענען אָהן שרעקען ניט קוקען אין די טעמפּלען און ביי פייערונגען? שווין־זשע זאָל עס דאָפּנע זיין?"

— „אַך, איהר געטער! ווער אַנטשוויגען, מוטער, ווער אַנט־שוויגען! זי איז שטאָלץ, זי קען מען מיט גאַרניט ריהרען; ווי די אונשטערבליכע, שעהן און שרעקליך. טויזענדע פאַרליעבטע האָ־בען זיך געבוקט צו איהר און האָבען אומזיסט זיך געבעטען ביי איהר; אַזוי ווי זיי, וועט זי מיר אויך מיט גאוה אָבזאָגען. ניין, זאָל זי זיך קיינמאָל ניט דערוויסען..."

„אָבער דאָך! אַך, די גסיסה פון טויט! טייערע מוטער מיינע! דו זעהסט אין וואָס פאַר אַ יאָמער איך געה אויס! געה, זוך זי אָב! אָט די קנייטשען אויף דיין פּנים, דיין עלטער, פיליכט וועלען זיי איהר דערמאָנען אַז איהר אייגענער מוטער. נעם די קאָרב און די שעהנסטע פון אונזערע פרוכטען, נעם אונזער העלפאַנט־ביינע־נעם עראָס, נעם אונזער אָניקס־בעכער, וואָס קומט פון קאָ־רינטה; נעם מיינע ציגעלאַך, נעם מיין הארץ, נעם מיין לעבען, וואַרף אַלץ פאַר איהרע פיס; זאָג איהר ווער איך בין, זאָג איהר, אַז איך שטאַרב, זאָג איהר, אַז איך בין ביי דיר אַ בן־יחיד; פאַל צו די פיס פאַר דעם אַלטען מאַן, קרעכץ, בעט זיך ביי איהם, בעט זיך ביי איהר אין דעם נאָמען פון דעם הימעל און פון דעם ים, אין דעם נאָמען פון די געטער, אין דעם נאָמען פון די טעמפּלען,

די מזבחות און די געטינען, און אויב דו וועסט זיך צוריקקערן אַהיים ניט בוויגענדיג איהר שטאָלצען האַרץ, דאַמאָלס, זיי געזונט, מוטער! דאַמאָלס איז אַ סוף געקומען צו מיין לעבען!"

זי באַדעקט זיין בלייכען שטערען מיט קושען און מיט טרערען און איילט זיך אַוועק, טרייסלענדיג זיך פון שרעק און פון אַלטקייט. אָבער אין גיכען קעהרט זי זיך אום צוריק מיט אַ געשריי און פון דער־וויטענס הערט זיך איהר שטימע: „מיין זוהן, מיין טייערער זוהן! דו וועסט לעבען!" זי זעצט זיך צו ביי זיין געלעגער. און נאָך איהר קומט אַ מאַן אַ זקן מיט אַ שמייכעל, און מיט איהם צוזאַמען קומט אריין אַ יונגע שעהנהייט, רויט־פאַרשעמט, מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם שטערען און זי וואַרפט אַ בליק אויף דאָס בעטעל. דער אומגליקליכער ציטערט, ער האָט ניט קיין כחות אין זיך אויף אַנצושטרענגען זיך און אַנצונעמען זיך מיט מוט, ער וויל באַ־האַלטען זיין קאָפּ אונטער'ן צודעק.

„פריינד מיינער! — זאָגט זי — דריי טעג האָט מען דיך ניט געזעהן אויף קיינע פון די פייערונגען. וואָס טוט זיך ביי דיר אין קאָפּ? פאַרוואָס ווילסטו עס שטאַרבען? דו ביזט קראַנק? מען זאָגט, אַז איך קען דיך אויסהיילען. לאָמיר מאַכען צוזאַמען איין משפחה. זאָל ביי מיין פאָטער זיין אַ זוהן און ביי דיין מוטער אַ טאָכטער".

עס איז אונמעגליך צו געבען אַ ליידענשאַפטליכער סיטואַציע אַן אויסגאַנג, וואָס זאָל זיין מעהר פשוט, מעהר רייך מיט עפעקטען.

אויף אַזאַ יסוד האָט עס די ראָמאַנטישע שולע אַנגעפאַנגען ווייַ־טער צו בויען: אויף דער איידעלסטער איינפאַכקייט פון דער שפּראַך, אויף דער ריכטיגקייט פון די צייכנונגען, דעם גריכישען ריטם ביי די איבערגאַנגען, די שעהנע ליניען פון באַסרעליפען, ריינע פאַרבען און דער שטרענגער פאָרמע.

7.

דע וויני׳ס פּאָעזיע און הוגאָ׳ס „אָריענטאַלען“.

דער ערשטער דיכטער, וועלכער האָט פריהער פון אַלע ארויס־
געוויזען דעם איינפלוס פון שעניעי, איז געוועזן איינער פון די מור־
טיגסטע גייסטער פון דער שולע אין אַ קינסטלערישען זין, איינער
פון איהרע ערשטע פיהרער, אַלפרעד דע וויני, וועלכער, אַלס לירי־
שער דיכטער, ציינט צייטענווייז ארויס פיעלע חסרונות און איז
צייטענווייז אַ מייסטער, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכען.
צניעות׳דיג, ליכטיג, ריין און שטרענג, ווי זיין פּאָעזיע בכלל איז,
האָבען זיינע בעסערע געדיכטע אין זיך עטוואָס אַזוינס, וואָס די
יעניגע, וועלכע האָבען געוואָלט געבען אַ השגה וועגען דעם,
האָבען עס פאַרגליכען מיט דעם שימער פון העלפאַנטביין, מיט דער
ווייסקייט פון דעם הערמעלין (אַזאַ פויגעל), מיט דעם גלאַנץ פון
אַ שוואַן. זיין קונסט איז אַזוי שטרענג, זיינע פארבען זיינען
אַזוי ניכטער, דער אינהאַלט פון זיינע געדיכטע איז אַזוי פאַר־
זיכטיג אויסגעקליבען און איז איבערגעגעבען מיט אַזאַ קיצור, ווי
ביי שעניעי. און דע וויני האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט מען
זאָל ניט צושרייבען זיינע מעלות צו שעניעי׳ס איינפלוס, וואָרים
כאָטש ער האָט ניט ארויסגעגעבען קיין זאַמלונג פון זיינע געדיכטע
פ״יהער פון דעם יאָהר 1819, האָט ער דאָך זיך גענומען די מיה
אין זיינע שפּעטערע אויסגאַבען אוועקצושטעלען איבער אַ גע־
וויסע צאָהל געדיכטע, וואָס ציינען מיט זיך קלאָר ארויס דעם
איינפלוס פון שעניעי, פריהערדיגע דאַטען, וואָס ציהען זיך צוריק
אַזוי וויט, ווי דער יאָהר 1815. אָבער ווען מיר זאָלען אפילו ניט
נעמען אין אָנבעטראַכט דעם פאַקט, אַז איינציגע פּאָעמען פון

שעניעי זיינען פארעפענטליכט געווארען נאך פריהער פון יענעם יאהר (אין שאטאבריאנ'ס „דער גייסט פון קריסטענטום“, אלס ביילאגע צו מילוואיע'ס פאעטישע ווערק), איז דאך שווער אויס־צומיידען דעם באשלוס, גיט קוקענדיג אויף דע וויני'ס שטרענגע ארענטליכקייט אין אנדערע זאכען, אז ער האט, גלייך ווי שטאק שטאפעלדט מיט זיין עהרליכען כאראקטער, געדאטירט אויף צוריק זיינע פאעמען כדי זיי זאלען אהן ספק ארויסווייזען זיין אריגינא־ליטעט; ווארים די איינצעלנע געדיכטע זיינע, וואס ער האט פארעפענטליכט פאר דער אויסגאבע פון דער ערשטער זאמלונג זיינער, שטעהען א סך נידריגער פון די, וואס זיינען אין איהר געדרוקט, און טראגען א פיעל פריהערדיגען ראטום; אויף אזוי פיעל נידריגער, אז ער האט זיי אויסגעשלאסען פון דער פולער זאמלונג פון זיינע ווערק. אנדרע שעניעי'ס איינפלוס אויף דע־וויני איז אהן ספק. דער לעצטער האט איבערגענומען פיעלע פון די מעלות פון דעם ווידער־אויפגעלעבטען מייסטער, כאטש ער האט זיך אין דער זעלבער צייט באפרייט פון דעם אלטמא־דישען העלענישען סטיל, וואס איז געווען א שטערונג פאר שעניעי'ס נעראנקען־גאנג. דאס געדיכט „לא דריאד“, צו וועלכען ער האט צוגעגעבען די איבערשריפט: „אן אידיליע אין דעם גייסט פון טעא־קריט“, איז אין דער ווירקליכקייט אן אידיליע אין דעם גייסט פון שעניעי. דע וויני'ס שארפסטער אונטערשייד, אלס ליריקער, פון שעניעי באשטעהט אין זיין ריינעם ספיריטואליזם און אין דעם שטאלצען, סטאאישען געפיהל פון איינזאמקייט. ער האט זיין אידעאל אויסגעשפראכען אין אזוינע געדיכטע, ווי „משה“, „דער כעס פון שמשון“, „דער טויט פון א וואלף“. זיין אייגענע נשמה דריקט זיך אויס אין משה'ס אויסגעשריי:

„אך, רבונו של עולם, איך האב געלעבט א מעכטיגער און אן איינ־זאמער; ערלויב מיר איינצושלאפען מיט דעם שלאף פון דער ערד!“

מיר דוכט זיך, אז איך הער דאס באקלאגען זיך פון שטארקען, פארוואונדעטען זעלבסטגעפיהל אין שמשון'ס אויסבראך פון כעס נעגען דעם פארראט פון דלילה (זיין דלילה איז געווען מאריע דארוואל, די גרויסע אקטריסע); שוין דריי מאל האט ער איהר אלץ מוחל געווען, אבער זי איז ביי יעדען מאל געווען מעהר פאר־

שעהמט, ווי פאַרוואונדערט איבער דעם, וואָס ער האָט איהר ווידער אַמאָל פאַרגעבען, וואָרים:

„די גוטסקייט פון אַ מאַן איז גרויס און זיין עניוות איבערוועגט אַלץ, פאַרגעבענדיג די זינד פון דער שוואַכער און באַטריגערישער בריאה".

און איך פיהל זיין סטאָאיציזם און איך זעה אַ פאַרענטפערען זיך פאַר זיין ניט פּראָדוקטיווען שאַפען אין אַט די ווערטער אין דעם ליעד וועגען דעם וואָלף, וועלכער שטאַרבט אָהן איין געשריי:

„באַטראַכטענדיג דאָס, וואָס עס איז געווען אויף דער וועלט און דאָס, וואָס מיר לאָזען אין איהר איבער, קומען מיר צו דער איבערצייגונג, אַז נאָר דאָס שווייגען איז גרויס; אַלע אַנדערע זאַכען זיינען נאָר אַ שוואַכקייט".

ווען מיר זאָלען אפילו צוגעבען, אַז אין זיין שטייפער האַלטונג איז דאָ אַביסעל אַ געמאַכטע אַנגעשטעלטקייט, דאָך איז דער אָנשטעל גופא אַן אויסדרוק פון זיין שטאָלץ, פון זיין גייסטיגער איידעלקייט, פון זיין שטרעבונג איבערצולאָזען אין זיין פּאָעזיע אַ מאָנומענט פאַר זיין גייסטיגער ריינקייט און שטרענגקייט.

דער דיכטער, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די אַרבייט ווייטער צו אַנטוויקלען שעניעס לירישען סטיל, איז לויט זיין גייסטיגען כאַראַקטער געווען גאַנץ פאַרשיידען פון איהם אַליין און פון דע ויניי, כאָטש ער איז געווען, ווי זיי, פאַר'שכור'ט פון זעלבסטצוטרוי. וויקטאָר הוגאָ איז אַלט געווען דריי־און־צוואַנציג יאָהר, — „דער שיינענדער מאָרגענשטערן האָט באַלויכטען זיין גליק". ער אַליין האָט אין אַ ליעד „צו מאַדעמואַזעל זש.", איינע פון זיינע „בין־השמשות ליעדער", באַשריבען די זיכערקייט אין דעם זיעג, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפאַנגען זיין לעבען אַלס אַ לירישער דיכטער:

„צו די שטערען האָב איך דאַמאָלס געזאָגט: „שטערן מיינער, אומזיסט באַהאַלטסטו זיך אין אַ שלייער; איך ווייס, אַז דו שיינסט אַרויס איבער איהם". און איך האָב געזאָגט צו די וואַסערען פון דעם טייך: איהר זייט דער רוהם, טוט אַ קוק אויף מיר, יעדער טאָג מיינער איז איינע פון אַייערע כוואַליעס".

„איך האָב געזאָגט צום וואַלד: „ברודער, ווי דו פאַרמאָג איך אויך שטימען און לידער אָהן אַ שיעור!" צום אָדלער האָב איך געזאָגט:

„ווי דו בין איך שטאָלץ און פריי!" און צו די פּוסטע בעכערס: „זייט רוהיג, איך בין פול מיט ברענענדיגע געדאַנקען און פלאַמענדיגע געזאַנגען, וועלכע וועלען די מענשען פאַר׳שכור׳ן".

„און בשעת איך בין געווען פאַרטאָן אין מיינע חלומות האָבען זיך צו מיר פון די שמעקענדיגע בלומענבלעטלאַך געטראָגען וואונדערבאַרע געזאַנגען וועגען ליעבע און פריעדען; די לופט אַרום איז געווען איבערגעפילט מיט מעלאָדיען און ווי אַ מחנה זומענדיגע ביהנען האָבען זיך מיינע געדאַנקען געטראָגען אַרויפצו, צו דער זון".

„און די נאַטור האָט צו מיר גערופען: דיכטער! און דער הימעל פון דער הויך האָט זיך אָפּגערופען: נביא, געה, רייד, לערן, גיב דיין ברכה צו די קינדער פון דער ערד! האַלט דעם קרוג מיט די געטליכע רעדעס און גיס זיי פאַנאַנדער איבער די בערג און איבער די טאָלען, אין די נעסטען פון די שוואַכסטע פויגעלאַך און אין די נעסטען פון די אָדלערס!"

וויקטאָר הוגאָ האָט איבערגענומען דעם פערז, וואָס אַנדרע שעניעי האָט געשאַפען, דעם דאָזיגען רורכזיכטיגען אָרגאַן פאַר דעם אויסדרוק פון ריינער שעהנקייט, און אונטער דעם אָטהעם פון זיינע ליפּען געמאַכט איהם צו שפּיגלען מיט אַלע קאָלירען פון דעם רעגענבויגען. מערקווירדיג — אויך דעם מאָל איז די באַגייסטערונג געקומען פון גריכענלאַנד, אָבער דעם מאָל שוין פון דעם מאָדערנעם גריכענלאַנד. אונטער דעם איינדרוק פון דער באַפרייאונגס־מלחמה, וואָס גריכענלאַנד האָט געפיהרט, האָט הוגאָ אָנגעפאַנגען שרייבען זיינע „אָריענטאַלע דיכטונגען". אָבער וואָס פאַר אַ אונטערשייד אין דער שפּראַך! די ווערטער האָבען געמאָלען, די ווערטער האָבען געשיינט, זיי זיינען געווען „באַגלייט פון די שטראַהלען פון דער זון", ווי די שעהנהייט־דער־אידין פון די פּאָעמען; די ווערטער האָבען געזונגען, ווי אונטער דער געהיימער באַגלייטונג פון דער קלינגענדער טערקישער מוזיק.

צוערשט איז געקומען עלענשלעגערים מזרח. דאָס איז געווען דער מזרח פון דאָס קינד, פון דעם צויבער־מעשיות בוך, פון טויזענד־און־איין־נאַכט, האַלב פּערסיען—האַלב קאָפּענהאַגען. דאָס איז געווען אַ טרוים וועגען גייסטער אין לאַמפּען און אין רינגען, וועגען קופּעס ברילִיאַנטען און סאַפּירשטיינער, די רייכקייט פון

אַז אַהן אַ גרענעץ פאַרנאַדערגעשפּיעלטער פאַנטאַזיע; און דאָס אַלעס האָט זיך גרופּירט אַרום צוויי אונפאַרגעסבאַרע פּאָעטישע טיפּען.

נאָכדעם איז אויף דער סצענע געקומען בייראָנ׳ס מזרח. דאָס איז געווען אַ גרויסער דעקאָראַטיווער הינטערגרונד פאַר לײדענשאַפט מיט איהר ניט־אײנגעהאַלטענקייט און מיט איהר מעלאַנכאָליע.

ווייטער איז געקומען געטהע׳ס מזרח, אָבער דאָס איז געווען דער מזרח פון דעם „וועסטאָסטליכען דיוואַן" (די לידער פון דעם מערב־מזרח), דער לעצטער עיר־מקלט פאַר דעם זקן. געטע האָט איבערגענומען דעם עלעמענט פון רוהיגקייט, פון הסתלקות (אַ טיעפער אַריינטראַכטען זיך אין אַ זאַך, ווען מען פאַרגעסט דערביי אַז זיך אַליין) אין דעם מזרח׳ישען קוק אויפ׳ן לעבען און האָט אין זיי אַריינגעפלאָכטען דייטשע לידער. רוקערט, דער גרויסער בעל־לשון, איז געגאַנגען אין דעם זעלבען וועג.

אָבער וויקטאָר הוגאָ׳ס מזרח שטעלט מיט זיך פאַר עטוואָס גאַנץ אַנדערש — דאָס איז געווען אַ בונטע, באַרבאַרישע מזרח־לאַנד, אַ לאַנד פון פּרעכטיגע פאַרבען און העלען זונשיין.

סולטאַנען און מופטים, דערווישען און קאַליפען, העטמאַנען, פּיראַטען און קלעפטען — ליעבליכע קלאַנגען אין זיינע אויערען, מחיה׳דיגע בילדער פאַר זיינע אויגען. די צייט איז ניט וויכטיג: דער אַלטערטום, דער מיטעלאַלטער, און די געגענוואַרט; די ראַסע איז אַלץ־איינס: די אידישע, די מורישע אָדער טערקישע; דער אָרט מאַכט קיין אונטערשייד: סדום אָדער עמורה, גראַנאַדאַ אָדער נאַוואַרינאָ; די אמונה איז ניט וויכטיג: „קיינער, — זאָגט ער אין זיין הקדמה, — האָט אַ רעכט צו פרעגען דעם דיכטער צו ער גלויבט אין גאָט אָדער אין געטער, אין פּלוטאָ, אין דעם שטן אָדער אין גאָרנישט". זיין אַרבייט איז צו מאָלען. ער איז באַהערשט פון אַ זשעניע, פון אַ רוח־הקודש, וועלכער לאָזט איהם ניט צורוה ביז וואַנען דער מזרח, ווי ער שטעלט זיך איהם פאַר, ווערט ניט איבערגעגעבען אויף פּאַפּיער.

אַ פאַרזיכטיגער שטודיום פון זיינע „מזרח־לידער" ציינט אונז, ווי אַזוי זיי זיינען געשאַפען געוואָרען. די געדיכטען זיינען

נים געשאפען געווארען אין דעם זעלבען סדר, ווי זיי ערשיינען אין דעם בוך. די פאעמע, וואס ער האט אנגעשריבען צום ערשטען, איז די, וועלכע איז געדרוקט אלס נומער 23, „די איינגענומענע שטאדט“, געשריבען אין דעם יאהר 1824; נאכדעם קומען די געדיכטען, וואס ער האט אנגעשריבען אין די יאהרען 1826 און 1827 וועגען פאסירונגען אין דער באפרייאונגס־מלחמה, און ערשט אין דעם יאהר 1828 האט זיך דעם דיכטער'ס פאנטאזיע אויף־אן־אמת פאנאנדערגעשפיעלט. דער האריזאנט ווערט ברייטער; אלע עלעמענטען, וועלכע זיינען מסוגל דורך א נאהענטער אדער ווייטער געדאנקענפארבינדונג צו קריסטאליזירען זיך ארום דער טערקישער מלחמה, גרופירען זיך אלע צוזאמען ארום איהר.

ווען מיר לייענען דורך דאס קליינע געדיכט „די איינגענומענע שטאדט“, וואס איז געשאפען געווארן אלס רעזולטאט פון דעם שטארקען איינדרוק, וואס גריכענלאנד'ס מארטירערטום האט געמאכט אויף דעם דיכטער, ווארפט זיך אונז קלאר אין די אויגען דער פאקט, אז דער שטאנדפונקט אין דער פאעמע איז דער זעלבער, וואס די פראנצויזישע ראמאנטישע מאלערישע שולע האט געהאט. אין דעם יאהר 1824 האט עזשען דעלאקרוא אויסגעשטעלט זיין באריהמטען בילד „די הריגות פון סקיאס“, יענער שרעקליכער בילד, וואס האט אין זיך קיינע אנגענומענע פאעטישע ווארהייטען, וואס איז אזוי טיעף דורכגעפיהלט, פלאמט אזוי מיט ברענענדע פארבען, איז אזוי פריי און ענערגיש געמאלען. אין א יאהר ארום שרייבט הוגא אן זיין קליינעם שיר. ער שטעלט מיט זיך פאר אן אונטערטעניגען באריכט פון א געטרייען שקלאף, וועלכער שטעהט מיט זיינע הענט פאר'צלמ'ט אויף זיין ברוסט און זאגט:

„אה, קעניג! עס איז אזוי ווי דו האסט באפוילען: דער פייער באליכט און פרעסט די שטאדט; מיט זיין רויך פארשטיקט ער די קולות פון דיין פאלק, די איינוואוינער. זיין שיין פארשפרייט ארום א ליכט ווי פון דעם מארגענשטערן און שפרינגענדיג קוקט אוים ווי ער וואלט געטאנצט אויף א בר־מנן.“

„די הריגה פון טויזענדער געהט אן אהן שרעק; יעדער ברענענדער פאלאץ ווערט פארוואנדעלט אין חורבות; פאטערס, פרויען, יונגע־

ליים, אַלע פאַלען געהרגעטע אונטער׳ן שווערד; אַרום די שרפה׳ענדע חורבות פאַרזאַמלען זיך און קראַקען וואָראָנעס.״

„מוטערס קלאָגען. יונגינקע, שעהנינקע מיידלאַך ציטערען און ליגען פאַרגוואַלדיגטע, וויינענדיג ביז מיר בינדען זיי צו צו די צוקאָכטע פערד פון די בראַווע קריעגער און שלעפען זיי אַרום הינטער׳ן שטאָדט, בלוי און רויט פון די קלעפּ און פון דאָס האַלזען״.

. . . .

„די קליינע קינדער האָבען מיר צוקלאַפּט אָן די שטיינער. אויב דו ווענסט הייסען, וועט דאָס אייזען טרינקען נאָך יונגע, הייסע בלוט. דיין פאָלק, אָ, קעניג! קושט דעם שטויב פון דיינע סאַנדאַלען, וועלכע האַלטען זיך אויף דיינע קעניגליכע פיס דורך אַ גאָלדענעם רינג״.

דאָס איז דער ערשטער טאָן, וואָס הוגאָ האָט אויסגעקלאַפּט אין די דאָזיגע פּאָעמען; ער קלינגט שאַרף און גרילצט; די דאָזיגע פּאָעמע איז ניט איבריגס גוט, וואָרים זי איז ניט אינגאַנצען אמת. ניט אַזוי האָט דער שקלאַף געדערט. אין זיינע רייד פּיהלט זיך דעם דיכטער׳ס אייגענע ענטריסטונג. די וויטערדיגע פּאָעמען „די קעפּ אויף די ווענט פון סעראַיל״, „ענטוזיאַזם״ און „נאַוואַרינאָ״ ווייזען אַרויס נאָך סימנים פון דעם איינפלוס פון ניי־גריכענלאַנד, פון וועלכען די „מזרח־ליעדער״ זיינען לכתחילה אַרויסגעקומען. אָבער דאָ מאַכט שוין דער דיכטער אַ גרויסען שריט פאָרויס; ער טראָגט זיך אַריבער אויף דעם שטאַנדפּונקט פון די טערקען און דרינגט זיך דורך מיט זייערע שטימונגען, שרייבענדיג זיינע ליעדער.

„דעם פּאַשאַ׳ס קימער״, איז זיין ערשטע, האַלב־איראָנישע פּראָבע אין דער דאָזיגער ריכטונג. דערווישען און קאַנאָנירען, אַדאַליסקען און שקלאַפען, אַלע פּרובירען זיך, יעדער פון זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט, אויסצוגעפינען די סיבה פאַרוואָס זיצט עס דער פּאַשאַ אַזוי אומעטיג פאַרטראַכט אין זיין געצעלט און זיינע אויגען זיינען נאַס פון טרערען. אָבער קיינע פון די אורזאַכען, וואָס זיי טראַכטען צו, איז ניט די ריכטיגע. דעם פּאַשאַ׳ס באַליבטע קעפּס־וויב איז ניט פאַלש געוואָרען צו איהם און אין דעם זאַק פון דעם פעלאַך פעהלט ניט קיין קאָפּ. די סיבה פון דעם פּאַשאַ׳ס

יסורים איז דאָס, וואָס זיין טייערער טיגער פון נוביען (אַרץ נוב) איז געפּגר׳ט.

אָבער דאָס איז נאָר אַן ערשטע פּראָבע. דער דיכטער האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצען באַפרייט פון זיך אַליין, ער איז נאָך ניט אַרויס פון זיין אייגענעם „איך“; מיר פיהלען נאָך איהם אין דעם שוואַכען שפּאַט, וואָס צושטערט און פיהרט איבער דאָס בילד, וואָס ער שאַפט. אָבער נאָכדעם קומט דאָס געדיכט „דער טערקישער מאַרש“, און דאָ זיינען מיר שוין אינגאַנצען אין דעם מזרח.

דער רעפריין צו די מייסטערהאַפטע פערזען איז זעהר באַרבאַריש, אָבער דער אַלגעמיינער אינהאַלט איז גאָר ניט ווילד. ער איז ערנסט, פול מיט דער טערקישער פרומער לייטישקייט, וואָס געהט טיעף פון האַרצען, און דער גאַנצער געדאַנקען־גאַנג ווערט באַשטימט פון אַן עהרענבאַגריף, וועלכער איז ניט ווייניגער טיעף ערנסט פון אונזערען, כאָטש ער איז גאַנץ אַנדערש פון אונזערען.

אין דעם מאַרש זינגט דער טערק:

„פון מיין שטעכמעסער (דער דעגער) אויף מיין זייט טריפט וואַרימע בלוט און ביי מיין זאָטעל הענגט אַ שאַרפע האַק!

„איך האָב ליעב דעם סאָלדאַט, וועלכער וואַרפט אויף אַלעמען אַן אַ שרעק. זיין ברייטער טורבאַן מאַכט זיין שטערן אויסקוקען זעהר שטרענג; מיט יראת־הכבוד קושט ער די באָרד פון זיין אַלטען פאָטער און זיין שווערד נעמט ער אַרום מיט דער ליעבע פון אַ זוהן. זיין מלבוש איז דורכגעשטאָכען פון פאָרענט און פון הינטען אַזוי, אַז די לעכער אין דער פעל פון דעם טיגער זיינען אָהן אַ שיעור.

„פון מיין שטעכמעסער אויף מיין זייט טריפט וואַרימע בלוט און ביי מיין זאָטעל הענגט אַ שאַרפע האַק!

„דער, וואָס האָט ליעב צו פאַרברייגען זיין צייט מיט פרויען; דער, וואָס קען ביי אַ סעודה אין איין אויגענבליק ניט דערצעהלען דעם גאַנצען יחוס פון זיין שעהנעם פערד, וועגען וועלכען מען שמועסט; דער, וואָס זוכט טרייסט און הילף ביי אַנדערע; דער, וואָס רוהט זיך שטענדיג אויס אויף זיידענע דיוואַנען; דער, וואָס האָט מורא פאַר דער זון, קען לייענען און צוליעב זיין אָבערגלויבען לאָזט ער איבער דעם וויין פאַר די קריסטען —

„פון מיין שטעכמעסער אויף מיין זייט טריפט וואַרימע בלוט
און ביי מיין זאַטעל הענגט אַ שאַרפע האַק!

„יעגער איז אַ ציטערדיגער כלב, אַ גאַרנישט, ניט קיין סאַלדאַט!
איהם זעהט מען ניט ווען די פערד לויפען אין שלאַכט; מען זעהט איהם
ביט שטעהענדיג אין די ברייטע פאַסען פון דעם זאַטעל מיט זיין שווערד
אין האַנד אונטערשפּאַרענדיג זיין פערד אין דעם רעכטען היץ פון דער
שלאַכט. ער איז אַ בריה בלויז אויף צו שלאָגען דעם אייזעל איבער די
פּיאַטעס און אונטערבורטשען עפּעס אַ נאַרישקייט זיך אין נאָז אריין
מיט אַ דערוואַרגענע שטימע, אַקוראַט ווי אַ גלח, וועלכער זאָגט יוצרות.

„פון מיין שטעכמעסער אויף מיין זייט טריפט וואַרימע בלוט
און ביי מיין זאַטעל הענגט אַ שאַרפע האַק!"

דאָ איז שוין ניטאָ קיין סימן פון די גריכישע שטימונגען אָדער פון דער אייראָפּעאישער איראָניע איבער דער טערקישער ווילד־קייט; דער דיכטער איז דאָ געוואָרען אַ דראַמאַטיקער אין דעם תחום פון די טערקישע גייסטיגע השגות און די טערקישע באַגריפען וועגען דעם לעבען; דאָ הערשען די לאָקאַלע פאַרבען פון דער אמת׳ער ברוטאַליטעט אין אַזאַ מאָס, צו וועלכער קיינער פון די דיכטער פון די צפון־לענדער האָט נאָך קיינמאָל ניט דערגרייכט, ווען זיי האָבען באַהאַנדעלט אַזעלכע טעמעס. דאָ מערקט זיך אַן אמת׳ע מענערשע ווילדע רציחה.

דאָס איז ניט קיין סענטימענטאַלע פּאָעזיע, נאָר קרעפטיגע טע־נער פון דעם צע־דור (דער געוועהנליכער טאָנאַרט אין מוזיק.) די דאָזיגע קרעפטיגע טענער קלינגען אין די אַלע פּאָעמען אפילו דאָרט, וואו די פרוי און די ליעבע פלעכטען אריין זייערע ריטמען אין די אַלגעמיינע ווילדע און רויהע מאָטיווען. פאַרביי אונז טראָגען זיך אין זיי דורך די געשטאַלטען פון גרויי־זאַמע, הערצלאָזע פרויען, ווי למשל, די אידישע סולטאַנשע, וועלכע האָט שטענדיג געפאָדערט נייע קעפּ פון איהרע קאָנקורענטינס אין ליעבע; דאָרט זיינען אויך דאָ די איידעלע, מוזיקאַלישע טעכ־טער פון חוה, ווי למשל, די געפאַנגענע פרוי („לאַ קאַפּטיוו"), וועלכע „בענקט אַזוי שטאַרק נאָך איהר היימלאַנד, אָבער וועלכע פיהלט זיך דאָך גוט ווען זי קוקט אויף די צווייבערליכע פּאַלאַצען פון סמירנאַ און האָט נחת פון דעם, וואָס זי קען שעפּען אין זיך

די ווייכע לופט פון דעם מזרח אין אַלע צייטען: זומער און ווינ־טער, בייטאָג און בייִנאַכט ווען די פולע לבנה שיינט פון איבער'ן ים". מיר באַגעגענען אין די פּאָעמען אויך אַזעלכע פּראַכטפולע געשטאַלטען פון פרויען, ווי דער, וואָס ווערט באַשריבען אין „דער זיי־געזונט פון אַן אַראַבישער באַלעבאָסטע"; די ליעבע, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער דאָזיגער פּאָעמע, איז טרויעריג דורך דעם געפיהל, אַז דאָס איז דער לעצטער געזעגענען זיך, זי איז געדריקט און צניעות'דיג; עס איז אַ געמיש פון שוועסטערליכער צערט־ליכקייט, קינדערשען אַבערגלויבען און פון פאַרגעטערענדער אונ־טערוואָרפענקייט. וואָס צייגען זיך אַרויס מיט פּלאַסטישער שעהנ־קייט אין אַן איידעלען, שטאָלצען כאַראַקטער.

פון יענעם מאָמענט אָן, ווען דער דיכטער געהט אַריבער פון דעם גריכישען לאַגער אין דעם לאַגער פון דעם שונא, לאָזט ער זיין פאַנטאַזיע פריי זיך פאַנאַנדערצושפּילען. פון בילדער פון טער־קישע רציחות געהט ער אַריבער צו מאָלען די טערקישע אַבערגלוי־בענקייט. די פּאָעמע „לע דזשין" איז אַ וואונדער אין דער קונסט פון שאַפען פערזען, דורך וועלכען דאָס צוקומען צום הויז פון דער ווילדער מחנה יעגער, איהרע דונערדיגע קולות איבער די קעפּ פון די איבערגעשראָקענע שכנים און דער פּאַמעלאַכדיגער אָפּ־שטאַרבען פון די קולות מיט דעם לאַנגזאַמען דערווייטערען זיך פון דער ווילדער מחנה ווערען איבערגעגעבען דורך אַ לאַנגזאַמען שטייגען פון די פערזען פון צוויי־זילבעדיגע צו צעהן־זילבעדיגע און דורך אַ פּאַמעלאַכדיגען אַרונטערגעהן צוריק צו אַ צוויי־זיל־בעדיגען פערז. פון דעם לעבען אין די טערקישע סעראַלען (הארעם־פּאַלאַצען) טראָגט זיך די פאַנטאַזיע פון דעם דיכטער אַריבער אין די געצעלטען פון די בעדואינער אין דעם מדבר; פון דעם מדבר ווי ער קוקט אויס יעצט — צום מדבר ווי ער איז געווען אין יענער צייט ווען עס איז אויף איהם געפאַלען דער שאָטען פון די פליגלען פון די אַדלערס פון בואָנאַבערדי (באָנאַפּאַרט, לויט ווי די אַראַבער ריידען אויס דעם נאָמען).

אונגעהייער גרויסע שטח'ים פון זאַמד און וואַסער, די אָרדנונג און די מאַגעוורען פון מאַסען־אַרמייען, די גאַנצע אַרכיטעקטור פון

די שטעדט, דאָס באַלאַגערען און דאָס שטורמעווען פון די דאָזיגע שטעדט פון דעם מזרח מיט זייערע משונה׳דיגע געביידעס קומען פאַר פאַר די אויגען פון דעם דיכטער׳ס נשמה; און אין א גע־וויסען מאָמענט, דורך א נאַטירליכער אידעענפאַרבינדונג, קומען איהם אויפ׳ן געדאַנק די בילדער פון די שרעקליכע חורבנות, וועגען וועלכע מען לייענט אין דעם אַלטען תנ״ך. דאָרט האָט הוגא גע־פונען זיין רייכסטען, איהם פּערזענליך נאָהענטסטען, מאַטעריאַל. זיין פאַנטאַזיע האָט אַלע מאָל געפיהלט די שטאַרקסטע נייגונג צו אַלץ, וואָס איז גראַנדיעז. פּעגאַזוס איז שטענדיג געווען, אין א בוכשטאַבליכען זין, א ליעבענסווירדיגער מאַנסטער, אָבער זיין פּעגאַזוס איז אויך אַזעלכער אין א פיגוראַטיווען זין.

זיין געדיכט „דער פייער־רעגען פון הימעל", וואָס איז אין בוך געדרוקט צום ערשטען, איז געשריבען געוואָרען צום לעצטען. מיר זעהען דעם שרעקליכען, שוואַרצען וואָלקען ווי ער ציהט זיך איבער׳ן הימעל. פון וואַנען איז ער געקומען? וואוהין געהט ער? — קיינער ווייס עס ניט. טראָגענדיג זיך איבער׳ן ים פרעגט ער דעם רבונו־של־עולם צי ער זאָל אויסטרוקענען דאָס וואַסער מיט זיין פייער. ניין! — ענטפערט גאָט, און ער יאָגט זיך ווייטער געטריבען פון גאָט׳ס אָטהעם. דער וואָלקען טראָגט זיך איבער די פּרעכטיגע גאָלפען פון דעם ים־הגדול, איבער די גאָלדענע קאָרנפעלדער פון מצרים, אָבער גאָט גיט איהם נאָך אַלץ ניט קיין סימן ער זאָל זיך אפּשטעלען. ער פליהט איבער די מדבריות, איבער די חורבות פון דעם אַלטען בבל. ער פרעגט: איז עס דאָ? אָבער ער מוז נאָך אַלץ געהן ווייטער. און אָט, ביינאַכט, קומט ער צו צו די פּרעכטיגע שוועסטער־שטעדט סדום און עמורה, וועלכע זיינען פאַרזונקען אין אויסגעלאַסענקייט, פאַרדאָרבענע תענוגים און זינדיגע תאוות. און דורך א צייכען פון גאָט עפענט זיך דער וואָלקען און הייבט אָן לאָזען פון זיך זיין פייערדיגען מבול. א האָגעל פון פונקען, שטרוי־מען פון שוועבעל, א פייערדיגער רעגען לאָזען זיך אַרונטער אויף די פאַרשאָלטענע שטעדט און זיי האַלטען אָן ביז די אַגאַטען, די פּאָרפירען (טייערע שטיינער), די אַפּגעטער און די מירמעלשטיי־נערנע קאָלאָסען (זעהר גרויסע סטאַטועז) צוגעהען ווי וואַקס און די בלענדענדיגע פלאַמען כאַפּען אַרום און פאַרניכטען אַלע לעבעדיגע

באַשעפּענישן אין די הייזער און אין די גאַסן. צום פריהמאָרגען־צו שטעקט אַ חרוב׳ער טורעם פון בבל זיין קאָפּ אַרויס אַריבער די שורות בערג כדי צו האָבן הנאה פון דעם סוף פון דער סצענע. זי איז איהם שוין באַקאַנט; אין זיין צייט האָט ער אויך פאַר־זוכט דעם טעם פון דער באַשטראָפענדער ליעבע.

דאָס איז, ווי געזאָגט, ניט קיין פּאָעזיע פון ווייכע טענער; אַנדערע קריטיקער האָבן זאָגאָר באַשולדיגט די „מזרח־ליעדער“, אַז זיי זיינען צו קאַלט; אָבער אויב מען האָט ווען עס איז גע־מאַכט אומזיסטע באַשולדיגונגען, איז עס געווען אין דעם פאַל. מיר פיהלען ווי דער דיכטער האָט דאָס אַלץ אַליין באמת געזעהן און האָט עס געמאָלען מיט אַ פּינזעל, עהנליך צו דעם טענענבוים, וואָס היינע האָט געוואָלט אַרויסרייסן פון די קליפּען (שטיינערנע בערג ביים ברעג וואַסער) פון נאָרוועגיען און איינטונקען איהם אין די פלאַמען־שטרוימען פון דעם פייער־שפּייענדען עטנאַ כדי אָנצו־שרייבען מיט איהם דעם נאָמען פון זיין געליעבטע איבער׳ן הימעל.

הוגאָ׳ס „אָריענטאַלען“ זיינען געוואָרען מוסטערען פאַר דער ראָמאַנטישער לירישער פּאָעזיע. אין זיי האָט דער דיכטער געהאַט דעם מוט צו באַריהרען דאָס קרענקליכסטע, דאָס העסליכסטע, דאָס שרעקליכסטע און אויסדרוקען עס אין זיינע פערזען, האָבענדיג צוטרוי צו זיין אייגענער דיכטערישער קראַפט, אַז זי וועט קענען דאָס אַלעם דורכדרינגען און מאָלען פּאָעטיש, אַז דורך איהר וועט איהם געלונגען צו געבען אַ דורכזיכטיגקייט צו די אַלע שאָטענס און טובל צו זיין אַלע פינסטערקייטען אין אַ ליכטיגען ים פון פּאָעזיע. דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל געשריבען וועגען דעם ערדי־קוגעל קען אויך געזאָגט ווערען וועגען זיין אייגענער לירישער פּאָעזיע. ער באַשרייבט די מאָגערע, שטיינערנע, קאַרגע ערד, וואָס גיט נאָר מיט־געוואַלד אַרויס פאַר דעם מענשען זיין נויטיגען ברויט; דאָ זיינען הייסע מדבריות און דאָרטען זיינען די אייז־פעלדער פון די פּאָלאַרען (די עקען פון דער ערד); שטעדט, וועלכע האָבען פאַרלאָרען זייער האָפנונג און קענען מעהר ניט ערוואַרטען קיין רחמנות, ברעכען זייערע הענט פון יאוש. — ער מאָלט דעם טויט, אַ געשפּענסטער אָהן אויגען, וועלכער טרעפט גערן דעם בעסטען צום

ערשטען; ער דערצעהלט וועגען ימים, וואו שיפען ווערען בייי־
נאַכט צושמעטערט; וועגען לענדער, וואו מלחמה וואַרפט מיט רעש
איהרע פאַרניכטענדע פאַקעלען און ראַסען באַפאַלען ווילד איינע
אויף די אַנדערע; און — פאַרענדיגט ער — פון דאַם אַלעם ווערט
געשאַפען אַ שטערען אין דעם רקיעת־השמים (הימעל־רוים).

8.

הוגאָ און דע מוסעי.

תיכף נאָך דעם ווי וויקטאָר הוגאָ האָט געענדיגט שרייבען זיינע „אָריענטאַלען“ האָט ער זיך גענומען אַרבייטען איבער אַ סעריע פּאָעמען פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. „די הערבסט בלעטער“ האָבען פאַר דער פראַנצויזישער לירישער פּאָעזיע באַזיעגט אַ נייע וועלט, אין וועלכער דאָס פּערזענליכע האָט געהערשט אויף אַזוי פיעל, וויפיעל עס האָט לגמרי געפעהלט אין די „אָריענטאַלען“.

הוגאָ האָט געהייראַט ווען ער איז אַלט געוועזען צוואַנציג יאָהר. ער האָט זיך פאַרלאָזען אויף דער קליינער פּענסיע, וואָס לואי דער אַכצעהנטער האָט איהם באַוויליגט, ער זאָל מיט דעם קענען פיהרען אַ היים פאַר זיך און זיין געליעבטע, אַדעל פושע. דער נדן, וואָס זיין כלה האָט איהם געבראַכט, איז געוועזען צוויי טויזענד פראַנק. די יונגע פּאָרעל האָט עטליכע יאָהר צייט געלעבט אַביסעל געענגט; נאָר שפּעטער, ווען דער קאַמף פאַר „ערנאַני“ איז געוואונען געוואָרען, האָבען הוגאָ'ס שריפטען אָנגעפאַנגען אַריינצוברענגען איהם טויזענדער, וועלכע זיינען געשטיגען צו הונדערטע טויזענד־ע און אַמענדע צו מיליאָנען. אַפילו אין דער צייט ווען זיי האָבען זיך געגויטיגט, זיינען זיי געווען גליקליך, און ווען הוגאָ, זייענדיג פינף־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, איז אַרויסגעטראָטען פאַר דעם פּובליקום אַלס אַ ליטעראַרישער רעוואָלוציאָנער, איז ער שוין געווען אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע.

אין די „הערבסט בלעטער“ האָט דער דיכטער אַרויסגעבראַכט פאַר זיינע לעזער געדאַנקען און בילדער פון זיין אייגענער היים. דאָס זיינען געווען זכרונות פון זיין קינדערלעבען, וועגען די טייערע

פאַרשטאָרבענע אין זיין פאַמיליע, זכרונות וועגען זיין מוטער'ס צערטליכקייט, וועגען זיין פאָטער'ס מיליטערישער פיגור, וועגען נאַפּאָלעאָנען, וועמען ער האָט אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין אינגעל, געזעהן צוזאַמען מיט זיין פאָטער. ער גיסט אויס זיין האַרץ פאַר זיינע נאָהענטע פריינד, איז זיך מתודה פאַר זיי וועגן דער מעלאַנכאָליע און די ספקות, וואָס דער שווערער לעבענסקאַמף האָט ביי איהם אַרויסגערופען. צווישען די „בלעטער" זיינען אויך דאַ איינצעלנע ליעבע־ליעדער, וועלכע זיינען, לויט זייער שעהנקייט, אונפאַרגלייכליך. ער געפינט זיינע ערשטע ליעבע־בריעף און לייענט זיי מיט אַ האַרץ פול מיט אומעט און בענקעניש נאָך דער פאַרשוואונדענער ערשטער פרישקייט פון דער יוגענד. ער מאָלט פאַר אונז די פאָעזיע פון זיין אייגענער היים. דאָס איז איין זייט פון לעבען, וואָס כמעט אַלע גרויסע דיכטער פון דער וועלט האָבען געלאָזען ניט באַריהרט. שעקספּיר האָט ניט געהאַ'ט קיין היים און זיינע פאַרהעלטנישע מיט זיין פרוי זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען ניט ווערט געווען מען זאָל שרייבען וועגען זיי. שילער און געטע האָבען אָנגעשריבען עטליכע ליעדער צו זייערע פרויען, אָבער קיין איינע ניט וועגען זייער פאַמיליענלעבען. דאָס, וואָס בייראָן האָט געפונען פאַר פּאַסענד צו דערצעהלען דער וועלט וועגען אַזוינע זאַכען, איז געווען דער היפּוך פון אַזוינס, וואָס איז באַלעהרענד. עלענשלעגער, וועמענס פּערזענליכע אומשטאַנדען און ליטעראַרישע שטעלונג דערמאָנען אין פיעלע הינזיכטען הוגאָ'ס, האָט ניט געהייראַט זיין קריסטיאַנאַ (געליעבטע) ביז זי איז שוין געווען אָפּגעבליהט און ער האָט קיינע פּאָעטישע פאָרשטעלונגען וועגען דעם פאַרהייראַטען לעבען ניט פאַרמאָגט. אין זיינע ליעדער וועגען זיין פרוי דריקט זיך אויס מעהר עהרליכקייט, דער געפיהל פון פליכט, איידער ריטערישקייט; און אין זיינע פאָעמען וועגען זיינע קינדער פיהלט זיך אַ טעם פון עלטערנ'ס גאַוה; ער שרייבט וועגען זיי אין אַזאַ טאָן, ווי קעניגליכע עלטערן ריידען אַמאָל וועגען זייערע קינדער ביי עפענטליכע צערעמאָניעס; מיר פיהלען, אַז ער באַטראַכט זיי אַלס באַשעפענישען, וועגען וועמען אַלע מוזען זיך זאָרגען. הוגאָ האָט פאַרשטאַנען ווי אויסצומיידען אַזעלכע שטרויכלונגען.

אַרעל פושעי איז גאָר ניט געבליבען די איינציגע פרוי, וועלכע האָט געוועלטיגט איבער הוגאָ׳ס הארצען דורך די אַלע יאָהרען, וואָס ער האָט באַזונגען זיין׳ן היים. די „הערבסט בלעטער״ זיינען געווען די לעצטע זאַמלונג פון זיינע פּאָעמען, אין וועלכער ער האָט גע־קענט אויפריכטיג שרייבען, אַז דאָרט האָט ער געפונען זיין גליק. אין דעם יאָהר 1833, דורך דער צייט ווען מען האָט געמאַכט די פּראָבעס פאַר דער פאָרשטעלונג פון זיין פּיעסע „לוקרעציאַ באָרדזשיאַ״, איז ער געוואָרען נאָהענט באַפריינדעט מיט דער זעהר שעהנער, אָבער טאַלאַנטלאָזער, אַקטריסע זשוליעט דרוע (איהר אמת׳ער נאָמען איז געווען זשוליען גאָווען), וועמען ער האָט גע־געבען אין דער דראַמע די זעהר ניט וויכטיגע ראָלע פון דער פּרינ־צעסין נעגראָני. מענשען פון יענער צייט שרייבען מיט גרויס באַ־גייסטערונג וועגען איהר שעהנקייט, וועגען וועלכער מען האָט געזאָגט, אַז אין איהר האָבען זיך פאַראייניגט די ריינע שטריכען פון די גריכישע סטאַטועו מיט דעם פּאָעטישען אויסדרוק, וואָס, ווי פיעלע שטעלען זיך פאָר, שעקספּיר׳ס העלדינען האָבען. אין הוגאָ׳ס טראַגעדיע איז איהר ראָלע באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט באַדאַרפט דורכגעהן דורך דער ביהנע און זאָגען בלויז צוויי ווערטער; דאָך, נאָכדעם ווי טעאָפיל גאָטיעי באַשרייבט איהר שעהנע קלייד, האָט ער אָט וואָס צו זאָגען וועגען איהר שפּיעלען:

„זי דערמאָנט אונז אָן אַ יאַסטשששערקע, וועלכע האָט זיך אוועק־געשטעלט אויף איהר ווייַדעל, אַזוי איז געווען איהר גאַנג, ווי כוואַ־ליעס וואָלטען זיך באַוועגען, בויגזאַם, ווי דער גאַנג פון אַ שלאַנג. און—מיט איהר גאַנצען צויבער—ווי בריה׳יש עס איז איהר געלונגען צוצוגעבען עטוואָס גיפטיגעס אין איהרע ווערטער! מיט וואָס פאַר אַ שפּאָטישער, אָבער אויך קאָקעטישער, לעבעדיגקייט האָט זי זיך אַרויס־געדרעהט פון דער אויפמערקזאַמקייט פון די שעהנע ווענעציאַנער אַרי־סטאָקראַטען!״

זשוליעט דרוע׳ס פּראָפיל איז געווען קלאַסיש און זי האָט פאַרמאָגט אַ שפע פון זעהר שעהנע האָר. פּראַדיעי, דער סקולפּטאָר, האָט פאַראייביגט איהר געשטאַלט, ברויכענדיג זי אַלס אַ מאָדעל פאַר אַ סטאַטוע פון דער שטאָדט שטראַסבורג אויף דעם „פּלאַס

רע לאַ קאָנקאָרד“ אין פּאַריז. די סטאַטוע איז געוואָרן זעהר פּאָ־פּולער זינט פראַנקרייך האָט פאַרלאָרען עלזאַס.

ווען הוגאָ האָט זיך מיט איהר באַקאַנט איז ער אַלט געווען 31 יאָהר און זי — 27, און זייער פאַרבינדונג האָט אָנגעהאַלטען ביז איהר טויט, ד. ה. כמעט פופציג יאָהר. זינט דעם יאָהר 1833 האָט זי איהם באַגלייט אויף אַלע זיינע נסיעות און דורך דער צייט, וואָס ער איז געווען פאַרשיקט פון פראַנקרייך, ווי אויך נאָך זיין צוריקקומען פון פאַרשיקונג, האָט זי געוואוינט ביי איהם אין הויז אונטער דעם נאָמען „מאַדאַם זשוליעט דרוע“.

זיין פרוי, וועלכע האָט קירצליך נאָך דעם געהאַט אַן אינטימע צוזאַמענטרעפונג מיט סענט־בעוו׳ן, — אַ זאַך וואָס איז געוואָרען באַקאַנט דורך דעם לעצטענס, אין דעם פאַל, ניט נויטיגע פּאַטעטישע אָפּענהערציגקייט, האָט ווי עס ווייזט אויס איהר גאַנצען לעבען זיך פאַרהאַלטען מיט געדולד צו הוגאָ׳ס שוואַכקייט; און הוגאָ׳ס בריעף צייגען, אַז ער, פון זיין צד, האָט אַרויסגעוויזען זעלבסט־ווירדע און גרויסע דעליקאַטקייט ווען סענט־בעוו האָט איהם גע־לאָזט וויסען וועגען זיין ליידענשאַפט צו מאַדאַם הוגאָ.

אין זיין פּאָעזיע, לכל הפּחות, איז הוגאָ פאַרבליבען צוגעבונדען צו זיין היים אויף אַ צערטליכסטען אופן.

אין זיינע „בין־השמשות לידער“, וועלכע זיינען אַרויס פון דרוק אין דעם יאָהר 1835, ד. ה. אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, ווי ער און דזשוליעט דרוע זיינען געוואָרען אינטים, איז דאָ אַ פּאָעמע („דאָט ליליאַ!“), אין וועלכער ער רעדט וועגען זיין פרוי אַלס די, צו וועלכער ער זאָגט: „אויף אימער“ און זי ענטפערט איהם: „אומעטום!“

אין דערזעלבער פּאָעמע גיט ער אונז אַ זעהר באַצויבערנדען בילד וועגען אַ יונגע מוטער, וועלכע פיהרט איהרע פיער קינדער־לאַך און דאָס קלענסטע פון זיי קען נאָך קוים נאָכגעהן נאָך איהר מיט זיכערע טריט:

„אויב דו וועסט ווען עס איז באַגעגענען אַ פרוי מיט אַ ריינעם שטערען, מיט אַ רוהיגען גאַנג און אַ ווייכען בליק, באַגלייט פון פיער קליינע קינדערלאַך, וואָס דער יונגסטער פון זיי טרעט נאָך מיט אונ־זיכערע טריט; אַ פרוי, וואָס ווען זי באַגעגענט אַן אָרימאַן אויפ׳ן גאַס, —

פון אַלטען, אַ קראַנקען, אָדער אַ בלינדען מיט אַ פיהרער — שיקט זי איהם אַ נדבה דורך דעם יונגסטען פון איהרע קינדערלאַך, — אַ פרוי, וואָס ווען זי הערט, אַז מען מאַכט בלאַטע פון אימיצענס גוטען נאָמען, פאַרטראַכט זי זיך, גלויבט ניט און זאָגט: „איילט זיך ניט מיט אייערע באַשולדיגונגען! וועגען וועמען פון אונז קען מען עס ניט דערצעהלען עהנליכע זאַכען? מיר זיינען שטענדיג גרייט צו פאַרשוואַרצען די נעמען פון די בעסטע מענשען; שבחים געהען שטענדיג פאַמעלאַך, דערפאַר האָבען רכילות וועגען אונזערע נאָהענטע פליגלען“; און אויב דו ווערסט דערזעהן אַ בליק מיט אַ שטאָלצען שיין, אין וועלכען עס זיינען צוזאַמענגעמישט די שטראַהלען פון מיידעלשאַפט און פון מוטערשאַפט, — ווער דו, וועלכער זעהט איהר, זאָלסט ניט זיין, גיב דיין ברכה דער שוועסטער פון מיין נשמה! דאָס איז זי — מיין האָפנונג, מיין עיר־מקלט, מיין שוץ ביז דעם סוף פון מיין לעבען“.

דורך די אַלע ליעדער לויפט דורך דאָס פלאַפלען און דאָס הוזשען פון די קינדערשע שטימען ווען זיי שפּילען זיך, דער געטומעל זייערע, ווי פון פויגעלאַך. דאָס קינד לויפט אַריין אין צימער און די אומעטיגסטע פּנים׳ער, אַפילו פון די יעניגע, וועמענס נשמות זיינען ניט גאָר קיין ריינע, ווערען ליכטיג. דעם ערנסטסטען געשפּרעך שלאָגט עס איבער מיט זיינע שאלות, און דער שמועס ענדיגט זיך מיט אַ שמייכעל; זיין יונגע נשמה איז אָפען פאַר יעדען סאָרט איינדרוק און צו באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע שטעקט עס אויס דאָס מיילכעל פאַר אַ קוש.

„זאָלען די קינדער דאָ בלייבען! טרייבט זיי ניט אַרויס פון דעם דיכטער׳ס שרייב־צימער, זאָלען זיי לאַכען, זאָלען זיי זינגען. צומישענדיג זייער קינדערשען טומעל צום כאָר פון זיינע אינוועניגסטע שטימען בשעת ער שרייבט און טרוימט ביי זיין שרייב־טיש. זייערע שמחה׳דיגע קולות פאַרטרייבען דאָך ניט די זייף־בלאָזען פון זיינע חלומות. דענקט איהר איך האָב מורא, אַז ווען איך זעה אין מיטען פון מיינע בלוטיגע פייערדיגע חזיונות (גייסטיגע בילדער) אָט די בלאָנדע קעפּלאַך, וואָס לויפען מיר פאַרביי, וועלען מיינע פערזען אַוועקפליהען ווי אַ מחנה פויגלען אַנטלויפט פאַר שפּילענדע קינדערלאַך? ניין, ניין! קיין בילד פאַרטרייבען זיי ניט. די פרעכטיגע בלומען פון די מזרח־ליעדער (אָריענטאַלען) וועלען נאָהענט אַרום זיי נאָך העכער

פאַנאַדערלאָזען זייערע געפּאַרבטע און אויסגעשניצטע בלעטלאַך; די באַלאַדען וועלען נאָך פרישער ווערען; די באַפליגעלטע שורות פון די הימנען וועלען מיט אַ גרעסערע באַגייסטערונג זיך הייבען צום הימעל".

אַ טרויעריגע פּאַסירונג האָט דעם דיכטער שוין אין זיינע מיטעלע יאָהרען געבראַכט צוריק צום געדאַנק וועגען זיין לעבען און זיין יוגענד אין דעם קרייז פון זיין גליקליכער פאַמיליע. דאָס איז געווען דער פּלוצלינגער טויט פון זיין עלטערער טאָכטער אין דעם יאָהר 1843. אין דעם מאָנאַט פעברואר פון דעם זעלבען יאָהר האָט זי געהייראַט און אין סעפּטעמבער איז זי דורך אַ צופאַל דערטרונקען געוואָרן שיפענדיג זיך אויף דעם סעין. איהר מאַן, שאַרל וואַקערי, איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער אַריין נאָך איהר, אָבער ווען אַלע זיינע אָנשטרענגונגען צו ראַטעווען זי האָבען ניט גע־האָלפען, האָט ער זיך אַליין אויך דערטרונקען. די גאַנצע סעריע פּאָעמען „לע קאָנטעמפּלאַסיאָן", וועלכע פאַנגט זיך אָן מיט דעם פערז: „אַך, איך בין געווען ווי משוגע אין דעם ערשטען מאָ־מענט!" דאַרף באַטראַכט ווערען אַלס אַ טייל פון זיינע „הערבסט־בלעטער".

אין דער סעריע באַגעגנען מיר קליינע סצענעס, וואָס זיינען זעהר איינפאַך, אָבער אין דער זעלבער צייט זעהר שעהן און מיט טיעפען ערנסט באַשריבען:

„פון קינדערווייז אָן האָט זי געהאַט אַ געוואוינהייט אַלע אין־דער־פריה אַריינצוקומען צו מיר אין צימער אַריין. איך פלעג אויף איהר וואַרטען, ווי מען וואַרט אויף אַ שטראַהל פון דער זון: זי פלעגט אַריינ־געהן און זאָגען: „גוט־מאָרגען, טאַטעשע!" — פלעגט נעמען מיינע פעדערס צום שרייבען, פלעגט פאַנאַנדערעפענען מיינע ביכער, זיך זע־צען אויף מיין געלעגער; פלעגט פאַנאַנדערוואַרפען מיינע פּאַפּיערען און לאַכען; נאָכדעם פלעגט זי פּלוצלינג אַרויסלויפען, ווי עס פליהט אַרויס אַ פויגעלע. דאַמאָלס פלעג איך זיך מיט אָן עטוואָס ווענינער איינגעמוטען קאָפּ זיך נעהמען פאַר דער איבערגעריסענער אַרבייט און ביים שרייבען פלעג איך געפינען צווישען מיינע כתב־ידים דאָ און דאָרטען די דריידלאַך, וואָס זי האָט געמאַכט מיט איהרע הענטלאַך און ניט איין ווייסען בלאַט פּאַפּיער, וואָס זי האָט צוקנייטשט; אויף דעם פּאַפּיער, — איך ווייס ניט פאַרוואָס — פלעגען ביי מיר שטענדיג אַרויס־

קומען די בעסטע פערזען. זי האָט ליעב געהאָט גאָט, בלומען, די שטע־רען, גרינע לאַנקעס; זי איז פריהער געווען אַ גייסט איידער זי איז געוואָרען אַ פרוי. איהר קוק האָט אָפּגעשפּיגעלט די קלאָרקייט פון איהר נשמה. זי פלעגט אַלע מאָל און וועגען אַלץ זיך האַלטען אָן עצה מיט מיר. אַך, וויפיעל גליקליכע און נחת־דיגע ווינטערדיגע אָוועַנדען האָבען מיר פאַרבראַכט צוזאַמען שמועסענדיג וועגען שפראַכען, וועגען געשיכטע, וועגען גראַמאַטיק... מיינע פיער קינדער, צוזאַמענגעהוטיעט אויף מיינע קניע, זייער מוטער דאָ דערביי, נאָהענט עטליכע גוטע פריינד ביי אַ שמועס אַרום קאַמין! אָט דעם לעבען אונזערען פלעג איך רופען — זיין צופריעדען מיט ווייניג!" *).

עס איז אַזוי אונגעקינסטעלט, אַז אפילו אין אַ פּראָזאאישע איבערזעצונג פיהלט מען די פּאָעזיע פון דעם בילד.

נאָך שעהנער איז, פיליכט, אָט די פּאָעמע:

„אַך, זכרונות! דער פריהלינג! דער פריהמאָרגען! אָן איידע־לער, אומעטיגער שטראַהל, אָבער ער דערוואָרעמט די נשמה! — ווען זי איז נאָך געווען קליין און איהר שוועסטער נאָך גאָר אַ נפש׳ל.... ווייסט איהר יענע טעראַסע אין דעם טאָל, וואָס פאַראייניגט מאַנליגאָן מיט סען־לע, וועלכער לאָזט זיך אַרונטער צווישען דעם טונקעלען וואַלד און דעם בלויען הימעל? — דאָרטען האָבען מיר געוואוינט. ווער פאַרזונקען, מיין האַרץ, אין אָט דער פּרעכטיגער פאַרגאַנגענהייט! איך פלעג הערען ווי זי שפּיעלט זיך שטילערהייט אין־דער־פריה הינטער מיין פענסטער. זי פלעגט אָהן טומעל אַרומלויפען איבער דעם טוי, מורא־האָבענדיג מיך אויפצואוועקען; איך אָבער האָב ניט געוואַגט צו עפענען דעם פענסטער אויכ מורא זי זאָל ניט אַנטלויפען. איהרע ברידערלאַך פלעגען לאַכען. — קלאָרער פריהמאָרגען! אַלץ האָט געזונגען אונטער די פרישע בוימלאַך, מיין געזינד האָט צוגעזונגען מיט דער נאַטור און מיינע קינדער מיט די פויגעלאַך! איך פלעג אַ הוסט טאָן און זיי פלעגען ווערען ביי זיך שטאַרקער; זי פלעגט מיט קלייניטשקע טריט אונ־טערהויבען זיך צו מיר צו און מיט אַ זעהר ערנסטען טאָן זאָגען: „איך האָב די קינדער איבערגעלאָזען אָנטאָן!" זייבען איהרע האָר געווען גוט צו שלעכט פאַרקאַמט, איז מיר געוועזען פרעהליך צו זומע־

*) פון הוגאָ׳ס „לע קאָנטעמפּלאַסיאָן", באַנד 2, זייט 21.

פיג אויפ׳ן האַרצען — איך פלעג אַלע מאָל זיין אַנטציקט מיט איהר. זי איז געווען מיין פעע, דער איידעלער שטערן פון מיינע אויגען! מיר פלעגען זיך שפּיעלען דעם גאַנצען טאָג. אַך, וואונדערבאַר שפּילען! אַך, ליעבע שמועסען! אין אָוועגד, אַלס די עלטערע פון די קינדער, פלעגט זי מיר זאָגען: „פּאַפּאַ, קום! מיר ווילען דיר ברענגען אַ שטוהל, דערצעהל אונז אַ מעשה׳לע; גוט?״ און איך פלעג זעהן ווי אַט די אַלע גן־עדן בליקען שיינען פון שמחה וואַרטענדיג. דאַמאָלס פלעג איך נעמען אַנפּאַקען בלוטיגע שחיטות, שאַפען אַ טויפּזיניגע מעשה׳לע, וועמענס העלדען איך פלעג געפונען אין די שאָטענס אויף דעם סופיט. און יעדען מאָל פלעגען די פיער קליינע קעפּעלאַך לאַכען, ווי עס לאַכט זיך נאָר אין זייערע יאָהרען, הערענדיג ווי שרעקליכע, זעהר נאַרישע גיגאַנטען פלעגען ווערען באַזיעגט פון שאַרפזיניגע קליי־ נינקע מענשעלאַך־ליליפּוטען. איך פלעג זיין דער אַריאָסט און דער האָמער פון דער פּאָעמע, וואָס פלעגט זיך אָבער אויסגיסען פון דער זעל־ בער נשמה. ווען איך פלעג רעדען, פלעגט זייער מוטער צוקוקען זיך ווי זיי לאַכען און זיך טיעף פאַרטראַכטען. זייער זי־דע, וועלכער פלעגט זיצען און לייענען אין אַ ווינקעל, פלעגט אַמאָל אויפהויבען אויף זיי די אויגען און איך האָב דורכ׳ן טונקעלען פענסטער געקוקט אויף אַ שטיקעל הימעל״.

אין דעם קינדערשען אָווענד־געבעט, אין דער באַריהמטער „תפילה פאַר אַלעמען״, ניט נאָר פאַר דעם פאָטער און די מוטער, נאָר אויך פאַר די אָרימע, די פאַרשטויסענע און די רשעים, איז דער באַגריף „פאַמיליע״ געוואָרען זעהר ברייט און האָט אַרומ־ גענומען די גאַנצע מענשליכע משפּחה. אין די „הערבסט־בלעטער״ האָט מענשליכקייט געפונען אַזאַ אויסדרוק, ווי אונמענשליכקייט האָט געפונען אַן אויסדרוק אין די „מזרח־פּאָעמען״.

ווען דער דיכטער זיצט פאַר׳חלומ׳ט אליין, און זיין פאַנטאַזיע לאָזט זיך אַרונטער אויף דער וועלט, דערמאַנט ער זיך פריהער פון אַלץ אַן זיינע אייגענע ליעבע און טייערע; ער זעהט פאַר זיך זיינע פריינד איינעם נאָך דעם אַנדערען, נאָכדעם אַלע זיינע נאָהענטע און ווייטע באַקאַנטע, נאָכדעם די אונבאַקאַנטע, די מענש־ הייט, לעבעדיגע און טויטע שטערט מיט זייערע באַפעלקערונגען, ביז זיין בליק ווערט פאַרלאָרען צווישען דעם דאָפּעלטען ים,

דעם ענדלאָזען און תהום־לאָזען ים פון צייט און פון רוים. אַט די אונענדליכקייט, צו וועלכער הוגאָ׳ס גרויסער פאַרגענגער, אַנדרע שעניער, האָט זיך פאַרהאַלטען מיט פאַראַכטונג, יענער רעליגיעזער געפיהל, וואָס האָט ניט עקזיסטירט ביים קינד פון דעם 18טען יאָהרהונדערט, טרעט ביי הוגאָ ווידער אַרויס אויסגעלייטערט פון די אָבערגלויבענס פון דער רעאַקציאָנערער עפּאָכע און פאַרנעמט נאָך אַ מאָל דעם פּלאַץ, צו וועלכען ער איז באַרעכטיגט.

דער דיכטער הויבט זיך אויף אויף אַ באַרג ביים ברעג ים און הערט פון דאָרטען אַ דאָפּעלטע שטימע: איינע קומט פון ים און איינע פון דער יבשה. יעדע כוואַליע האָט איהר אייגענעם מורמעל און יעדער מענש זיין אייגענעם קול, זיין געשריי, און די שטימען פון די וועלען און פון די מענשען גיסען זיך צוזאַמען אין צוויי מעכטיגע, הארצרייסענדע כאָרען: דאָס געזאַנג פון דער נאַטור און דער קרעכץ פון דער מענשהייט.

די אונענדליכקייט אין די דאָזיגע פּאָעמען איז שוין ניט מעהר יענער געשפּענסט, וועלכען מיר באַגעגענען ערטערווייז אין די „אָריענטאַלען“; זי איז דער ים, אין וועלכען עס איז נאַטירליך און, ברויכענדיג דעם באַוואוסטען אויסדרוק פון לעאָפּאַרדי, עס איז ז י ס צו ליידען פון אַ צושמעטערטען שיף.

אין די „בין־השמשות ליעדער“, להיפּוך פון דער פריהערדיגער זאַמלונג, גיט זיך הוגאָ מעהר ניט אָפּ מיט זיין פּערזענליכען לע־בען. דאָס זיינען מעהרסטענס פּאָליטישע פּאָעמען. זיי זיינען אַ מין טאָג־בוך פון די פּאַסירונגען פון די עטליכע יאָהר איידער זיי זיינען געדרוקט געוואָרען. הוגאָ האָט, ווי באַוואוסט, אָפט גע־ענדערט זיין פּאָליטישען שטאַנדפּונקט. אין זיינע יונגע יאָהרען איז ער געוועזען אַ מאָנאַרכיסט, אָבער אויף דער עלטער איז ער געוואָרען אַן אָנהענגער פון אַ סאָציאַלער רעפּובליק. זיין מוטער, אַ וואַרעמהערציגע ברעטאָנערין, האָט איהם ערצויגען אין דעם גייסט פון די לעגיטימיסטען (די אָנהענגער פון דער „געזעצליכער“ דינאַסטיע); זיין פאָטער, וועלכער איז געוועזען איינער פון נאַ־פּאָלעאָנ׳ס גענעראַלען, האָט געהאַט אויף איהם אַ באָנאַפּאַרטיס־טישען איינפלוס. פון אַן אולטראַ־ראָיאַליסט אין זיינע קינדער־יאָהרען איז ער שפּעטער געוואָרען אַ באַוואונדערער פון נאַפּאָלעאָן.

וועלכער איז מיט דעם פאַרלויף פון די יאָהרען געוואָרען אַ לעגענדאַרישע פערזענליכקייט. אין דעם יאָהר 1830 איז הוגאָ געוואָרען אַן אַנהענגער פון דעם „צוקינפטיגען פרייען שטאַאַט" און האָט דערווייל געשטיצט די קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע אַלס אַ הכנה, אַ „צוגרייטונג" צו יענעם שטאַאַט; ער האָט זאָגאַר ערלויבט, אַז לואי פיליפּ זאָל איהם מאַכען פאַר אַ „פּער פון פראַנקרייך" (אַ הויכער אַדעליגער) און האָט אַנגענומען דעם קעניג'ס שטיצע, ביז מען האָט, אין דעם יאָהר 1845, געמאַכט אַ פאַרשלאַג אין דעם הערען־הויז, אַז מען זאָל איהם אויסשליסען צוליעב אַ סקאַנדאַליעזע ליעבע־געשיכטע (זיין אַריינרייסען זיך צו מאַדאַם בריאַר אין יולי פון יענעם יאָהר). אַרום יענער צייט איז ער געווען אַן אָפּאָזיציאָנעלער ראָיאַליסט.

אין זיינע פּאָעמען זינגט ער שבחים צו די יולי־טעג און די מאַרטירער פון יענער רעוואָלוציע און דריקט אויס זיין שטאַרקען פאַרדרוס דערפאַר, וואָס דער דעפּוטאַטען־קאַמער האָט זיך ענטזאָגט צו ערלויבען מען זאָל נאַפּאָלעאָנ'ס קערפּער צוריקברענגען קיין פראַנקרייך, — אַ פאַרשלאַג, געגען וועלכען די קעניגליכע פאַמיליע האָט גאָר ניט געהאַט דאַגעגען און וואָס איז שפּעטער דורכגעפיהרט געוואָרען פון פּרינץ זשואַנוויל. די פּאָעמע געגען דייטש'ן, וועלכער האָט פאַר געלד איבערגעגעבען אין די הענט פון לואי פיליפּ'ס רעגירונג די הערצאָגין דע־בערי („דער מאַן, וועלכער האָט אַ פרוי אַרויסגעגעבען"), פאַלט אַן אונדירעקט ניט נאָר אויף פּיער'ן נאָר אויך אויף דעם קעניג אַליין.

בכלל איז זיין אָפּאָזיציע געווען מעהר באַגרינדעט אויף סאָציאַלע סימפּאַטיען, ווי אויף פּאָליטישע. די ענטוישונג, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט געפיהלט איבער די זעהר קליינע רעזולטאַטען, וואָס די יולי־רעוואָלוציע האָט פאַר איהם געבראַכט, און דער טיעפער האַס, וואָס די מאַסען האָבען געפיהלט צו די רייכערע קלאַסען, האָבען זיך אויסגעדריקט ביי הוגאָ אין אַזעלכע פּאָעמען, ווי „דער באַל אין דעם שטאַדט־ראַט־הויז". ער האָט אין דער פּאָעמע מייסטערהאַפט געשילדערט בילדער פון גאַסען־פרויען, וועלכע שטעהען אויסגעפּוצטע, שעהנע און האַלב־נאַקעטע, ווי די דאַמען, וועלכע פאָהרען אויפ'ן באַל, „מיט בלומען אין זייערע האָא

מיט בלאַטע אויף זייערע שיך און מיט אַ שנאה אין זייערע הער־צער" און קוקען זיך צו ווי די קאַרעטעז קומען אַן. זיין אונבאַשטימ־טע מורא און אומרוהיגקייט, זיין וואַרעניש צו די געקרוינטע קעפּ פון אייראָפּאַ, אַז זיי זאָלען באַצייטענס זיך פאַרזיכערען מיט פריינד צווישען דאָס פאָלק, צייגען, אַז דער דיכטער האָט אָנגעטאַפּט דעם דופק פון דער צייט.

די נאָהענטע שיכות צווישען הוגאָ'ס שריפטען און דעם גייסט פון דער צייט צייגט זיך אַמבעסטען אַרוים פון דעם, וואָס די רע־גירונג פון לואי פיליפּ האָט פאַרבאָטען פאַרצושטעלען זיינע דראַ־מען מיט ניט װעניגער שטרענגקייט פון דער לעגיטימיסטישער רעגירונג (פון די רעסטאַוורירטע בורבאָנען). אמת, מען האָט גע־שפּילט „ערנאַני" דורך דער צייט פון דער רעסטאַוראַציע; שאַרל דער צעהנטער האָט אויף דער פאָדערונג מען זאָל עם פאַרבאָטען וויציג געענטפערט, אַז וואָס איז שייך דעם טעאַטער, איז זיין אייגענער פּלאַץ נאָר צווישען דעם פּובליקום. אָבער טראָץ דעם, וואָס ער האָט זיך פערזענליך גוט פאַרהאַלטען צו וויקטאָר הוגאָ, האָט ער דאָך פאַרבאָטען צו שפּילען „מאַריאָן דעלאָרם" דערפאַר, וואָס מען האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס פאַרשטעלען פון לואי דעם דרייצעהנטען'ס פאַרהאַלטען זיך צו רישעליו (דעם באַריהמטען מיניסטער־קאַרדינאַל) קען נאָך אויסגעטייטשט ווערען אַלס אַ רמז אויף זיין אייגענער הכנעה פאַר די גייסטליכע. דער דאָזיגער פאַר־באָט איז שוין לאַנג געווען אָפּגעשאַפט ווען די רעגירונג פון לואי פיליפּ האָט, אייגענטליך אונגעזעצליך, פאַרבאָטען פאַרצושטעלען הוגאָ'ס פּיעסע „דער קעניג מאַכט זיך פרעהליך".

אויף דעם פּראָצעס, וואָס האָט זיך צוליעב דעם אָנגעפאַנגען, האָט הוגאָ געמאַכט די פאָלגענדע שטעכעדיגע באַמערקונג:

„נאַפּאָלעאָן איז אויך געווען אַ דעספּאָט, אָבער ער האָט זיך אַנדערש אויפגעפיהרט. ער האָט ניט אָנגעווענדעט קיינע פון די שמירה־מיטלען, דורך וועלכע מען נעמט ביי אונז יעצט אַזוי קונ־ציג צוביסלעכווייז צו אַלע אונזערע פרייהייטען איינע נאָך דער אַנדערער. ער האָט עס אַלץ געטאָן מיט איין מאָל, מיט איין קלאַפּ; דער לייב האָט ניט די געשיקטקייט און די בריה'ישקייט פון דעם פוקס. נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט: אין אַזאַ־און־אַזאַ טאָג

וועט פאַרקומען מיין אריינפאָהר אין דער אָדער יענער הויפּטשטאָדט, און דער אריינפאָהר פלעגט פאַרקומען פּינקטליך אין דעם באַשטימטען טאָג און אין דער באַשטימטער שטונדע. מען פלעגט ארונטערוואַרפען אַ קעניגליכע משפחה דורך אַ מאַניפעסט אין דעם „מאָניטיעי" (נאַפּאָלעאָנ'ס אָפיציעלע צייטונג). מען פלעגט צווינגען אַלערליי קעניגע צו שטיקען זיך און וואַרטען אין די פאַרצימערען. ווען מען האָט געוואָלט אויפשטעלען אַ מאָנומענט, פלעגט מען צווינגען דעם עסטרייכישען קייזער ער זאָל דערפאַר צושטעלען קופּער. מען פלעגט רעגולירען — אמת, טאַקען שוין אביסעל צו־פיעל מעשה־באַלעבאָס — דעם לעבען פון די אַקטיאָרען אין דעם „טעאַטער פראַנסוא", אַבער דער רעגלאַמענט איז גע־דאַטירט געוואָרען אַזש אין מאָסקווע. אין יענע צייטען פלעגט אַלץ געטאָן ווערען גראַנדיעז, אַבער יעצט טוט מען אַלץ אויף אַ קליינליכען וועג".

די ווערטער דריקען אויס דעם יסוד פון הוגאָ'ס אידעען אַלס פּאָליטישער דיכטער אין אָנפאַנג פון די דרייסיגער יאָהרען.

דערווייל האָבען זיינע יונגע גוטע־פריינד, וועלכע האָבען זיך ארום איהם געגרופּירט, אָנגעפאַנגען צו ווערען באַריהמט. כמעט אַלע, וועלכע פלעגען זיין אָפטע אריינגעהער ביי איהם אין הויז, האָבען שפּעטער ענטדעקט אין זיך פּאָעטישע טאַלאַנטען. הוגאָ פלעגט אַמאָל בעטען סענט־בעוו'ן ער זאָל עפּעס דעקלאַמירען, און נאָכדעם ווי ער פלעגט זיך לאָזען לאַנג בעטען, איינרייידענדיג דערביי די קליינע לעאָפּאָלדין אָדער שאַרלאָ זיי זאָלען בשעת־מעשה מאַכען וואָס מעהר טומעל, פלעגט סענט־בעוו דורכדעקלאַמירען פאַר דער פאַרזאַמעלטער חברה איינציגע פון זיינע שעהנע, מאַניערליכע ליעד־לאַך. זיין שוואָגער, פּאָל פושעי, האָט געבראַכט צו הוגאָ אין הויז אריין דעם זיבעצעניאָהריגען אַלפרעד דע מוסעי. איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען איז מוסעי אַרויף צו סענט־בעוו אין זיין אויבערשטיבעל, וואו ער האָט געוואוינט, האָט איהם אויפגעוועקט און האָט שמייכ־לענדיג פון פאַרשעמטקייט געזאָגט: „איך שרייב אויך ליעדער".

די ליעדער, וואָס ער האָט געשריבען, זיינען געוואָרען וועלט־באַריהמט.

ווען מען זאָל אין פראַנקרייך פרעגען ווער עס איז, אַ פּשוט'ן

מענשען, למשל, א בעל־מלאכה, אדער, צווישען די שרייבער, א ראָמאַנטיקער, אדער א „פּאַרנאַסיאַנער" (א קלאַסיקער): „ווער איז אין פראַנקרייך דער גרעסטער דיכטער פון אונזער צייט?" — וואָלט ער אָהן ספק געענטפערט: „וויקטאָר הוגאָ". זאָל מען אָבער די זעלבע פראַגע שטעלען פאר א מענשען פון די העכערע בורזשואַזע אדער שטאַאַטס־בעאַמטע קרייזען, פאַר א געלעהרטען אדער פאַר א מיטגליעד פון דער יונגער נאַטוראַליסטישער שולע, אדער ווען מען זאָל זיך ווענדען מיט דער פראַגע צו די דאַמען, וועט מען זעהר וואהרשיינליך באַקומען דעם ענטפער: „אַלפרעד דע־מוסעי". אויף וואָס איז אָט די מיינונגס־פאַרשיידענהייט באַגרינדעט און וואָס באַדייטעט זי?

אַלפרעד דע־מוסעי איז צום ערשטען מאָל ארויסגעטראָטען אין יאַנואַר 1830, ווען ער איז אַלט געווען ניינצעהן יאָהר, מיט זיינע „שפּאַנישע און איטאַליענישע מעשיות" א סעריע ערצעהלונגען אין גראַמען, וואו די טעמעס און די איינצעלהייטען זיינען אַזעלכע, אַז מען קען זיי קוים איבערדערצעהלען. אין די גרעסערע פון זיי קומט אויף יעדען טראָט פאַר באַטרוג („דאָן פּאַעז", „פּאָרציאַ", א. א. וו.); א פרוי נאַרט איהר מאַן, א פאַרליעבטע פאַרראַט איהר פאַרליעבטען, א פאַרליעבטער איז מכבד זיין גוטען פריינד מיט זיין מיידעל, א גראַפין ווייס גאָר ניט וועגען איהר פאַרליעבטען אויסער דעם, אַז ער האָט ערמאָרדעט איהר אַלטען מאַן; אין די ערצעהלונגען ווערען באַשריבען די חיה׳שע תענוגים, צוליעב וועלכע מענשען שניידען איינע די אַנדערע די קעפּ; תאוה פון זעכצעהניאָהריגע קינדער, וועלכע ווייסען ניט פון איינגעהאַלטענקייט און פון חרפּה; די אויסגעלאַסענקייט פון עובר־בטלים, וועלכע מוזען צוליעב שוואַכקייט געברויכען ליעבע־טראָפּענס און וועלכע הערען שוין די שטימע פון זייערע גסיסה אין זייערע בהמה׳שע פאַרגעניגענס; און צווישען דאָס אַלעס זיינען דאָ ליעדער, וועלכע ברענען מיט ליידענשאַפט, ווילדקייט און חוצפּה. שעקספּיער׳ס ערשטע ווערק זיינען ניט מעהר אויסגעלאַסען ווי די ערצעהלונגען, און אין די לעצטע איז, חוץ דעם, די אויסגעלאַסענקייט ניט קיין נאַאיווע, נאָר א מעהר העזה׳דיגע און ראַפינירטע. אויסער דעם איז אין זיי דאָ א שטענדיגער שפּיגלען זיך מיט אַפּיקורסות צוזאַמענ־

געמישט מיט משונה־דיגע אונבאַוואוסטזיניגע ודויים וועגען אייגענער שוואַכקייט און ערטערוויַיז מיט אַ בענקעניש נאָך דער קירכע און נאָך דער נחמה פון דעם צלם.

איי‏ניגע האָבען דעם בוך באַטראַכט אַלס אַ סקאַנדאַל, מעהר אָבער האָבען איהם ענטוזיאַסטיש געלויבט. אויף די יונגע מענשען פון די ליטעראַרישע קרייזען האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אַנדער סאָרט ראָמאַנטיזם, אַ פרייערער, וועניגער דאָקטרינערעריש, ווי וויקטאָר הוגאָ׳ס. דאָ האָט זיך געזעהן נאָך אַ שאַרפערער אַרויסרוף געגען דעם קלאַסיציזם מיט זיינע כּללים וועגען דעם בוי פון די פערזען, אָבער דער אַרויס־רוף איז געווען אינגיליש־פרעהליך און וויציג, ניט קריגעריש, ווי ביי הוגאָ. נאָך אַן עלעמענט, וועלכער האָט אינגאַנצען געפעהלט ביי וויקטאָר הוגאָ און וועלכער איז געווען לויט זיין גייסט מעהר נאַציאָנאַל־פראַנצויזיש ווי אַלע אַנדערע, האָט דעם אַרויסטריט גע־מאַכט לעבעדיגער; דאָס איז וואָס די פראַנצויזען רופען „עספּרי“. אָט דער אַבלאַכענדער, שפּאַס־מאַכענדער ראָמאַנטיזם האָט גע־ווירקט אָפּפרישענד נאָך דעם פייערליכען, ערנסטען ראָמאַנטיזם פון הוגאָ. דאָ זיינען די סצענעס אויך פאָרגעקומען אין שפּאַניען און אין איטאַליען, דאָ איז אויך געווען אַ מיטעלאַלטערישער הינטערגרונד,—וואָרפעריי מיט די שווערדען און סערענאַדען; אָבער דאָס האָט מעהר אויסגענומען מיט דעם, וואָס עס האָט פאַרשאַפט אַ סך מעהר פאַרגעניגען מיט דער צוגעגעבענער פרעהליכקייט, מיט די זייטיגע שפּאַסען, מיט דעם סקעפּטיציזם, וואָס גלויבט ניט אין אפילו אייגענע ווערטער. נעמט, למשל, די באַריהמטע, זעהר ניט־אַנשטענדיגע באַלאַדע צו דער לבנה, וועלכע האָט פאַרשאַפט יסורים די קלאַסיקער מיט דעם בוי פון איהרע פערזען און די ראָמאַנטיקער מיט איהר אומ־כּבוד־יגען באַהאַנדלען פון דער לבנה, זייער גרעסטען ליעבלינג. דאָס איז געווען אַ באַלאַדע, וועלכע האָט פּאַראָדירט איהר אייגענעם סטיל; עס דוכט זיך, אַז דער שרייבער געהט אין איהר אויף די הענד, וואָרפענדיג קושען אויף אַלע זייטען צו זיינע לעזער.

הוגאָ׳ס העלדישער האַלטען זיך און די גיגאַנטישע שריט, וואָס ער האָט געמאַכט אין זיין פּאָעזיע, האָבען אַרויסגערופען יראת־

הכבוד; זיין קרעפטיגע רעטאָריק האָט געשאַפען רעספּעקט און באַוואונדערונג; אָבער די וואונדערבאַרע צולאָזענע חנ׳עוודיגקייט ביי דע מוסעי, אָט דער געניאַלער חוצפּה׳שער אויסלאַכען זיך, האָט געהאַט אַ באַפרייענדע און אין דערזעלבער צייט צוציהענדע ווירקונג. עס האָט געהאַט אין זיך עטוואָס טייוועלשעס, געגען וואָס מען קאָן זיך ניט ווערען, אַזוינס, אויף וואָס פרויען זיינען בכלל די בעסטע מבינים און אין דעם פאַל האָבען זיי עס די ערשטע אָפּגעשאַצט. דע מוסעי האָט געשריבען וועגען פרויען, שטענדיג וועגען פרויען, און ניט, ווי הוגאָ, ווי אַ יונגערמאַן, וועלכער איז פריה געוואָרען געזעצט און סטאַטעטשנע, מיט אַ קאַוואַליערישער צערטליכקייט, מיט אַ ראָמאַנטישע גאַלאַנטקייט, — ניין, ער האָט געשריבען מיט אַ ליידענשאַפט, מיט אַ שנאה, אַ ביטערקייט, אַ פאַרביסענקייט, וועלכע צייגען, אַז ער האָט זיי פאַראַכטעט און פאַרגעטערט, אַז זיי האָבען געקאָנט צווינגען איהם צו קאָרטשען זיך און צו שרייען ווי אַ גוסס און אַז ער האָט דערפאַר זיך נוקם געווען אַן זיי מיט שטורעמדיגע באַשולדיגונגען און בייסענדען שפּאָט.

דאָ איז ניטאָ קיין געזעצטקייט, קיין געזונטקייט פון די חושים, קיין מאָראַלע שעהנקייט, נאָר יונגקייט, קאָכעדיגקייט און זודיגקייט, אַן אונגלויבליך אינטענסיווער לעבען, וואָס איז אונמעגליך צו באַשרייבען בעסער, ווי מען האָט אַמאָל באַשריבען אַ העל־רויטען קאָליר פאַר אַ בלינד־געבאָרענעם, וועלכער האָט אויסגעהערט די באַשרייבונג און געזאָגט: „הייסט עס, ס׳איז ענליך צום קלאַנג פון אַ טרומפּייט”. און אין דער דאָזיגער פּאָעזיע איז געווען עטוואָס אַזוינס, וואָס דערמאָנט דאָס בלאָזען פון אַ טרומייט, עטוואָס, וואָס דערמאָנט העל־רויטס. עס איז גאַנץ ריכטיג, אַז די שעהנקייט אין קונסט איז אונשטערבליך; אָבער עס איז דאָ אַ זאַך, וואָס איז נאָך זיכערער אונשטערבליך; דאָס איז דער לעבען אַליין. אָט די ערשטע פּאָעמען פון מוסעי האָבען געלעבט. נאָך זיי זיינען געקומען זיינע געזעצטערע, פּראַכטפולע ווערק, און דער קרייז מענשען, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען זיינע מעלות, איז ברייטער געוואָרען. אין דר פּאָעמע „נאָכ׳ן איבערלייענען” האָט ער אַליין באַשריבען זיין קונסט אַזוי:

„דער, ווענען עס איז ניט אויסגעקומען, ווען א ווינטעל קרעכצט טיעף אין וואלד מיט א פארטוויבטער שטימע פול מיט צארטען, טיעפען אנגסט, ארויסצוגעהן איינער אליין זינגענדיג א ניגונ׳דעל, פיהלענדיג זיך מעהר משוגע, ווי אפעליא מיט דעם ראזמארין־קראנץ אין איהרע האר; פיהלענדיג זיך מעהר מטורף פון דעם פאזש (א יונגער אריסטאקראט אין דיענסט פון דעם קעניג אדער קעניגין), וועלכער האט זיך פארליעבט אין א פעע און געהט מיט א טאמבורין (א קליינער פייקעל) אין זיין צוקנייטשטען הוט:

„ביי ווענען עס איז ניטא קיין היים און אייביג ליעבענדע נשמה; דער וואס באטראכט עס ניט פאר זיין איינציגער צופרי־דענהייט, פאר זיין איינציגען גליק אנצושפארען זיין פאר׳חלומ׳טען שטערען אן אנאנדער שטערען, א יונגען און פרישען, מיט א שמע־קענדיגען צאפ־האר און פיהלען ווי אין זיין הארצען דרינגט אריין דער חיות און די שעהנקייט פון דעם פראכטפולען קעפעל;

„ווענען עס איז ניט אויסגעקומען אין די הייסע נעכט, וועל־כע מאכען דעם שטערן ווענום בלייך פון ליעבע, פלוצלינג, אהן א סיבה, אויפשפרונגען און מיט בארוויסע פיס ארומגעהן, בעטען, וויינען מיט שטרוימען טרערען און צוזאמענברעכען מיט ציטערנ־דע הענד פאר דעם אין־סוף, מיט א הארץ, וואס איז פול מיט רחמנות און טיעפע אונבאקאנטע ליידען; —

„יענער זאל שמירען פאפיער און אויסבעסערען זיין שמירעריי וויפיעל עס גלוסט זיך איהם; זאל ער, וויפיעל דאס הארץ זיינס פארלאנגט, זוכען פאסענדע גראמען און אויסארבייטען זיינע אנטי־טעזען אזוי לאנג ביז ער וועט אזוי צוקומען אזש ביז פער־לאשען, נאכשלעפענדיג נאך זיך אלע שוטים פון דער וועלט; ער איז א גרויסער מענש, גאנץ געוויס, אבער קיין דיכטער איז ער בשום אופן ניט".

דער אנצוהערעניש וועגען די, וואס פוצען אויס זייערע גערדיכטע מיט אנטיטעזען, איז א רמז אויף הוגא מיט זיין שולע און אין איהם איז דא א כמעט אונבאוואוסטזיניגער געפיהל פון העברעקייט, וואס דער אמת׳ער לירישער דיכטער האט געגען דעם געניאלען בעל־מליצה. די צו־שטארקע באגייסטערונג גופא

פאַר פּאָעזיע ציינט ארויס א פּאָעטישען זעלבסט־באַוואוסטזיין, וואָס דערמאָנט אונז אָן געטע׳ס „וואַנדערער׳ס שטורמליעד“.

און וואָס מעהר דע מוסעי האָט זיך אַנטוויקעלט אַלס קינסט־לער און אַלס מענש, אַלץ מעהר האָבען זיך אין איהם ארויסגעוויזען מעלות, וואָס האָבען איבערגעשיינט די מעלות פון וויקטאָר הוגאָ. ער האָט געוואונען די הערצער פון דעם לעזענדען פּובלי־קום מיט זיין טיעפער מענשליכקייט. ער האָט זיך מודה געווען אויף זיינע שוואַכקייטען און חסרונות. הוגאָ האָט געפיהלט עס אַלס זיין חוב צו זיין אונפעהלבאַר. מוסעי איז ניט געווען אַזאַ וואונדערבאַרער קינסטלער פון פערזען; ער האָט ניט געקענט, ווי וויקטאָר הוגאָ, שמידען דעם שפּראַך־מעטאַל און אריינזע־צען ווערטער־דימענטען אין א גאָלדענע איינפאַסונג. ער פלעגט שרייבען נאַכלעסיג, פלעגט מאַכען זיינע גראַמען ווי עס־מאַכט־זיך אפילו נאָך מעהר פון היינע; ער איז אָבער קיינמאָל ניט געווען קיין רעטאָריקער, א בעל־מליצה, נאָר שטענדיג א מענש. אין זיינע פריידען און אין זיינע שמערצען איז שטענדיג געווען אַן אמת־דיגקייט, וואָס האָט אויסגעזעהן צו זיין אָן אייביגע. ווען מען זאָל איינע פון זיינע פּאָעמען ארויפוואַרפען אויף א פּעקעל פּאָעמען פון אַנדערע שרייבער, וואָלט זי געהאַט אויף זיי די ווירקונג פון שיידעוואַסער; אַלץ אין פּעקעל וואָלט פאַרברענט געוואָרען אָדער זיך אויסגעוועבט ווי בלויז פּאַפּיער און ווערטער; נאָר זיין פּאָ־עמע וואָלט געבליבען ברענענדיג און הילכענדיג מיט איהר שניי־דענדען אמת, ווי דער געשריי פון א מענשליכער נשמה.

ווי אַזוי איז עס דאָך פאַרגעקומען, אַז ניט ער, נאָר הוגאָ איז געוואָרען דער פיהרער פון דער יונגער ראָמאַנטישער שולע?

די פראַגע קען מען ענטפערען איבערשטעלענדיג די ווערטער פון דער לעצטער שורה אין דער ערשט ציטירטער פּאָעמע און זאָגען: „ער איז א פּאָעט, גאַנץ געוויס; אָבער א גרויסער מענש? — בשום אופן ניט“.

טראָץ דעם, וואָס הוגאָ האָט דורך זיין לאַנגען לעבען אַנגע־נומען אויסערגעוועהנליך פילע פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטען איבער פּאָליטישע און רעליגיעזע פראַגען, האָט זיך אָבער לייכט באַמערקט א געוויסע גלייכע, ניט־געבראָכענע ליניע אין דער אַנטוויקלונג

פון זיין גערעכנגענעג, וועלכע האָט זיך געהאַלטען ביי אַ באַשטימ־
טע נאָרמע, און, וואָס איז נאָך כמעט וויכטיגער, ער האָט שטענדיג
געהאַנדעלט מיט זעלבסטווירדע. וויקטאָר הוגאָ האָט שטענדיג
שווער געאַרבייט, אַלפרעד דע מוסעי איז געווען אַ גרויסער פוילענ־
צער. וויקטאָר הוגאָ איז געווען אַן אויסגעצייכענטער באַלעבאָס,
וועלכער האָט געוואוסט ווי מיט דער גרעסטער אויסגערעכענט־
קייט אויסצונוצען זיינע גרויסע פאָעטישע אוצרות. ער האָט ניט
פאַרשווענדט זיינע פעהיגקייטען אָהן אַ טאַלק, נאָר ער האָט זעהר
פאָרזיכטיג איינגעהיט זיינע פיזישע ווי אויך זיינע גייסטיגע כחות.
דע מוסעי איז געווען ביז־צום־גאַר לייכטזיניג און אָבגעלאָזען;
ער האָט ניט אַכטונג געגעבען אויף זיין געזונט און האָט שוין
אין זיין יוגענד זיך אָפּגעגעבען מיט שכורו'ז. הוגאָ האָט געהאַט
די פעהיגקייט צו מאַכען זיך אַליין פאַר אַ מיטעלפּונקט, צוזאַמענ־
צונעמען ארום זיך אַנדערע, צובינדען מענשען צו זיך און ארויס־
צוטרעטען אַלס זייער ראש און פיהרער. מוסעי איז אַלס וועלט־
ליכער מענש געווען אַן אויסגעצייכענטער חבר, אָבער אַלס קינסט־
לער האָט ער בשום אופן ניט געקענט זיך איינשפּאַנען און שלעּ־
פען די זעלבע לייצעס מיט אַנדערע. הוגאָ האָט פאַרמאָגט אַן אונ־
ענדליכען גלויבען אין זיך אַליין, וועלכער פלעגט שאַפען פאַר
איהם צוטרוי אויך ביי אַנדערע.

דע מוסעי האָט אָנגעפאַנגען מיט אַן ערקלעהרונג וועגען זיין
איינענער זיכערער העבערקייט, מיט ארויסווייזען די שטאַרקסטע
אַפּיקורסות בנוגע צו רעליגיאָן און די גרעסטע גלייכגילטיגקייט צו
פּאָליטישע פראַגען, אָבער הינטער דער אַפּיקורסות און דער גלייכ־
גילטיגקייט מערקט זיך שנעל אַ ניט־מענשישע שוואַכקייט, וואָס
ווערט מיט דער צייט שטאַרק בולט.

לייענט זיין פאַרמאַסקירטען ווידוי אין „דער ווידוי פון אַ קינד
פון דעם יאָהרהונדערט". ער דערצעהלט אונז, אַז ער איז געבאָרן
געוואָרען אין אַ שלימ־מזל־דיגער שעה. אַלץ איז געווען טויט.
נאַפּאָלעאָנ'ס צייט איז שוין געווען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענ־
הייט, און, — אַזוי ווי רוהם וואָלט געווען אונמעגליך אָהן אַן אַ'מ־
פּעריע, — די צייט פון רוהם, זאָגט אונז דער שרייבער, איז אַרי־
בער. דער גלויבען איז געווען טויט. עס איז שוין אפילו מעהר

ניט געווען אזא זאך, ווי צוויי שווארצע שטיקלאך האלץ אין דער פארמע פון א צלם, פאר וועלכע מען זאל קענען פרום פאר׳צלמ׳ען די הענט; און דערפאר זאגט מען אונז, אז די מענשליבע נשמת איז אויך געשטארבען, אזוי ווי עס וואלט גאר קיין הארץ און קיין נשמה ניט געווען ביי מענשען, וועלכע זיינען ניט פארבונדען מיט דעם קאטוילישען סימבאליזם. אנדערע, — זאגט ווייטער דער שרייבער, — וועלכע האבען באגריפען, אז די צייט פון רוהם איז אריבער, האבען פון די רעדנער־ביהנעם ערקלעהרט, אז פרייהייט איז נאך א בעסערע זאך פון רוהם און עהרע, און ביי די דאזיגע ווערטער האבען די הערצער פון דער יוגענד אנגעפאנגען קלאפען, ווי זיי וואלטען זיך אן עטוואס ווייטעס און שרעקליכעס דערמאנט.

„אבער, — זאגט ער ווייטער, — געהענדיג אהיים נאך אט די רעדעס האט די יוגענד באגעגענט א לויה מיט דריי געפלאכטענע מיטות, וואס מען האט געטראגען צו קלאמאר (א בית־עולם); אין די קערב־מיטות זיינען געווען די טויטע קערפער פון דריי יונגעליים, וועלכע האבען צו הויך געלויבט די פרייהייט״;

און, — אזוי ווי פארצוויפעלטער יאוש וואלט געווען די איינציגע זאך, וואס דער טויט פון מארטירער קען ארויסרופען — ער דערצעהלט אונז, אז א מאדנער שמייכעל האט פארקרימט די מיילער פון די יונגעליים און זיי האבען גלייך ווי פון א קדחת זיך ארייגנגעלאזען אין דער משוגע׳נסטער תענוגים־זוכעריי.

דאס איז דער באזיס, דער גרונד געדאנק, אויף וועלכען דער מוסעי האט געמאלען א גאנצע סעריע פון זיינע בעסטע מענערשע טיפען, צווישען זיי אויך אפילו דעם געניאלען כאראקטער־בילד פון לארענצאטשיא. אין זיינע יונגע יאהרען האט ער מיט די זעלבע שטריכען געמאלען „ראללא״, דעם באריהמטסטען פון זיינע כאראקטער־טיפען.

אין קיינע פון מוסעי׳ס פאעמען צייגט זיך די אונזיכערקייט, די וואקעלדיגקייט און דער ווייבערשער כאראקטער פון זיין לעבענס־פלאזאפיע ניט ארוים אזוי בולט, ווי אין „ראללא״.

די איינלייטונג פאנגט זיך אן מיט דער גוט־באקאנטער ליעדעל וועגען דאס בענקעניש נאך דעם אלטען גריכענלאנד מיט זיין פרישקייט און שעהנקייט און נאך דעם אלטען קריסטענטום מיט

זיין ריינער באַגייסטערונג און הייסען גלויבען, נאָך די צייטען,
ווען די קאַטעדראַלען פון קעלן און פון שטראַסבורג, די קירכע
פון דער הייליגער מוטער פון גאָט און פון דעם הייליגען פעטר אין
פאַריז זיינען נאָך פרום געשטאַנען אויף די קניע אָנגעטאָן אין
זייערע שטיינערנע מאַנטלען (איידער מען האָט זיי געבויט) און
דער גרויסער אָרגעל פון די פעלקער האָט געזונגען „הושענא“ צו
די יאָהרהונדערטע.

נאָך דעם קומט די נאָך מעהר באַריהמטע שטעלע:

„אָה, קריסטוס, איך בין ניט איינער פון די יעניגע, וועמען
דער פאַרלאַנג צו תּפילה־טאָן צווינגט מיט ציטערדיגע טריט צו
געהן אין דיינע שטומע טעמפּלען אריין. איך געהער ניט צו די
יעניגע, וועלכע, שלאָגענדיג זיך על־חטא, געהען אויף דעם באַרג
פון דיין תּליה צו קושען דיינע פאַרבלוטיגטע פיס; איך בלייב
שטעהן אין דיינע הייליגע קלויסטערס ווען דיין טרייער פאָלק
קניעט זיך מורמלענדיג אין־דער־שטיל דיין נאָמען אונטער די
קאַנגען זן די געטליכע הימנען, ווי הושענות־בוימלאַך בויגען זיך
פאַר א צפון־ווינטעל. איך גלויב ניט, אָ, קריסטוס! אין דיין
הימליג וואָרט; איך בין צו שפּעט געקומען אויף דער שוין צו־
אַלטער וועלט. א צייט אָהן האָפנונגען שאַפט א צייט אָהן מורא...
די נעגעל פון דיין תּליה קענען דיך קוים אויפהאַלטען. די ערד
אונטער דיין געטליכען קבר האָט איינגעדאַרט; דיין רוהם איז
אָפּגעשטאָרבען, אָ, קריסטוס! און אויף אונזערע צלמים פון שוואַר־
צע האָלץ שיט זיך דיין הימעלשער קערפּער פאַנאַנדער אין שטויב.
אָבער ערלויב דעם אונגלויביגסטען קינד פון אָט דעם אונגלויביג־
סטען יאָהרהונדערט א קוש צו טאָן דעם שטויב און פאַנאַנדער־
צוּוויינען זיך, אָ, קריסטוס! איבער אָט דער קאַלטער ערד, וואָס
האָט געלעבט דורך דיין טויט און וואָלט געשטאָרבען אָהן דיר!“

וויטער קומט די ערצעהלונג. — זשאַק ראָללאַ איז געוועזן
דער צעלאָזענסטער בחור אין דעם צעלאָזענסטען פאַריז.
ער האָט פאַראַכטעט אַלץ און אַלעמען. „קיין בן־אָדם האָט נאָך
קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ גרויסע פאַראַכטונג פאַר דאָס פאָלק און
פאַר דעם קעניג“. ער איז ניט רייך, אָבער זיין חשק צו א לעבען
פון לוקסוס און תּענוגים איז גרויס. דער דרך־העולם, וואָס פאַר

אַנדערע איז עס האַלב פון זייער לעבען, איז פאַר איהם טריפה און איז איהם דערווידער. דערפאַר נעמט ער די קליינע ירושה, וואָס איז איהם געבליבען פון זיין פאָטער, און צוטיילט זי אין דריי חלקים, לייגט עס אַוועק אין דריי באַזונדערע ביימלען ער זאָל האָבען צו לעבען פון דעם געלד דריי יאָהר צייט. ער פאַרשווענדט זיין אייגענס מיט הפקר׳דיגע פרויען אויף אַלערליי סאָרטען משוגעת׳ן און ער מאַכט ניט קיין סוד פון זיין באַשלוס אַריינצושיסען זיך אַ קויל אין שטערען אַריין נאָך דעם, ווי די דריי יאָהר וועלען פאַרבייגעהן.

און דער 22־יאָהריגער מוסעי רופט ראָללאַ מיט די נעמען: דער גרויסער, דער מענש־אָהן־מורא, דער עהרליכער, דער שטאָלצער. זיין ליעבע פאַר פרייהייט — און אונטער דעם וואָרט פרייהייט פאַרשטעהט ער פרייהייט פון וועלכע עס איז אַרבייט, פון וועלכע עס איז פליכטען צום לעבען — מאַכט איהם פאַר אַן אידעאַלען, נאָבעלען מענשען אין די אויגען פון דעם דיכטער.

ווייטער קומט די באַשרייבונג פון דער נאַכט ווען ראָללאַ באַגעהט זעלבסטמאָרד אין אַ זנות־הייזעל, פון די הכנות צו דער זויפעריי, פון דער זעכצעניאָהריגער מיידעל, וועמען איהר אייגענע מוטער פאַרקויפט און ברענגט איהם, — און דער דיכטער פאַגגט דאָ אַן זיין ריהרענדע, קלאָגעדיגע ליעד וועגען דער אָרימקייט, וואָס טרייבט די מוטער צו ווערען אַ זנות־שדכנ׳טע, וועגען דער ביליגער צניעות און היפּאָקריטישער עהרליכקייט פון די גרויסע, וועלכע לעבען גליקליכער, וועגען דער פאַרדאָרבענקייט פון דער געזעלשאַפט בכלל.

אַמענדע קומט דער באַריהמטסטער טייל פון דער פּאָעמע, מיט וועלכען דער דיכטער ווענדעט זיך צו וואָלטעיר:

„שלאָפסטו דו אַ צופריעדענער, וואָלטעיר, און דיין מיאוס׳ער שמייכעל האַלט נאָך אַן אויף דיינע פאַרטרוקענטע ליפּען? מען זאָגט אַז דיין יאָהרהונדערט איז געווען צו יונג צו לייענען דיינע שריפטען; אונזער יאָהרהונדערט דאַרף דיר געפעלען זיין, דיינע תלמידים זיינען געבאָרען געוואָרען. די גיגאַנטישע געביידע, וואָס דו האָסט אונטערגעגראָבען טאָג און נאַכט, איז אַרונטערגעפאַלען אויף אונז. דער טויט האָט געמוזט מיט אונגעדולד וואַרטען אויף

דיר; דו האָסט דאָך גאַנצע אַכציג יאָהר געשפּיעלט זיך מיט איהם. דו זעהסט, אַלטער אַרוע, אַט דעם מענשען, וועלכער איז פול מיט לעבען, וועלכער קושט אַזוי היים אַט די ברוסט? מאָרגען וועט ער ליגען אין אַן ענגען קבר. דו קוקסט אויף איהם מיט קנאה? — זיי רוהיג, ער האָט דיינע שריפטען געלייענט. קיין זאַך קען איהם מעהר געבען ניט קיין נחמה, ניט קיין שטראַהל פון האָפנונג".

וואָס פאַר אַ שייכות האָט וואָלטעיר געהאַט מיט דעם טויט פון אַ קלעגליכען טויגעניכטס, דעם קרבן פון צעלאָזענקייט? קען מען דען דעם גרויסען אַרבייטער האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם זעלבסטמאָרד פון אַ פוילען בעל־תאוה'ניק? איז דען אַט די וועלט פון פוסט־קעפּיגע שוטים און פון פרויען אָהן אַן אייגענעם ווילען — די וועלט, וועגען וועלכער וואָלטעיר האָט גע־טרוימט? וואָלטעיר, וועלכער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון שכל, וועמעס הענט, אויב זיי זיינען שוואַרץ געווען, איז דאָס געווען נאָר פון פּולווער־שטויב; וועמעס לעבען איז געווען אַ שטענדיגער אָנגעשטרענגטער, ענערגישער קאַמף פאַר אַלץ, וואָס איז ליכטיג? איז ער דען שולדיג אין אַט דער עלענדקייט? — און אויב יאָ, — מיט וואָס?

מיט דעם, וואָס ראָללאַ האָט ניט געהאַט קיין דאָגמאַטישען גלויבען.

דאָס ניט האָבען קיין דאָגמאַטישען גלויבען איז פאַר ראָללאַ אַן ענטשולדיגונג פאַר לעבען ווי אַ חיה און שטאַרבען ווי אַ אינגעל. זעהט נאָר, וואָס איז געוואָרען אין אַ משך פון עטליכע יאָהר צייט פון דער חוצפּה'דיגער צו־להכעיס'דיגקייט, מיט וועלכער דער דיכטער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע. די טראַציגקייט האָט זיך פאַר־וואַנדעלט אין אַ שוואַכמוטיגען סקעפּטיציזם, דער אַטעאיזם האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ האָפנונגסלאָזען יאוש.

ווי געזונד, ווי קרעפטיג, ווי ענטשלאָסען און רוהיג איז הוגאָ'ס פאַרהאַלטען זיך אין פאַרגלייך מיט דעם! איז עס יעצט ניט לייכט צו פאַרשטעהן פאַרוואָס, טראָץ אַלע אַנדערע זאַכען, ער האָט פאַר־נומען דעם צענטראַלען פונקט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור? ניט בלויז דער גרויסער טאַלאַנט גיט אַ רעכט אויף אַ פיהרענ־

דע ראָלע אין דער ליטעראַטור; מיט איהם מוז זיין פאַרבונדען א שטאַרקע פערזענליכקייט. ווער עס פיהלט דעם פולס פון דער צייט אין זיין הארץ, ווער עס האָט דעם פעסטען ווילען אויפצונעמען די געדאַנקען און די געפיהלען פון זיין עפּאָכע און אויסצודריקען זיי אין דער ליטעראַטור, דער איז דער געבאָרענער פיהרער און בלייבט עס.

9.

דע מוסעי און זשאָרזש זאַנד.

די ערשטע העלפט פון די דרייסיגער יאָהרען איז נאָך ניט געווען אַריבער און די ליטעראַרישע רעוואָלוציע, וואָס הוגאָ און זיינע פריינד האָבען אָנגעפאַנגען, איז שוין געווען זיעגרייך — דאָס איז ריכטיג, הגם דער נצחון איז דערווייל געווען נאָר אַ גייסטיגער. אַ גאַנץ קליינער מיעוט פון די קולטורעלסטע מענער און די געביל־דעטסטע פרויען אין פראַנקרייך האָט אָנערקענט, אַז דער קאַמף איז שוין אַ געשלאָסענער, אַז די קלאַסישע טראַגעדיע איז טויט, אַז די אַריסטאָטעלישע כללים זיינען געווען אַ טעות, אַז די צייט פון די דיכטער פון דער איבערגאַנגס־עפּאָכע איז שוין געווען פאַר־איבער, אַז דער גייסט פון קאַזימיר דעלאַוויין האָט זיך שוין אויס־געשעפּט און אַז די איינציגע ליטעראַרישע קרעפטען, וועלכע האָ־בען געוואוסט, וואָס זיי ווילען, איז געווען דער דור פון 1830. דער פאַקט, אַז אַ אין אַלע פּרטים עהנליכע באַוועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אויך אין דער מאַלעריי, אין דער סקולפּטור און אין דער מוזיק, האָט קלאָהרער פון אַלץ באַוויזען ווי טיעף און אומ־ווידערשטאַנדליך די ענדערונג איז געווען.

אָבער די, וואָס האָבען דאָס איינגעזעהן, זיינען געווען, ווי געזאָגט, אין אַ קליינער מינאָריטעט. די שטייפע, פאָרמעלע לימע־ראַטור פון דער צייט פון דער אימפּעריע האָט אויף איהר צד גע־האַט דעם כח פון דער געוואוינהייט, די מורא פאַר נייעסען, שמאָל־קעפּיגקייט און קנאה; זי האָט געהאַט די שטיצע פון דער גאַנצער אָפיציעלער וועלט, פון דער פּרעסע (מיט דער איינציגער אויסנאַמע פון איין טעגליכער צייטונג, פון דעם „זשורנאַל דע דעבאַט“), און

פון דער רעגירונג. אַלע רעגירונגס־שטעלעז און פענסיעס פלעגען פאַנאַנדערגעטיילט ווערען אויסשליסליך צווישען די פאַרשטעהער פון דער אַלטער שולע, א זאַך, וואָס האָט געדיענט אַלס אַ שטאַר־קער נסיון פאַר דעם יונגען דור. און אויסער דעם האָט זיך צווי־שען די יונגע נאָך דער ערשטער גרויסער אָנשטרענגונג געפיהלט א געוויסע אויסגעמאַטערטקייט און אָבשוואַכונג. די קעמפער זיינען געווען יונג; עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז איין מעכטיגע אַטאַקע וועט זיין גענוג איינצונעהמען די פעסטונגען פון די פאָר־אורטיילען און זיי האָבען זיך דערפיהלט ענטוישט, ווען זיי האָבען זיך נאָך דער אַטאַקע אַרומגעקוקט, אַז לעת־עתּה זיינען זיי נאָך אַלע ביים פוס פון דער פעסטונג, און זייערע אייגענע רייהען זיינען פיעל קלענער געוואָרען. זיי האָבען פאַרלאָרען זייער געדולד און דעם חשק צום קאַמף. זיי זיינען גרייט געווען צו א האַרטען קאַמף, צו ליידען פאַרלוסטען, צו ווערען פאַרוואונדעט און צו׳מומ׳ט, אָבער מיט דעם תּנאי, אַז דאָס אַלץ זאָל פיהרען צו א פאַרהעלטניסמעסיג שנעלען זיעג, צו אַן אָפענעם נצחון און א הילכיגער אַלגעמיינער אַנערקענונג. אָבער אַט דער קאַמף, צו וועלכען, עס האָט אויסגעזעהן, עס וועט קיינמאָל קיין סוף ניט קומען, דער שטענדיגער אַבלאַבעניש פון זייערע געגנער, דאָס וואָס דער שונא האָט אונגעשטערט אָנגעהאַלטען אַלע איינפלוסרייכע פאָזיציעס אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט, די אַנהאַל־טענדע גלייכגילטיגקייט פון דעם פובליקום צו דער נייער שולע און זיין באַגייסטערונג פאַר דער אָבגעלעבטער שולע, — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופען ספקות אין די מוחות צווישען דער מחנה פון די יונגע. איינינע צווישען זיי האָבען זיך אַליין געשטעלט די פראַגע, פיללייכט זיינען זיי שוין געגאַנגען צו־ווייט מיט זייער יוגענדליכער היציגקייט, פיללייכט איז זיין מאַיעסטעט, דער פוב־ליקום, נאָך אַלעמען גערעכט, אָדער לכל־הפּחות טיילווייז גערעכט; און זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו זוכען תּרוצים פאַר זייער טאַלאַנט, זיי האָבען אָנגעהויבען פיעלעס נאָכצוגעבען כדי צו זוכען מחילה ביים עולם, אַנדערע זיינען איבערגעגאַנגען אַריבער צום שונא. איינינע האָבען פאַרראַטען זייערע פריינד כדי צו באַקומען א צוטריט צו געוויסע געזעלשאַפטליכע קרייזען. אַנדערע האָבען זיך באַצוי־

טענס, נאָך יונגערהייט, גענומען אויפפיהרען „ליטישער" כדי אויף דער עלטער ניט צו פארלירען די געלעגענהייט צו ווערען מיט־גלידער פון דער אקאדעמיע.

עס איז אויך געווען אן עדלער געפיהל, וואס האט בייגע־שטייערט צו דער פאנאנדערפאלונג פון דער גרופע. דאס איז גע־ווען דער געפיהל פון שרייבערשער אונאבהענגיגקייט. מען האט לכתחילה געמאכט פארזוכען צו האלטען די גרופע שוין צו שטייף און צו ענג פארקניפט. די פיהרער האבען זיך ניט צופריעדענ־געשטעלט מיט אנווייזען אן אלגעמיינע ריכטונג, מיט אויסארביי־טען גרונד פרינציפען פאר דער קונסט; זיי האבען געשאפען א גאנצען שולחן־ערוך מיט דינים. און די שעפער פון די קינסטלע־רישע דאגמען זיינען ניט געווען קיין ווייטזעהענדע, ברייטע דענ־קער, נאר פאעטען, וועלכע זיינען געווען אזוי איינזייטיג, ווי גע־ניאל. מענשען פון די לאטיינשע ראסען זיינען בטבע זעהר גע־זעלשאפטליך גענייגט, אבער א ליטעראַרישער פארבאנד, ווי יענער, איז געווען אונמעגליך פאר פראנקרייך. וויסענשאפטליכע קע־נען זיך פאראייניגען אויף איין אלגעמיינע באשטימטע מעטאדע ווי צו האנדלען, אבער קונסט פאדערט פולע, אונבאדינגטע פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט פאר יעדען איינציגען קינסטלער. נאר ווען דער שאפענדער קינסטלער איז לגמרי מיט זיך אליין, ניט אבזאנגענדיג זיך אפילו אין דער קלענסטער מאס פון זיין אינדיווי־דואליטעט צוליעב פאראייניגונג, קען ער שאפען דאס בעסטע, וואס ער איז פעהיג צו געבען דער וועלט. אבסאלוטער אינדיווי־דואליזם, איז, פארשטעהט זיך, אונמעגליך אין קונסט. באוואוסט־זיניג צו אונבאוואוסטזיניג, ווילענדיג צו ניט־ווילענדיג, — גרופעס ווערען געשאפען, און גראדע אזוי ווי עס איז ריכטיג, אז יעדער איינער מוז קענען פריי זיך אויסדריקען, אזוי איז עס אויך קיין ספק ניט, אז נאר דאן קען דער קינסטלער אמבעסטען אנטוויקלען זיין טאלאנט, ווען ער באנוצט זיך מיט דער קינסטלערישער ירושה, מיט די טראדיציעס אין קונסט, מיט דער באגייסטערונג פון די מענשען, וועלכע זיינען איהם גייסטיג נאהענט — פון זיינע גרויסע פארגענגער און די גרויסע קינסטלער פון זיין אייגענער צייט. א זשעניע, וועלכער איז איזאלירט און בלייבט שטענדיג אין זיין

רשות־היחיד ווערט פארוועלקט און פארלארען. אבער דארט, וואו א שולע האט איין מענשען אלס איהר פיהרער, מוז ער קענען ניט שטערען די פרייהייט פון אנדערע. ער מוז ערלויבען אלץ, חוץ כאראקטערלאזיגקייט און סטיללאזיגקייט. אבער אזא מאן ווי הוגא איז ניט געווען אימשטאנד צו געבען אזא פרייהייט, און די גרעסערע פאנאטיקער צווישען זיינע נאכפאלגער האבען אויסגע־טייטשט די טעאריען פון דער שולע נאך מיט מעהר דקדוקים, ווי ער אליין. אין א משך פון עטליכע יאהר צייט האבען די פעהיגערע יונגע מיטגלידער פון דער שולע זיך ענטוויקעלט שטארקער, ווי מען האט עס געקענט פאראויסזעהן אין דער צייט ווען זיי האבען נאר־וואס אנגעהויבען שרייבען, און דאס, וואס די דאזיגע טאלאנטען זיינען אפגעשטאנען פון דער שולע, איז געווען שטארק צום־האנד פאר די אלטע קינסטלער.

נאך א זאך האט גורם געווען די פאנאנדערפאלונג פון דער גרופע שרייבער. די יולי־רעוואלוציע האט אפגעצויגען א געוויסע צאהל פון די יונגע קעמפער פון דער ליטעראטור צום פאליטישען לעבען. אין דעם פרט איז כאראקטעריסטיש דער פאקט, אז אין דעם יאהר 1830 האט די „גלאב“ אויפגעהערט צו זיין א ליטערא־רישער ארגאן און איז געווארען דער ארגאן פון די סען־סימאניסטען. די גרינדער פון דער צייטונג און איהרע וויכטיגסטע מיטארבייטער, אזוינע טועד ווי גיזא, טער, ווילמעין און וויטעי, זיינען געווארען מיטגלידער פון דעם פארלאמענט, הויכע באאמטע אדער האבען פארנומען מיניסטער־שטעלען; דורך פאליטישער טעטיגקייט ווערט מען אין אונזער צייט שנעלער בארימט, ווי דורך דער לי־טעראטור און דערפאר האבען אפילו פאעטען ניט געקענטביי־שטעהן דעם נסיון פון דער פאליטישער ביהנע. אזוינע ליריקער ווי הוגא און לאמארטין זיינען דורך דער צייט פון לואי פיליפ געווען טעטיג פאליטיש. די שרייבער, וועלכע זיינען געבליבען אין די דלד־אמות פון דער ליטעראטור, האבען געפיהלט, אז זיי זיינען געבליבען הינטערשטעליג געגען די יעניגע פון זייערע קאלעגען, וועלכע האבען חוץ דער ליטעראטור זיך אפגעגעבען אויך מיט דער פאליטיק; דער טומעלדיגער רוהם, וואס יענע האבען פאר זיך ערואבערט, האט זיי געערגערט. עס האט זיי אויך געקרענקט דער

גערדאַלק, אַז יענע האָבען זיך פאַרהאַלטען צו דער ליטעראַטור, וואָס איז פאַר זיי אַליין געווען אַלץ אין זייער לעבען, אַלס צו אַ זאַך, מיט וואָס עס לוינט זיך צו באַנוצען בלויז אין אַ צייט ווען עס איז שוין אין־ברירה.

ווען סען־בעוו, דער מוטיגער, ענטוזיאַסטישער קעמפער, האָט זיך צוריקגעצויגען פון הוגאָ'ס גענעראַל־שטאַב, איז עס געווען אַן ערנסטער קלאַפּ פאַר דער ראָמאַנטישער שולע. עס האָט אויסגעזעהן, אַז צוליעב דעם מאָדנעם געמיש פון אונטערגעבענקייט און אונאָבהענגיגקייט, מיט וועלכען זיין כאַראַקטער האָט זיך אויסגעצייכענט, איז איהם שוין לאַנג נמאס געוואָרען די הכנעה, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרהאַלטען צו הוגאָ אין זיין פּאָעזיע און דאָך האָט ער נאָך אַלץ ניט־ווילענדיג ניט אויפגעהערט צו רויכערען בשמים פאַר דעם ראש פון דער שולע. די געוואוינהייט, וואָס הוגאָ האָט אין זיך אויסגעאַרבייט צו ערוואַרטען און צו פאָדערען פון אַלעמען אַ היבשע ביסעל בשמים פאַר זיך, איז פאַר סען־בעוו געווען דערווידער, אָבער ער איז אַליין געווען צו־שוואַך אָפּצוזאָגען זיך פון בייצושטייערען זיין חלק. זיין באַוואוסטע באַוואונדערונג פאַר הוגאָ'ס יונגע פרוי האָט איהם אויסער דעם נאָך מעהר, ווי די התפּעלות פאַר הוגאָ אַליין, געהאַלטען צוגעבונדען צום צוויבער־קרייז, ווען ער האָט אָבער אָפּגעבראָכען זיינע פּריוואַטע פאַרהעלטנישע מיט הוגאָ — אין דעם יאָהר 1836 — איז דאָס פאַר סען־בעוו געווען אַ סיגנאַל אויך אינגאַנצען צו ענדערען זיינע ליטעראַרישע פאַרהעלטניסע צו דעם דיכטער פון די „אָריענטאַלען“. סען־בעוו האָט זיך בכלל פאַרהאַלטען צו שולען, צו סיסטעמען, צו געזעלשאַפטליכע פאַרבינדונגען און צו פּאַרטייען, ווי צו גאַסט־הייזער, אין וועלכע מען שטעהט איין נאָר פאַר אַ צייט, קיינמאָל ניט אויספּאַקענדיג זיך אינגאַנצען. ער איז שטענדיג געווען גענייגט צו מאַכען בטל און אָבצולאַכען פון דאָס, וואָס ער האָט ערשט פאַרלאָזען, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק פאַרגעטערט. דערפאַר האָט ער יעצט אָנגעפאַנגען שרייבען שאַרפע, מעהרסטענס אַרונטעררייסענדע קריטישע אַרטיקלען וועגען די ווערק פון וויקטאָר הוגאָ.

אַלפרעד דע מוסעי האָט נאָך פריהער זיך אָנגעטאָן דעם פאַר־

געניגען צו לאָזען וויסען דער וועלט וועגען זיין אָבשטעהן פון דער גרופּע. פאַר אַ מאַן מיט אַזאַ טיפען געדאַנק, ווי ער האָט געהאַט, איז געווען אונמעגליך ניט צו באַמערקען די שמאָלקייט און די חסרונות פון די דאָקטרינען פון דער שולע, בפרט די קינדערשקייט, מיט וועלכער געוויסע היצקעפּ צווישען די אָנהענגער פון דער שולע האָבען זייערע דאָקטרינען געטריבען ביז צו די לעצטע גרענ־נעצען. ווען מוסעי האָט צום ערשטען מאָל געלייענט אויפ׳ן קול זייערע פּאָעמען ביי הוגאָ אין הויז פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון יונגע ראָמאַנטיקער, האָבען נאָר צוויי שטעלען אין זיי אַרויסגערופען אַפּ־לאָדיסמענטען. איין שטעל איז געווען דער זאַץ אין „דע פּאָען": „ברידער, האָט פון דערווייטענס אַ געשריי געטאָן אַ געל־בלויער דראַגונער, וועלכער איז געלעגען אויף היי און איז געשלאָפען"; דער אויסדרוק „געל־בלויער" האָט די צוהערער געבראַכט אין התפּעלות, עס איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבען גערופען פאַרבען אין דעם סטיל; דער צווייטער שטעל איז געווען די באַשרייבונג פון די יעגער אין דער „אויפוואַכונג", וואו עס ווערט געזאָגט: „און אויף זייערע גרינע אַרבעל האָבען זיך געזעהן די שוואַרצע נעגעל פון די פאַלקען (סאָקאָלען, אַ רויב־פויגעל)".

אָט די עלעמענטאַרע, איינפאַכע פאַרביגקייט פון די אויסדרו־קען איז פאַר די יונגע צוהערער געווען טייערער פון אַלע טיפע געפיהלען, פון דער ליידענשאַפטליכקייט און דער טיפזיניגקייט פון די פּאָעמען; דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס מיט אָט דעם סאָרט מאָלען האָבען זיך די יונגע אויסגעצייכענט פון די שרייבער פון דער אַלטער שולע, פאַר וועמען עס איז געווען וויכטיג, אַז זייערע לעזער זאָלען נאָר וויסען, וואָס האָט פּאַסירט און ניט ווי זאַכען האָבען אויסגעקוקט. פאַר די יונגעלייט איז דאָס וויכטיגסטע גע־ווען דאָס, וואָס פאַר דע־מוסעי האָט עקזיסטירט אַן אויסערע וועלט, אָבער דע מוסעי אַליין האָט גאַנץ אַנדערש געדענקט. זיין פּאָעטי־שע קראַפט איז געווען אין גאָר אַנאַנדער ריכטונג און ער האָט ניט געהאַט דעם קלענסטען פאַרלאַנג צו פאַרמעסטען זיך מיט הוגאָ אָדער טעאָפיל גאָטיע.

דע מוסעי איז, אויסערדעם, מעהר פון אַלץ געווען אַ יונגער אַריסטאָקראַט, אַ מענש פון דער הויכער געזעלשאַפט און אַ דענדי,

פאַר וועמען די ליטעראַטור איז געווען נאָר אַ זייטיגער צייטפאַר־טרייב, מיט וועלכען ער האָט זיך אָפּגעגעבען ווען ער האָט קיין אַנדער זאַך ניט געהאַט וואָס צו טאָן. ער האָט קיין חשק ניט געהאַט צו חבר'ן זיך מיט די לאַנגהאָריגע דיכטער אין די קאַלאַב־ריער הויטלען.

זיין פאַרהאַלטען זיך צום לעזענדען פובליקום איז לכתחילה געווען עטוואָס אונזיכער. ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו איבער־ראַשען איהם, צו צורייצען. יעצט האָט איהם דער עולם אויפגע־נומען זעהר הארציג, מיט אַ גרייטקייט איהם מוחל צו זיין אַלץ, אפילו זיין באַלאַדע צו דער לבנה, אבי נאָר ער זאָל ווייזען פאַר זיי אַן אַנדער פּנים. ער האָט שטאַרק געוואָלט איבערצייגען, אַז ער איז אונאָבהענגיג, אַז ער איז גלייכגילטיג צו פּאַרטייען, אַז ער איז געגען דאָגמען, אַז זייענדיג באמת, ווי זיין גייסטיגע נאָהענט־קייט צו מאַטורען רעניעי און מאַריוואָ צייגט, מעהר גענייגט צום קלאַסיציזם, האָט ער בלויז ביז אַ געוויסער מאָס זיך אונטער־געגעבען צו אַן אונבאַשטימטע השפּעה. ער האָט אויף זיין צד געוואונען דעם לעזענדען פובליקום דורך דעם, וואָס ער האָט מיט אַ טאָן פון קאַפּריזנער שטאָלציגקייט באַשריבען די העלדישע, קריי־געריש אויפטואַכצען פון זיך אַליין און פון זיינע חברים. אין דער פּאָעמע „רפאל, אָדער די געהיימע געדאַנקען פון אַ פראַנצויזישען פּריץ", ערקלעהרט ער, אַז ער איז מיעד פון דעם קאַמף; לויט ווי ער זאָגט, האָט ער געקעמפט איןביידע פיינדליכע לאַגערען. הונדער־טע וואונדען האָבען איהם צוגעגעבען אַ חשוב'ען אויסזעהן און יעצט — זייענדיג איין־און־צוואַנציג יאָהר אַלט — זעצט ער זיך אַוועק, ווי אַן אויסגעמאַטערטער סאָלדאַט, אויף זיין צוריסענעם פּויק. ראַסין און שעקספּיר באַגעגענען זיך ביידע ביי זיין טיש און שלאָפען ביי איהם איין צוזאַמען מיט בואַלאָ, וועלכער האָט זיי ביידען מוחל געווען. אין אַנאַנדער פּאָעמע שרייבט ער:

„אין אונזער צייט עקזיסטירט שוין מעהר ניט קיין קונסט, קיינער גלויבט אין איהר מעהר ניט. אונזער ליטעראַטור האָט הונדערטע טוי־זענדע אורזאַכען צו רעדען וועגען דערטרונקענע, וועגען טויטע און שוואַכע. זי אַליין איז אַ מת, וואָס מיר גאַלוואַניזירען. זי טהוט איהר אייגענע אַרבייט, ווען זי באַשרייבט פאַר אונז זונות... זי אַליין איז

אויך אַ זונה, און דערצו איז זי נאָך איינע פון די הפקר׳דיגסטע, פון די ערגסטע, פון די פאַרלאָרענסטע צווישען די יעניגע, וועלכע פוצען זיך און פאַרבען זיך“.

דער דאָזיגער אַנפאַל, מיט וועלכען ער האָט, ווי מען זעהט, געמיינט צו טרעפען די פאַנטאַסטישע צולאַזענדיגקייט פון פיעלע אולטראַ־ראָמאַנטישע ליטעראַרישע ווערק, איז געווען אַזוי אינגליש־העזה׳דיג און סתם, אַז מען האָט איהם געקענט אויסטייטשען אַלס אַן אַטאַקע אויף דער גאַנצער דאַמאָלסדיגער ליטעראַטור. מעגליך, אַז עס איז ניט געווען קיין בלויזער צופאַל, וואָס די פּאָעמע איז אַנגעשריבען געוואָרען אין דעם זעלבען יאָהר, ווען עס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען „מאַריאָן דעלאָרם“, די דראַמע, וועלכע איז, טראָץ אַלע איהרע חסרונות העכסט צניעות׳דיג און ספּיריטועל לויט איהרע אידעען, אָבער אין וועלכער די העלדין איז בלי־ספק אַ קורטיזאַנקע. דע מוסעי האָט אין דער זעלבער צייט באַוויזען, אַז וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ מעהר גלייכגילטיג צו די אידעאַלען פון דער יוגענד. כמעט אַלע דיכטער פון דער יונגער שולע, מיט הוגאָ בראש, זיינען געווען אויף דעם צד פון דער קעמפּפענדער גריכענלאַנד, נאָר איין דע מוסעי האָט קאָקעטירט מיט דעם אַנדערען צד שרייבענדיג וועגען זיין מרדכי, אַז

„ער האָט סימפּאַטיזירט מעהר מיט טערקיי און מיט סולטאַן מחמד, ווי מיט דער בראַווער העלענישער נאַציאָן, וועלכע האָט יעצט פאַרפלעקט מיט איהר בלוט דעם ווייסען מירמעלשטיין פון פּאַראָס“.

וואָס איז געווען די סיבה פון דע מוסעי׳ס גלייכגילטינקייט און זיין ציניזשען פאַרהאַלטען זיך צו אַנדערע?

צו־היציגע בלוט; אַ צו־לייdענשאַפטליכע האַרץ, וואָס איז צו־יונג געוואָרען ענטוישט. דע מוסעי׳ס אמונה אין מענשען איז געוואָרען צובראָכען ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג, און דער אונצוטרוי האָט געשאַפען אַ פאַרביטערטקייט און פאַראַכטונג. עס וועט זיין נוצלאָז צו זוכען די סיבה פון זיין פינסטערען בליק אויפ׳ן לעבען אין וועלכער עס איז איינצעלנער געשעהניש, הגם ער אַליין האָט געגלויבט, אַז ער ווייס באַשטימט די פאַקטען אין זיין לעבען, וואָס האָבען איהם צו אַזאַ בליק געבראַכט. ער האָט פיעל מאָל געגעבען אַנצוהערעניש ,אַז ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג

האבען איהם זיינע א געליעבטע און א פריינד פארראטען. דאס האט וואהרשיינליך געמוזט זיין א שטארקער קלאפ פאר א יונגען מענשען מיט אן עהרליכען, אויפריכטיגען כאראקטער, ווי זיינער, אבער עס איז אויך קיין ספק ניט, אז בשעת די וואונד איז נאך געווען פריש האט ער אויף דעם געקוקט דורך א פאעטישע פארגרעסערונגס־גלאז און האט פון דעם געשלאגען ליטערארישען קאפיטאל. עס איז דאמאלס געווען אין דער מאדע צו האבען ליבעוועהנישען און צו קענען זיך אליין טרייסטען איבער זיי. אבער דע מוסעי האט געלידען מעהר, ווי פיעלע, וועלכע לייענען זיינע יונגענדליכע, חוצפה׳דיגע גערדיכטע, קענען זיך פארשטעלען. ער אליין האט א לאנגע צייט זיך געמאכט זעהר קאלט און הארט כדי צו פארדעקען זיין ווייכקייט און אויסצומיידען די לצנות פון די ציניקער. אזא געמאכטער ציניזם, — ווי געמאכטקייט בכלל, — שאפט ניט קיין אנגענעמענעם איינדרוק. טעין האט וועגען דע מוסעי אנגעשריבען א באריהמטען ארטיקעל, אין וועלכען ער האט ארויסגעוויזען פאר איהם א ריהרענדע, אבער בלינדע באוואונדערונג; דער ארטיקעל ענדיגט זיך מיט דעם אויסרוף: „אט דער מענש האט לכל־הפחות קיינמאל ניט געפעלשט“. מיר קענען זיך ניט אונטערשרייבען אונטער דעם פסק סיידען מיר זאלען אננעמען, אז געמאכטע שטאלצקייט און קאלטהארציגקייט זיינען ניט קיין פעלשונגען.

אבער אין גיכען איז געקומען אן איבערקעהרעניש אין דעם לעבען פון דעם צולאזענעם, חוצפה׳דיגען בחור.

דעם 15טען אויגוסט 1833 איז ערשיינען „ראללא“ אין דעם דאמאלס נייעם זשורנאל „דער רעוויו פון צוויי וועלטען“. עטליכע טעג נאכדעם האט דער רעדאקטאר פון דעם זשורנאל, ביולאז, א שווייצער, איינגעלאדען זיינע מיטארבייטער צו א מיטאג אין דעם באריהמטען רעסטאראן אין פאלעי־ראיאל „לע טרוא פרער פראוואנסא“. עס זיינען געווען א סך געסט און צווישען זיי איין דאמע. דער בעל־הבית האט פארגעשטעלט אלפרעד דע מוסעי פאר מאדאם זשארזש זאנד און געבעטען איהם ער זאל זי באגלייטען צום טיש.

זיי זיינען געווען א שעהנע פארעל. ער איז געווען הויך און

שלאַנק, אַ בלאָנדער מיט טונקעלע אויגען און מיט אַ שאַרפען פראָ־פיל, ווי די קאָפּ פון אַ פערד; זי איז געווען אַ טונקעלע, מיט גע־דיכטע, שוואַרצע לאָקען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי כוואַליעס; איהר הויט האָט געהאַט אַן אַליוון קאָליר, וועלכער איז אין די באַקען אַריבערגעגאַנגען אין אַ בראַנז־רויטקייט; איהרע אויגען זיינען געווען טונקעלע מיט אַ שטאַרקען בליק, איהרע אַקסלען און הענד זיינען געווען וואונדערבאַר ווייס און שעהן. מען האָט געפיהלט, אַז הינטער איהר שטערען איז דאָ אַ גאַנצע וועלט, אין דער זעלבער צייט איז די דאַמע געווען יונג און באַצויבערענד און זי האָט גע־שוויגען, ווי זי וואָלט ניט געהאַט קיינע פּרעטענזיעס אויף גרוי־סער אינטעליגענץ. איהר קלייד איז געווען אַן איינפאַכע, אָבער עטוואָס פאַנטאַסטיש. זי האָט געטראָגען איבער׳ן קלייד אַ טער־קישען יאַקעל געשטיקט מיט גאָלד און ביים גאַרטעל איז ביי איהר געהאַנגען אַ קורצער שווערדעל.

אין דעם יאָהר 1870 האָב איך אין פּאַריז געהערט פון איינעם פון די ווענינע געסט פון יענעם מיטאָג, וואָס האָבען נאָך דאַמאָלס געלעבט, אַז ביולאָז האָט געהאַט אין זינען זיינע פּשוט׳ע געלד־חשבונות ווען ער האָט צוזאַמענגעפיהרט דע מוסעי מיט זשאָרזש זאַנד. ער האָט נאָך פריהער געזאָגט פאַר זיינע באַקאַנטע: „ער וועט זיצען מיט איהר צוזאַמען ביים טיש; אַלע פרויען פאַרליעבען זיך אין איהם געוועהנליך; אַלע מענער באַטראַכטען עס פאַר זייער פליכט צו פאַרליעבען זיך אין איהר; זיי וועלען זיך זיכער פאַרליעבען צווישען זיך — אַד, וואָס פאַר אַ מאַנוסקריפּטען איך וועל דאַמאָלס באַקומען!“ — און ער האָט אין געדאַנק זיך געריבען די הענט.

ביי ביולאָז׳ן ביים טיש זיינען געזעסען צוויי גאַנץ פאַרשיי־דענע מענשען. דער איינציגער צד־השוה, וואָס איז צווישען זיי געוועזען, איז פיליכט געווען דאָס, וואָס ביידע זיינען געווען שרייבער.

איהר טבע איז געווען אַ פרוכטבאַרע, אַ מוטערליכע. זי האָט גע־האַט אַ געזונטע נשמה. געזונט אפילו אין איהרע רעוואָלוציאָנערע אויסבראָכען; אין איהרע רייכע פעהיגקייטען איז געווען אַ געוויסע סער גלייכגעוויכט. איהר קערפּער איז אויך געווען געזונט; זי

האָט געקענט אויסהאַלטען דעם אויסמאַטערענדיגסטען לעבען, זי האָט געקענט אַרבייטען כמעט אַ גאַנצע נאַכט ביי אַ ליכט און זיך שטעלען צופריעדען מיט אַ לענגערען שלאָף אין דער פריה; זי האָט געקאָנט איינשלאָפען ווען זי האָט געוואָלט און פלעגט אויפשטעהן פון שלאָף אינגאַנצען אָבגעפרישט. אין דער נשמה פון אָט דער פרוי האָבען געפונען פּלאַץ אַלע גרויסע ליידענשאַפטען, אַלע רעוואָלוציאָנערע אידעען, וואָס האָבען באַוועגט דעם 19טען יאָהרהונדערט, און דאָך זיינען ביי איהר געבליבען איהר פרישקייט, די רוהיגקייט פון איהר געדאַנק און איהר זעלבסטבאַהערשונג. זי האָט געקאָנט שרייבען רוהיג און מיט געדאַנק זעקס שטונדען נאַכאַנאַנד. זי האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע פעהיגקייט צו קאָנצענטרירען איהרע געדאַנקען, אַז זי האָט געקענט נעמען די פען און אַרבערגעבען איהרע פאַנטאַזיעס אויף פּאַפּיער צווישען אַ גרויסען ריידענדען און לאַכענדען עולם פונקט ווי זי וואָלט געזעסען לחלוטין איינע אַליין, און תיכף נאָכדעם פלעגט זי נעמען אַן אַנטייל אין אַלגעמיינעם שמועס. שמייכלענדיג, שטיל אויסהערען אַלץ, אַלץ פאַרשטעהן, אַריינזאַפּענדיג אין זיך אַלץ, וואָס מען האָט גערעדט, ווי אַ שוואָם זאַפּט אין זיך אַריין וואַסער.

און ער! ער האָט געהאַט אַ פיעל העכערען קינסטלערישען טעמפּעראַמענט. ער האָט געאַרבייט ווי אין קדחת, זיין שלאָף איז געווען אומרוהיג, די באַוועגונגען פון זיין נשמה און זיינע ליידענשאַפטען האָבען זיך ניט געלאָזען באַהערשען. ווען עס פלעגט איהם קומען אַ געדאַנק אין קאָפּ, פלעגט ער ניט זיצען שווייגענדיג ווי אַ ספינקס מיט אַ ישוב־הדעת, איבערטראַכטענדיג די אידעע, ווי זי פלעגט עס טאָן. די אידעע פלעגט איהם אינגאַנצען פאַרכאַפּען, ער פלעגט אָנפאַנגען ציטערען, „מעהר אויפגעטרייסעלט דורך איהר, ווי דער פּאַזש (אַ יונגער הויף־פריץ), וועלכער האָט זיך פאַרליעבט אין אַ פעע““, ווי ער זאָגט אַליין אין זיין ליעד „אַפּרעי לאַ לעקטיור“. און ווען ער האָט שוין זיך געזעצט שרייבען אויסצואַרבייטען זיין אידעע, פלעגט איהם כסדר זיך ווועלען אָוועקצוואַרפען זיין פעדער פאַרצווייפעלט. די אַרבייט פלעגט ביי איהם געהן זעהר פּאַמעלאַך; די געדאַנקען פלעגען זיך שטופּען, פּאָדערענדיג תיכף אַן אויסדרוק, אָבער עס פלעגט ניט אויסקומען ווי ער האָט געוואָלט,

און דאָס האַרץ פלעגט זיך איהם אָנפאַנגען שטאַרק וואַרפען איבער דעם. דער קלענסטער אויסערליכער נסיון איז געווען גענוג — אַן איינלאַדונג צו אַן אָוונדברויט מיט גוטע פריינד און שעהנע פרויען, אָדער אַ פאַרשלאָג דורכצופאַהרען זיך אויסערן שטאָדט — אַז ער זאָל אַנטלויפען פון זיין אַרבייט, ווי מען לויפט פון אַ שונא.

זי פלעגט „אויסשטריקען" איהרע ראָמאַנען; ער פלעגט שרייבען זיינע ווערק דורך דער צייט פון קורצע, היציגע, חדוה'דיגע עקסטאַזען, וואָס פלעגען שוין אויף־מאָרגען אַוועק און אויף זייער פּלאַץ פלעגט קומען אַ געפיהל פון עקעל צו דאָס אָנגעשריבענע. ער פלעגט דענקען, אַז עס איז ניט גוט, אָבער ער פלעגט עס ניט קענען איבערשרייבען, וואָרים ער האָט פיינט געהאַט זיין פעדער ווי דער זעגעל־שיף־שקלאַף האָט פיינט דעם רודער. טראָץ זיין איינגעלשער העזה'דיגקייט פלעגט ער זיך תמיד קרימען און קרעכצען ווי אין די גרעסטע ליידען, און די סבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס אין זיין שוואַכען, קרענקליכען קערפּער איז געווען אַ גיגאַנטישער קינסטלער, וועלכער האָט געפיהלט טיעפער און שטאַרקער, וועלכער האָט געלעבט מעהר און שנעלער, ווי דער נפש, אין וועלכען ער איז געווען פאַרקערפערט, האָט עס געקענט אויסהאַלטען. דער קינסטלער אין איהם האָט געקענט באַנעמען און אויסהאַלטען פיעל ברייטערע און גרעסערע אידעען, ווי דער מח, דורך וועלכען ער האָט געאַרבייט, האָט געקענט אַרויסברענגען אויף דער וועלט אין די שרעקליכסטע געבורטס־וועהעניש. ווען דער דיכטער פלעגט זיך אַריינוואַרפען אין אַלערליי אויסגעלאַסענהייטען איז דאָס הויפּטזעכליך געווען אויס נויט צו באַטויבען די ליידען, וואָס זיין זשעניע האָט איהם פאַראורזאַכט.

צוזאַמען ביי איין טיש זיינען זיי געזעסען: ער, דער 22־יאָהריגער בחור'ל, דער פאַרצערטעלטער ליעבלינג פון אַריסטאָקראַטישע עלטערען, וועלכער האָט געלעבט ביי טאַטע־מאַמע אין דער היים באַשיצט דורך זיין עלטערען ברודער'ס וואַכענדער ליעבע; וועלכער, הגם ער האָט ניט געהאַט קיינע ערפאַהרונגען אויסער עטליכע ליעבעס, האָט דאָך געוואוסט דעם לעבען, געהאַט דעם מיסטרויען, די פאַרביטערטקייט און די פאַראַכטונג צו מענשען, ווי אַ פערציגיאָהריגער מאַן; — און דאָס, וואָס עס האָט איהם געפעהלט אין ער־

פאהרונג, פלעגט ער אויספילען מיט געמאכטער גלייכגילטיגקייט און ציניזם. —

זי, די פרוי פון 28 יאהר, אין וועמעס אדערען עס האט געפליסט ציגיינערשע און פירשטליכע בלוט (זי איז געוועזען אן אור־אור־אייניקעל פון מארים פון זאכסען); וועלכע האט שוין געהאט די ערנסטסטע לעבענס־ערפאהרונג הינטער זיך און איז יעצט געבליבען אהן א פאמיליע, אהן א פארמעגען, אהן א היים, אהן דער שטיצע פון וועלכען עס איז קרוב, געשיידען פון איהרע צוויי קליינע קינדער; וועלכע האט זיך ארונטערגעלאזען צו צופעליגע זיווגים און האט געפיהרט א לעבען פון א ליטערארישע ציגיינערין, האט געטראגען א מאנסבילשען נאמען און מאנסבילשע קליידער, האט גערויכערט און האט געלעבט ווי א מאן צווישען מענער, און וועלכע איז מיט דעם אלעמען דאך אין דער טיעפעניש פון איהר נשמה געבליבען נאאיוו, ניט־ליידענשאפטליך, ענטוזיאסטיש, גוט־הערציג און פלעגט מיט אזא אינטערעס אויפכאפען אלץ, וואס איז ניי, ווי זי וואלט גאר קיינע וויכטיגע זאכען ניט דורכגעלעבט און ווי זי וואלט נאך קיינמאל קיינע אנטוישונגען ניט געהאט.

ער, אזוי אריגינעל אין זיין קונסט, אזוי צולאזען אין זיין לעבען, האט פונדעסטוועגען אפט זיך ארויסגעציינט אין זיינע באגריפען באלעבאטיש, קליינבירגערליך און שמאל. מיט אונז, מענער, פאסירט עס לייכט, ספעציעל מיט די, וועלכע, ווי דע מוסעי, זיינען געבארען געווארען אין גוטע אומשטענדען און האבען זיך פריה אויסגעלערענט אבצוהיטען שטאט און מורא צו האבען פאר מאכען זיך לעכערליך פאר מענשען.

זי, פארקעהרט, וועלכע האט אין טעכנישען הינזיכט ניט ארויסגעוויזען קיינע רעוואלוציאנערקייט, וועלכע איז אין דער ליטערארישער קונסט פון באשרייבען זאכען געגאנגען אויף אויסגעטראטענע וועגען, איז גייסטיג געוועזען אן אמת׳ער וואונדער. עס איז אין איהר קיין סימן ניט געוועזען פון שמאלקייט. זי האט ניט געהאט קיינע פאראורטיילען. פרויען, וועמען דער מזל האט צוזאמענגעבראכט מיט די מכות פון דער געזעלשאפט, וועלכע האבען דעם אורטייל פון דער געזעלשאפט אויסגעהערט ניט א פינטעלטאנדיג מיט די אויגען, ווערען אמאל פיעל מעהר פריי אין זייערע געדאנקען

פון מענער דערפאַר, וואָס זיי האָבן טייערער באַצאָהלט פאַר דער פרייהייט פון זייער געדאַנק. זשאָרזש זאַנד האָט יעדע זאַך אַליין גוט דורכגעטראַכט און גוט דורכגעוואויגען און אין די מעהרסטע פעלע פלעגט זי זאַכען גאַנץ ריכטיג אָפּשאַצען.

ער איז געווען העכער פון איהר אין בילדונג. אָט דער עקזאַל־טירטער, געניאַלער קינסטלער האָט געהאַט אַ מענערשען קריטישען פאַרשטאַנד, וואָס איז געווען אונמעגליך צו קאָרופּטירען; זיין שכל איז געווען שאַרף און בויגזאַם ווי אַ קלינגעל פון דמשק׳ער שטאָהל; ער פלעגט מיט איהם צושפּאַלטען יעדע פראַזע, אויף וועלכער ער פלעגט זיך אָנשטויסען, און מאַכען צום פּלאַצען יעדען זייפענבלאָז פון געדאַנק אָדער שפּראַך.

זי, אַלס פרוי, איז אָפט געווען גענייגט צוצוהערען זיך אָפּריה־ער צו דאָס, וואָס דאָס הארץ זאָגט, און די שטימע פון דאָס הארץ האָט אויף איהר אָמשטאַרקסטען געווירקט. זי פלעגט ווערען ענט־ציקט פון אַ שעהנע, טרוימערישע לעהרע, פון אַן עדעלע אוטאָפּיע; זי האָט געהאַט דעם אינסטינקטיווען פאַרלאַנג פון פרויען צו דינען פאַר אַ גוטער זאַך; אין איהר יוגענד פלעגט זי שטענדיג זוכען דעם באַנער, וואָס די גרויסע און העלדישע מענער האָבען געטראָ־גען, זי זאָל קעמפען אונטער איהם. זי האָט ניט געהאַט די אַמביציע צו באַצויבערען די העכערע געזעלשאַפטליכע קרייזען און אַרויסצו־טרעטען פאַר זיי אַלס „די אָנערקענטע מוזע". איהר האָט זיך בע־סער געוואָלט קלאַפּען אין פויק אַלס די „טאָכטער פון דעם רעגי־מענט". צוליעב דעם, וואָס איהר האָט געפעהלט בילדונג זי זאָל קענען מיט איהר אייגענעם שכל דורכקלערען זאַכען, פלעגט זי אַמאָל אָנפאַנגען פאַרגעטערען צומישטע בעלי־חלומות אַלס די נביאים פון דער צוקונפט, און מעהר פון אַלע האָט זי זיך אַזוי פאַרהאַלטען צו דעם נאַרישען, שוואַכען, אָבער בעצם עהרליכען פיער לערו, דעם פילאָזאָף און סאָציאַליסט, צו וועלכען זי האָט זיך פיעלע יאָהרען פאַרהאַלטען ווי אַ טאָכטער צו אַ פאָטער. דע מוסעי האָט זיך פאַרהאַלטען ווי אַן אינטעלעקטועלער אַריסטאָקראַט צו די דאָזיגע נביאים, וועלכע האָבען ניט געקענט אָנשרייבען קיין צוואַנציג זייטען לעזבאַרע פּראָזע. זשאָרזש זאַנד האָט זיך פון זיי

אַנגעשטעקט מיט דער שטרעבונג צו ברויכען אַ שטאַרקען, זאַלביגען טאָן אין איהר שרייבען.

ענדליך, איז זי אַלס קינסטלער געשטאַנען נידריגער פון איהם, הגם אַלס מענש איז זי געווען גרעסער און פיעל שטאַרקער פון איהם. איהר האָט געפעהלט די מענערשע דירעקטע שעפערישע קראַפט, וועלכע צווינגט אַ מאַן ניט אַפּצושטעלען זיך פאַר קיין זאַך און זאָגען אָהן קיינע אַרגומענטען: „אַזוי מוז עס זיין“. ווען זיי האָבען ביידע צוזאַמען באַטראַכט אַ בילד, פלעגט ער, וועלכער האָט ניט געהאַט קיינע פּרעטענזיעס אויף מבינות, תיכף פאַרשטעהן די מעלות פון דער מאַלעריי און די כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען פון דעם קינסטלער און פלעגט אין עטליכע ווערטער זיי איבערגעבען. זי אַבער פלעגט מיט זייטיגע וועגען, פּאַמעלאַך, טאַפּענדיג צוקומען אין איהר געדאַנק צום עיקר פון דאַס בילד און איהרע געפיהלען וועגען מאַלעריי פלעגט זי אויסדריקען אין ניט־קלאַרע, און אָפט אין פאַרדונקעלסטע ווערטער. זיין געדאַנק איז געווען שאַרף, נערוועז; פון איהרען האָט זיך געגאָסען, ווי פון אַ קוואַל און איז געווען גענייגט צו סימפּאַטיזירען מיט אַלץ. ווען זיי פלעגען ביידע צוזאַמען הערען אַן אָפּערא, פלעגט ער ווערען גריהרט מעהר פון די אויסברוכען פון טיעפער, פערזענליכער ליידענשאַפט, פון דאַס, וואָס איז אינדיווידועל און אָריגינעל; זי, פאַרקעהרט, פלעגט באַקומען אַ שטאַרקערען איינדרוק פון דעם כאָר־געזאַנג, פון די אויסדריקע פון אַלמענשליכע געפיהלען. עס האָט אויסגעזעהן ווי עס וואָלט זיך געפאָדערט די פאַראייניגונג פון פיעלע גייסטער צוזאַמען אום צו קענען באַוועגען איהר אייגענעם גייסט.

אין די ביכער, וואָס זי האָט געשריבען, האָט געפעהלט אַ בקיצור׳קייט; יעדער זאַץ, וואָס פלעגט אַרויס פון זיין פעדער, איז געווען אויסגעגאָסען ווי אַ גאָלדענע מטבע אָפּגעשטעמפּעלט אויף ביידע זייטען און די ברעגען אויסגעקריצט; איהר שרייבען איז געווען פול מיט ווערטער און צופיעל באַריכות. ווען דער ראָמאַן „אינדיאַנאַ“ איז אַריינגעפאַלען אין זיינע הענט, איז די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט ניט־ווילענדיג געטאָן, איז געווען אויסצומעקען מיט אַ בלייפעדער צוואַנציג אָדער דרייסיג איבעריגע בייווערטער אויף די ערשטע עטליכע זייטען פון דעם בוך. זשאָרזש זאַנד האָט

דעם זעלבען בוך שפעטער געזעהן און מען זאגט, אז דאס האט ביי איהר ארויסגערופען מעהר כעס, ווי דאנקבארקייט.

א האלב יאהר איידער זיי האבען זיך צוזאמענגעטראפען דעם ערשטען מאל האט זשארזש זאנד געפיהלט אן אונרוהיגקייט ביים געדאנק וועגען א באגעגעניש מיט דע מוסעי. פריהער האט זי גע־בעטען סענט־בעוו, ער זאל צו איהר ברענגען דעם דיכטער, אבער שפעטער האט זי אין א פאסט־סקריפטום צו א בריעף געדאטירט מערץ 1833, געשריבען:

„נאכדעם ווי איך האב מעהר איבערגעטראכט האב איך באשלאסען, אז איך וויל נים איהר זאלט ברייגגען צו מיר אלפרעד דע מוסעי. ער איז צופיעל א דענדי און מיר וועלען זיך נים פאסען איינער צום אנדערן. חוץ דעם, מיין פארלאנג צו זעהן איהם איז מעהר נייגעריגקייט, ווי ווירקליכער אינטערעס. עס איז אבער נים קיין שכל צו וועלען צופרי־דענשטעלען יעדען געפיהל פון נייגעריגקייט".

אין די דאזיגע ווערטער שפירט זיך אן אונרוהיגקייט אדער כמעט א שרעקעדיגער פארגעפיהל.

אלפרעד דע מוסעי, פון זיין צד, ווי אלע מענער־שרייבער, האט זיך עטוואס מורא געהאט פאר שרייבערינס. דער, וואס האט די דאזיגע דאמען געגעבען א צונאמעניש „בלויע־זאקען", האט זיכער געמוזט זיין א מענערשער קאלעגע. דאך קען מען נים לייקענען, אז א פרוי, וועלכע צייגט ארוים מערקווירדיגע אינטעליגענץ, איז זעהר צוציהענד פאר אינטעלעקטועלע מענער. די ענטציקונג, וואס קומט ארוים פון א טיעפע געגענזייטיגע פארשטענדניש, ווערט אין דעם פאל פיעל מאל שטארקער דורך א פלוצלינג אויפגעפלאקער־טער ליידענשאפט.

ווען מען באטראכט די פארהעלטנישע פון די צוויי מערקוויר־דיגע פערזענליכקייטען פון א היסטארישען שטאנדפונקט, ווארפט זיך אין די אויגען ווי טיעף זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דער צייט, מיט דער קינסטלערישער פאר׳שכור׳ט־פון דער רענעסאנס עפאכע, וואס האט פארכאפט די מוחות פון קייט, ווי די קאראנאוואל־שטימונגען (יום־טוב׳דיגע, פורים׳דיגע) מענשען אין דער צייט, ווען דער ראמאנטיזם האט געהערשט אין

פראַנקרייך. דער געבאָרענער קינסטלער, וועמעס ערשטע פליכט עס איז אָפּצוברעכען מיט די גע׳ירשנ׳טע טראַדיציעס אין קונסט, פיהלט זיך אין אַלע צייטען גענייגט אַרויסצוטרעטען געגען די אָנגענומענע באַגריפען אויך אין געזעלשאַפטליכען לעבען. אָבער דער דור פון 1830 איז אין זיין אַרויסטרעט געגען דאָס אַלטעג־ליכע, דאָס וואָכעדיגע אין לעבען, געווען מעהר יוגענדליך נאַאיוו פון וועלכען עס איז פריהערדיגען דור פאַר פּיעלע יאָהרהונדערטע אָדער פון די שפּעטערדיגע דורות. אין אַלע קינסטלער איז דאָ עט־וואָס ציגיינערישעס אָדער קינדערשעס; די דאַמאָלדיגע קינסט־לער האָבען ערלויבט, אַז דאָס באָהעמישע און דאָס קינדערישע אין זיי זאָל זיך פריי פאַנאַדערשפּילען. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס ערשטע, וואָס די צוויי אויסדערוועהלטע נשמות האָבען געטאָן נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך באַגעגענט, און זייער ערשטע גליקליכע באַגייסטערונג איז געווען צו מאַכען שפּאַס פון זייערע באַקאַנטע, פאַרקליידענדיג זיך איינער פאַר די אַנדערע. ווען פּאַל דע מוסעי איז צום ערשטען מאָל איינגעלאַדען געוואָרען צו באַזוכען די יונגע פּאַרל, האָט ער אַלפרעד׳ן געטראָפען פאַרפּודערט און פאַרקליידט אין די בגדים פון אַ מאַרקיז פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט און זשאָרזש זאַנד איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַדריען־קלייד מיט פישביין־רייפען. ווען זשאָרזש זאַנד האָט געמאַכט די ערשטע מי־טאָג־פּאַרטיי לכבוד דעם, וואָס זי און אַלפרעד דע מוסעי זיינען געוואָרען אינטימע פריינד, האָט ער געסאַרווירט ביים טיש פאַר־קליידט אַלס אַ יונגע נאָרמאַנישע דיענסטמיידעל אַזוי, אַז די געסט האָבען איהם ניט דערקאַנט, און אַלס שכן צום טיש פאַר איי־נעם פון די עהרענגעסט, דעם פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע לערמינעי, האָט זשאָרזש זאַנד איינגעלאַדען דעבוראַ, וועלכער איז געווען באַ־קאַנט אַלס דער אונפאַרגלייכליכער פּיעראָ פון דעם טעאַטער „פונאַמביול“, און וועמען קיינער פון די געסט האָט קיינמאָל ניט געזעהן אויסער אויף דער ביהנע, און זי האָט איהם פאָרגעשטעלט אַלס אַ וויכטיגען מיטגליד פון דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט, וועל־כער פאָהרט דורך פּאַריז מיט געהיימע פּאַפּירען צו דער עסטריי־כישער רעגירונג. כדי ביידע זאָלען האָבען אַ געלעגענהייט אַרויס־צואווייזען זייערע בקיאות, פאַרפיהרט זי אַ נעשפּרעך וועגען באַ־

ליטיק. מען פארפיהרט א געשפּרעך וועגען סיר ראבערט פּיעל, לארד סטענלי און אנדערע אזעלכע פּערזענליכקייטען — עס איז אבער גאנץ אומזיסט. דער אויסלענדישער דיפּלאמאט אדער שווייגט גאר פאר'עקשנ'ט אדער ענטפערט עפּעס מיט האלבע ווער־טער. אמענדע האט עמיצער געברויכט דעם אויסדרוק: „דער אייראפּעאישער גלייכגעוויכט". דער ענגלענדער האט זיך דאמאלס אפּגערופען. „ווילט איהר וויסען, — האט ער געזאגט, — ווי איך שטעל זיך פאר דעם אייראפּעאישען גלייכגעוויכט ביי דער יעצטי־גער ערנסטער פּאליטישער לאגע צווישען ענגלאנד און דעם קאנטי־נענט? — אט־ווי!" און דער דיפּלאמאט טוט א ווארף א טעלער אין דער לופטען אזוי, אז זי האלט זיך א היבש ביסעל אין דרעהען, נאכדעם כאפּט ער זי קונציג אויף אויף א שפּיץ פון א מעסער אזוי, אז זי פארליערט ניט איהר גלייכגעוויכט און דרעהט זיך נאך א ווייל̈ע אויפ'ן שפּיצמעסער. מען קען זיך פארשטעלען ווי די געסט זיינען געווארען ערשטוינט. צייגט דען ניט אט דער קליינער שטריך ווי יוגענדליך און קינדעריש עס איז געווען די פארבינדונג צווישען דע מוסעי און זשארזש זאנד? זי איז אן אפּשפּיגלונג פון די שטי־מונגען אין דער רענעסאנס עפּאכע. מען דערפיהלט תיכף, אז מיר האבען דא צו טאן מיט דעם פראנצויזישען ראמאנטיזם פון די דרייסיגער יאהרען.

די ליעבע־פארהעלטנישע צווישען אלפרעד דע מוסעי און זשארזש זאנד האבען געהאט אויך זייערע אלטעגליכע זייטען, וועל־כע זיינען שוין גענוג באשריבען געווארען און איך וועל זיך דער־פאר אויף זיי ניט אפּשטעלען. אלע ווייסען, אז דע מוסעי און זשארזש זאנד האבען צוזאמען געמאכט א רייזע אין איטאליען; אז ער האט זי געפלאגט מיט זיין אייפערזוכט און זי איהם מיט איהר אכטונג געבען איבער אלץ, וואס ער האט געטאן אדער ניט געטאן, צו וואס ער איז גאר ניט געווען צוגעוואוינט; אז זייער לעבען צוזאמען איז געווען ניט גאר קיין גליקליכער; אז אין ווע־נעציע איז ער שטארק קראנק געווארען (ווי עס ווייזט אויס איז זיין קראנקהייט געווען „דעליריאום טרעמענס"); אז דורך דער צייט, וואס ער איז געווען קראנק, איז זי זיך צוזאמענגעקומען מיט דעם איטאליענישען דאקטאר פּאגעלא, וועלכער האט איהם געהיילט.

און דאָס האָט געטריבען דע מוסעי אַבצוברעכען מיט איהר און אומצוקעהרען זיך אַהיים אַ קראַנקער און זעהר נידערשלאַגען.

אָבער זייערע פּאַרהעלטנישע האָבען נאָך אַנאַנדערען, אינטע־רעסאַנטערען זייט, אַן עסטעטיש־פּסיכאָלאָגישען. די ליטעראַטור־געשיכטע דערצעהלט וועגען פיעלע אַזעלכע נאָהענטע פּאַרהעלט־נישע צווישען אויסערגעוועהנליכע מענער און פרויען, אָבער די פּאַרבינדונג צווישען דע מוסעי און זשאָרזש זאַנד האָט אין זיך עטוואָס נייעס און אונגעוועהנליכעס: אין דעם פּאַל האָבען זיך פּאַרבונדען אַ מענערשער זשעניע פון דעם ערשטען ראַנג, וועלכער האָט שוין דורכגעמאַכט איין פּעריאָדע אין זיין קינסטלערישער קאַריערע און איז דאָך אָבער זעהר יונג, און אַ פרויענשער זשעניע, וועלכער איז אַזוי באַדייטענד און אומפּאַסענד, אַז מען קאָן זאָגען דאָס קיין פרוי האָט ביז איהר ניט געהאַט אַזאַ שעפערישע קראַפט— דיביידע באַאיינפלוסען איינער דעם אַנדערען דורך דער צייט פון זייערע עקזאַלטירטע ליעבע־פּאַרהעלטנישע.

די פּסיכאָלאָגישע וויסענשאַפט איז לעת־עתה אַזוי אָפּגע־שטאַנען, אַז עס איז נאָך גאַנץ וועניג באַשטימטעס באַוואוסט וועגען דעם אונטערשייד צווישען דער מענערשער און פרויענשער איינבילדונגס־קראַפט; נאָך וועניגער וויים מען וועגען דעם ווי זיי ווירקען איינער אויף דעם צווייטען. אין דעם פּאַל זיינען זיך צום ערשטען מאָל אין דער מאָדערנער צייט צוזאַמענגעקומען די דיכ־טערישע שעפערישע גייסטער פון אַ מאַן און אַ פרוי, וועלכע האָבען זיך ביידע אַנטוויקעלט ביז צום העכסטען און שעהנסטען שטאַנד אין דער קונסט. אַזאַ גראַנדיעזער עקספּערימענט איז נאָך קיינ־מאָל ניט דורכגעפיהרט געוואָרען. (אַ קורצע צייט שפּעטער איז אין ענגלאַנד עטוואָס עהנליכעס פּאָרגעקומען אין דעם פּאַל פון ראָ־בערט און עליזאַבעטה בארעט בראַונינג). דאָס זיינען אָדם וחוה פון דער קונסט, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און צוטיילט צווישען זיך דעם עפּעל פון דעם עץ־הדעת טוב ורע. נאָכדעם קומט די קללה, ד. ה. זיי צושיידען זיך, ער געהט זיך אין זיין וועג און זי אין איהרען. נאָר ביידע זיינען שוין ניט מעהר דיזעלבע ווי פריהער. דער כאַראַקטער פון די ווערק, וואָס זיי שאַפען יעצט

איז גאנץ אנדערש פון דעם כאראקטער פון די ווערק, וואס זיי האַ־בען געשאפען איידער זיי האבען זיך באגעגענט.

ער פארלאזט זי מיט א צובראכען הארץ, א פארצווייפעלטער, א באטראגענער, מיט א נייע און שווערע באשולדיגונג געגען דעם ווייבערשען מין, איבערצייגט אז: „א, פאלשקייט! — דיין נאמען איז — פרוי!"

זי געהט אוועק פון איהם מיט א נשמה צוריסען צווישען פאר־קעהרטע געפיהלען און זעהר א צורודערטע; צוערשט האט זי געפונען א האלבע נחמה, נאכדעם האט זי זיך געפיהלט טיעף גע־וועהטאגט און אויפגעבראכט, אבער דאך צופריעדען מיט דעם, וואס דער קריזיס, וועלכער האט געפלאגט איהר רוהיגע, שעפערישע נאטור, איז אריבער; זי פאנגט אן צו פיהלען, אז די פרוי איז העכער פון דעם מאן; דאס איז פאר איהר א נייער באוואוסטזיין; יעצט איז זי שטארקער, ווי ווען עס איז פריהער איבערצייגט, אז: „א, שוואכקייט! דיין נאמען איז — מאנסביל!"

ער פארלאזט זי פיהלענדיג ווידער א מאל א דערווידער געגען אלע חלומות, אוטאפיען און פילאנטראפישע פלענער; יעצט איז ער מעהר ווי ווען עס איז פריהער איבערצייגט, אז פאר א קינסטלער איז די קונסט — אלץ. דאך איז די גייסטיגע פארבינדונג מיט דער גרויסער פרוי ניט געווען פאר איהם אינגאנצען פרוכטלאז. ערש־טענס האבען איהם זיינע אייגענע ליידען געמאכט מעהר אויפ־ריכטיג. — ער ווארפט פון זיך ארונטער זיין געמאכטען עגאאיזם; ער הערט אויף ארויסצושטעלען זיין געמאכטע קאלטקייט און הארט־קייט. אויסער דעם האבען איהר אפענהערציגקייט און גוטסקייט, איהר באגייסטערטע איבערגעבענקייט צו איהרע אידעאלען גאנץ באמערקבאר באאיינפלוסט די ווערק, וואס ער האט יעצט געשרי־בען — אין דעם היציגען רעפובליקאניזם פון לארענצאטשיא און אין דעם גאנצען כאראקטער פון אנדרעא דעל סארטא. מעגליך, אז דער זעלבער איינפלוס האט געווירקט אויך אין דע מוסעים שטארקען פערזענליכען פראטעסט געגען טיראַנים געזעצען ווענען דער פרעסע.

זי געהט פון איהם אוועק נאך טיעפער פון פריהער איבערצייגט, אז די מענער זיינען בטבע שמאלקעפיג און עגאאיסטיש, נאך מעהר

פון פריהער געניינט אפצוגעבען אלע איהרע כחות פאר אלגעמיינ־מענשליכע אידעאלען. אין איהר ווערק „האראס“ דיענט זי מיט איהר טאלאנט דעם סען־סימאניזם; אין די אינטערעסען פון דעם סאציאליזם שרייבט זי איהר „לע קאמפאנאן דו טור דע פראנס“; אין דעם יאהר 1848, אמענדע, שרייבט זי די בולעטינס פאר דער ציטווייליגער רעגירונג. דאך איז עס געווען איהר נאהענטקייט מיט דעם זשעניע פון דע מוסעי, וועלכער האט געהאט זיינע פאר־טיגע, באשטימטע, קלאסישע פארמען, וואס האט געמאכט איהר סטיל אזוי ריין און קלאסיש. זי האט זיך אויסגעלערנט ליעב צו האבען פארמען, צו זוכען דאס שעהנע צוליעב דער שעהנקייט גופא. דער יונגערער דומא האט אמאל געזאגט וועגען איהרען א זאץ, אז „ער איז געמאלען פון לעאנארדא און געזונגען פון מאצארט“; ער האט באדארפט צו דעם צוגעבען אז די קריטיק פון דע מוסעי האט איהר האנד געפיהרט און אויסגעבילדעט איהר אויער.

נאך דער צושיידונג זיינעןביידע קינסטלער שוין מעהר פאר־טיגע מענשען. פון יענער צייט אן ווערט ער א דיכטער מיט א ברענענדע הארץ און זי ווערט א סיבילע מיט א שעהנער מליצה פון א נביא.

אין דעם אפגרונד, וואס האט זיך געעפענט צווישען זיי, האט זי אריינגעווארפען איהר ניט־דערוואקסענקייט, איהרע לאנגע טי־ראדען (מאמרים), די חסרונות פון איהר געשמאק, איהרע מענער־שע קליידער; פון דאמאלס אן ווערט זי אין אלץ א פרוי, די פאר־קערפערונג פון דער נאטור.

אין דעם זעלבען תהום האט ער פון זיין צד אריינגעווארפען זיינע דאן־זשואן בגדים, זיינע העזה׳דיגע אנשטעלען, זיין באוואונ־דערונג פאר ראללא, זיינע קינדערשע צו־להכעיס׳ען, און ווערט פון דאמאלס אן אין אלץ א מאן, א פארקערפערונג פונ׳ם פרייען גייסט.

.10

אַלפרעד דע מוסעי

אַלפרעד דע מוסעי האָט דערלעבט ביז אַן עלטער פון 47 יאָהר, אָבער אַלע זיינע ווערק, מיט דעם אויסנאַם פון דריי קליינע אויס־געצייכענטע דראַמען און עטליכע געדיכטע, האָט ער אָנגעשריבען איידער ער איז אַלט געוואָרען דרייסיג יאָהר. די גאַנצע רייהע פון זיינע מערקווירדיגע און וואונדערבאַרע ווערק זיינען געשאַפען געוואָרען פאַר דעם זעקס־יאָהריגען משך צייט זינט ער האָט אָפּ־געבראָכען מיט זשאָרזש זאַנד ביז זיין דרייסיג־יאָהריגען עלטער.

הגם זשאָרזש זאַנד האָט איהם אָפּגענאַרט, האָט דע מוסעי דאָך וואָס ווייטער אַלץ ווייניגער אויפגעהערט צו פאַרטאָן זיך אין זיין געדאַנק אין דער פאַלשקייט און אין דעם באַטרוג פון דער וועלט; אין דער זעלבער צייט פאַרליערט ער דעם אָנשטעל פון אַ מענשען, וואָס האָט זיך מיאוש געווען ווענען לעבען. אין זיינע ווערק, אפילו פון די סוזשעטען אַליין, וואָס ער האָט אויסגע־קליבען, קאָנען מיר שפּירען, אַז דער דיכטער קעמפּט מיט זיך אַליין אום אַראָפּצוּוואַרפען פון זיך די מאַסקע פון אַ רשע, אַז ער וויל זיך באַפרייען פון דעם רייץ, וואָס זינדיגקייט האָט פאַר איהם געהאַט.

די ערשטע וויכטיגע זאַך, וואָס דע מוסעי האָט געשאַפען נאָך זיין צוריקקומען פון איטאַליען, איז געווען די דראַמע „לאָרענצאַ־טשיאָ"; די אידעע ווענען דעם ווערק איז צו איהם געקומען דורך

זיין פאַרבראַכטען אַ געוויסע צייט אין פלאָרענץ. לאָרענצאָ מעדיטשי איז שוועסטערקינד פון אַלעקסאַנדער דע מעדיטשי, דער הערצאָג פון פלאָרענץ, וועלכער איז געווען גרויזאַם ווי אַ חית און אַריינגעטאָן אין אַ לעבען פון תאוה. לאָרענצאָ אַליין איז אַ ריינער, אידעאַליסטישער, ענערגישער מענש, וועלכער האָט נאָך אין זיין יוגענד זיך באַשלאָסען, לויט דעם ביישפּיעל פון ברוטוס, צו באַפרייען די וועלט פון דעם טיראַן. כדי ער זאָלען קענען אויספיהרען זיין באַשלוס פאַנגט ער אָן צו שפּילען די ראָלע פון אַ האַרצלאָזען בעל־תאוה׳ניק, ווערט אַלעקסאַנדער׳ס אַ גוטער פריינד און בעל־עצה אין זיינע מיאוס׳ע פאַרגעניגענס און העלפט איהם אַרוים מיט זיין שדכנות פאַר אויסגעלאַסענקייט. האַמלעט האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ משוגע׳נעם כדי זיין קרבן זאָל גאָר ניט חושד זיין; צוליעב דעם זעלבען צוועק האָט לאָרענצאָ אויף זיך אַנגעטאָן די מאַסקע פון אַ שוואַכען, פייגען בעל־תאוה׳ניק. אָבער די בגדים, וואָס ער האָט אויף זיך אַנגעטאָן צו פאַרדעקען זיין אמת׳ע נאַטור, קלעפּען זיך צו איהם צו ווי אַ „נאַסער־מלבוש“; צוביסלעכווייז ווערט ער דאָס, אין וואָס ער פאַרשטעלט זיך; נעגען זיין אייגענעם ווילען נעמט ער זיך אָן מיט דער פאַרדאָרבענקייט, וואָס ער האָט אַליין געהאָלפען צו פאַרשפּרייטען אין דער אַטמאָספערע פון דעם הויף און פון דער הויפּט־שטאָדט. ווען ער באַטראַכט זיך ווענען זיין אייגענעם לעבען, ווערט ער זיך אַליין מיאוס. דאָך פאַרשטעהט מען איהם ניט, וואָרום דורך דער פאַרדאָרבענקייט גופא און דער געמאַכטער פייגהייט זיינע פאַרפאָלגט ער אַלץ זיין פּלאַן צו ערמאָרדען אַלעקסאַנדער׳ן ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט און ווידער איינצופיהרען אַ רעפּובליק אין פלאָרענץ.

זיין נשמה ווערט פאַרצעהרט פון אַ פאַראַכטונג צו מענשען. ער קען ניט אָנקוקען דעם פירשט, ווען ער באַטראַכט פאַר אַ בעל־תאוה׳ניק און אַ בלוט־הונט; ער פאַראַכטעט דאָס פאָלק, דערפאַר וואָס עס ערלויבט אַזאַ מאַן ווי ער צו געוועלטיגען איבער זיך און דערפאַר, וואָס ער ערלויבט איהם אַליין, לאָרענצאָ׳ן אַרומצוגעהן איבער די גאַסען פון פלאָרענץ ניט באַשטראָפט און ניט באַליידיגט. ער פאַראַכטעט די רעפּובליקאַנער דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט גענוג ענערגיע אין זיך און זיי פאַרשטעהען ניט די פּאָליטישע לאַגע.

זיין טרוים איז מטהר צו זיין זיך פון דעם גאַנצען שמוץ פון זיין לעבען דורך איין־איינציגען, גרויסען, אַנטשלאָסענעם אַקט: דורך די ערמאָרדונג פון דעם הערצאָג; און דער דיכטער לאָזט איהם אויף אַזאַ אופן אויסצולייטערען זיך. — לאָרענצאַ וואַרפט פון זיך אַרונטער זיין מאַסקע און משפט און באַשטראָפט ווי אַ מלאך פון נקמה. דע מוסעי׳ס פּאָליטישער פּעסימיזם ווייזט זיך אַרויס אין דעם, וואָס עס פּאַסירט ווייטער. לאָרענצאַ ווערט באַלוינט פאַר זיין העלדענטאַט מיט דעם, וואָס ער אַליין ווערט אַ קרבן פון אַ מערדער, וועלכער טויטעט איהם כדי צו באַקומען דעם פּרייז, וואָס מען האָט פאַרשפּראָכען פאַר זיין קאָפּ; די רעפּובליקאַנישע פּיה־רער פון פלאָרענץ זיינען צו גלייכגילטיג און ניט פּראַקטיש און די מאַסען פון דער באַפעלקערונג זיינען צו טיעף געזונקען זיי זאָלען זיך קענען באַנוצען פאַר זייער אייגענער טובה מיט דער ערמאָרדונג פון דעם הערצאָג. זיי בלייבען רוהיג און ערלויבען אַז אַנדער טיראַן ער זאָל ווערען זייער הערשער.

די פאַראַכטונג צו די רעפּובליקאַנער, וואָס באַמערקט זיך אין דער דראַמע, איז אָהן ספק אַ פּועל יוצא פון די איינדריקע, וואָס דער דיכטער האָט באַקומען אין דעם יאָהר 1830. דע מוסעי האָט אַליין צוגעזעהן, ווי אַ רעוואָלוציע, וועלכע האָט פאַרשפּראָכען אַ רעפּובליק, האָט זיך געענדיגט מיט דער עטאַבלירונג פון אַ מאָ־נאַרכיע. אין דער פּיעסע ווערען אָבער די רעפּובליקאַנער פאַר־געשטעלט ערגער ווי זיי האָבען פאַרדיענט. אין דעם אָווענד פאַר דעם טאָג פון דער ערמאָרדונג פון דעם הערצאָג לאָזט לאָרענצאַ, פאַרשטעהט זיך, וויסען די רעפּובליקאַנער דעם באַשטימטען טאָג און די באַשטימטע שטונדע ווען דער אַנטעטאַט וועט פאָרקומען; קען מען זיי אָבער באַשולדיגען דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך צו דעם פאַל ניט צוגעגרייט ווי געהעריג? דער מאַן, וועלכער האָט פון גאַס געבראַכט די גרויסע נייעס, איז אַליין דאָך ניט קיין אַנ־דערער, ווי דעם הערצאָג׳ס שטענדיגער חבר, זיין מיטשולדיגער אין זיינע מיאוס׳ע מעשים, זיין הויף־נאַר; וואָס־זשע איז דער וואונ־דער ווען זיי האָבען נאָר געקנייטשט מיט די אַקסלען און גאָרנישט געטאָן? אין דע מוסעי׳ס אונגערעכטיגקייט צו די רעפּובליקאַנער שפּירט זיך אַ פּערזענליכער געפיהל, וועלכער האָט גאָר ניט צו

מאַן מיט דער סיטואַציע אין דער פּיעסע. אָבער דער כאַראַקטער פון לאָרענצאָ, זיין איידעלקייט אונטער אַן אָפּשטויסענדער מאַסקע, איז דער עיקר, וואָס דע מוסעי האָט געוואָלט מאָלען אין זיין דראַמע. אין לאָרענצאָ׳ס נשמה איז דאָ אַן אידעאַליסטישער עלעמענט, מיט וועלכען ער שעהמט זיך ניט; ער האָט הויכע שטרעבונגען; ער גלויבט, אַז זיין נשמה קען זיך אויסלייטערען דורך דעם העלדענאַקט, וואָס ער וויל דורכפיהרען. דאָס, וואָס עס מאַכט איהם ריין ווען ער שטאַרבט, איז ניט קיין צופעליגע זאַך, ווי דער ריינער קוש פון ראַללאַ, נאָר אַן אַקט, וועגען וועלכען ער האָט געטרוימט פון זיין יוגענד אָן.

אין „דער ענגלייכטער“ געפינען מיר זיך נאָך אַלץ אין אַ פאַרדאָרבענער געזעלשאַפט, אָבער אויף דעם הינטערגרונד פון דעם ווערק טרעט אַרוים אַלס הויפּטפיגור דער יונגער פאָרטוניאָ מיט זיין טיעפער, גרענעצלאָזער ליעבע צו זשאַקעלין. זי און איהר געליעבטער מיסברויכען איהם, זיי באַנוצען זיך מיט איהם אַלס אַ צודעק צו פאַרשטעלען זייערע נידריגע אינטריגען. זייער שפּיעל איז פאַר איהם קלאָר, אָבער ער געהט אַן מיט זיין ליעבע און איז גרייט צו געהן אויף אַ זיכערען טויט כדי צו פאַרדעקען די מיאוס׳ע פאַרהעלטנישע פון דער פרוי, וואָס ער האָט ליעב, מיט אַן אַנדערן. אַט דער יונגער שרייבערל האָט די אַנטשלאָסענקייט און דעם מוט פון אַ העלד, און די ריינקייט פון זיין כאַראַקטער האָט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג, אַז דאָס האַרץ פון זשאַקעלין ווערט גערירט. ער באַזיעגט זי און זי פאַרלאָזט צוליעב איהם איהר געליעבטען קלאַוואַראָש. ער איז אַן אידעאַלער יונגער ליעבהאָבער.

אָקטאַוו, דער העלד פון „די קאַפּריזען פון מאַריאַן“, איז אַ לייכטזיניגער, אין פיעלע הינזיכטען אַ פאַרדאָרבענער, יונגערמאַן, וועלכער קען ניט און וויל ניט ערנסט ליעבען וועלכע עס איז פרוי. ער זאָגט אָפען, אַז אום צו געווינען דאָס האַרץ פון אַ פרוי וועט ער זיך ניט אָנשטרענגען מעהר, ווי ער וואָלט עס געטאָן אום צו עפענען אַ פלעשעל גריכישע וויין. אָבער אין איין געפיהל איז ער אַזוי נאַאיוו און פאַרטרויענספול ווי אַ קינד; דאָס איז אין פריינדשאַפט. ער האָט ליעב זיין פריינד, דעם יונגען צעליאָ, מיט

אזא איבערגעבענהייט, אז ער איז גרייט צו שטאַרבען פאַר איהם אדער זיך נוקם צו זיין פאַר זיין טויט; ער איז איהם אַזוי געטריי, אַז ווען אַ געוויסע דאַמע, וועמען צעליאַ האָט היים געליעבט, אָבער אַהן ערפאָלג, האָט איהם פאַרגעשלאַגען איהר ליעבע, זאָגט ער זיך פון דעם אָב. אַט ווי וועניג ער גלויבט אין דער ליעבע פון פרויען, איז ער אָבער מיט'ן גאַנצען הארצען איבערגעבען זיין פריינדשאַפט: ער איז אַן אידעאַלער פריינד. צעליאַ איז אַ היפּוך פון איהם. אין צעליאַ האָט דע מוסעי, וועלכער האָט אין דער דראַמע צוטיילט זיין אייגענע פּערזענליכקייט אויף צוויי חלקים, געמאָלען די צווייטע העלפט פון זיין „איך“. צעליאַ איז אַ יונגער פאַרליעבטער, וועמעס ליעבע איז אַן אמת'ע פאַרגעטערונג, אזא מעלאַנכאָליש ברענענדע ליידענשאַפט, אַז ווען ער קען זי ניט צופריעדענשטעלען ווינשט ער זיך דעם טויט. עס שטראַלט פון איהם מיט אַ שעקספּירישע ראָמאַנטיק, זיינע ווערטער זיינען מוזיק, זיינע האָפנונגען זיינען דיכטונג. ער באַשרייבט זיך אַליין מיט די ווערטער:

„מיין נשמה פעהלט די רוהיגקייט און די זאָרגלאָזיגקייט, וואָס מאַכען פון דעם לעבען אַ שפּיגעל, אין וועלכען אַלץ שפּיעגעלט זיך אָב אויף אַ ווייַלע און געהט נאָכדעם שנעל פאַרביי. פליכטען רופען אין מיר אַרוים געוויסענסבּיסע. די ליעבע, וואָס איז פאַר אייך ניט מעהר ווי אַ צייטפאַרטרייב, רודערט אויף מיין גאַנצען וועזען“.

פון די מענערשע כאַראַקטערען, וואָס דע מוסעי האָט געמאָלען, קענען מיר זעהן אויף וויפיעל ער אַליין האָט זיך ענטוויקעלט אַלס דיכטער. ער האָט שוין מעהר ניט קיין פאַרלאַנג צו באַשרייבען דעם רוישענדען לעבען פון דער יוגענד אדער די ווילדע שפּיעל פון ליידענשאַפטען מיט דער גאַנצער חברותא זייערע פון פאַלשקייטען, נאַרעריי און גוואַלד; ער שטעלט זיך לאַנג און מיט ליעבע אָפּ אויף די באַשרייבונגען פון אונשולדיגע און טיעפע געפיהלען, וועלכע זיינען זינדיג בלויז אַ דאַנק אויסערליכע אומשטאַנדען; אויף דער באַשרייבונג פון ליעבע, וועלכע איז בעצם אַ ריינער געפיהל און ווערט אַ פאַרברעכען נאָר מיט'ן איבערטרעטען די דינים, וואָס די געזעלשאַפט האָט אָנגענומען; אויף דער באַשריי־

בונג פון פריינדשאַפט, וועלכע איז אין איהר יסוד אַ העלדישער
געפיהל פון זעלבסטאָפּפערונג אפילו דאַמאַלס, ווען זי דריקט זיך
אויס אין דער ערנידערענגענדער פאָרמע פון שדכנות׳דיגער באַ־
ריידעווודיגקייט; קורץ גערעדט, אויף דער באַשרייבונג פון די
ריינסטע ליעבע און פריינדשאַפט, פון יענע כחות פון לעבען, וועל־
כע מיר זיינען געוואוינט געוואָרן צו באַטראַכטען אַלס אידעאַלע.

ניט נאָר די מענערשע טיפּען ווערען ביי דע מוסעי אַלץ ריינער
און ריינער; דאָס זעלבע קומט פאָר מיט זיינע פרויען־כאַראַק־
טערען. אין זיינע פריהערדיגע ווערק זיינען די פרויען ביי איהם
אָדער אַ דלילה אָדער אַ חוה. אָבער צוביסלעכוויז ווערט ער
מעהר גענייגט צו מאָלען דאָס, וואָס איז גייסטיג שעהן און מאָ־
ראַליש ריין; דערפאַר פאַנגט ער אַלץ מעהר אָן צו אידעאַליזירען
די פרויען. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער ערשטער פרויען־
כאַראַקטער, וואָס ער האָט געשאַפען נאָך זיין לעצטען אָפּבּרעכען
מיט זשאָרזש זאַנד אין דעם יאָהר 1835, מאַדאַם פּיערסאָן, אין
זיין ווערק „דער וידוי פון אַ קינד פון דעם יאָהרהונדערט“, איז
אין אַ גרויסער מאָס אַ שטאַרק אידעאַליזירטער בילד פון איהר.
זיינע ערצעהלונגען, פון וועלכע לכל־הפּחות דריי: „עממעלין“,
„פרעדעריק און בערנערעט“, און „דער זוהן פון טיטיאַן“ געהערען
צו די בעסטע ליעבע־ערצעהלונגען, וואָס דער נייִנצעהנטער יאָהר־
הונדערט האָט געשאַפען, צייגען, אַז דער דיכטער איז אַלץ מעהר
און מעהר געוואָרען גענייגט צו פּאַראַיידלען און צו ריהמען די
ליעבע און דורך איהר אויך זיינע פרויען־טיפּען. ער נעמט, למשל,
דעם אויסערען אויסזעהן פון איינע פון די גריזעטען (לייכטזיניגע
מיידלאַך) וואָס ער האָט געקענט, איינע פון די גוטמוטיגע, לייכט־
זיניגע, פריי־לעבענדע, פרעהליכע יונגע באַשעפענישען, גיט איהר
צו אַ מיידעלשען צויבער, וואָס זי האָט שוין לאַנג פאַרלאָרען, און
שאַפט פון איהר אַ מימי פּינסאָן; אָדער ער מאָלט פאַר אונז
אַ יונגע מיידעל, וועלכע איז אַזוי פול מיט נשמה, אַזוי קינדעריש
אין אַלע איהרע פעהלערען און אין איהר פאַרפיהרטקייט, איז אַזוי
אויפריכטיג און דעליקאַט אין איהרע אויסדרוקען, איז אַזוי ריהרענד
איינפאַך אין דעם מאָמענט פון איהר טויט, ווי בערנערעט, וועמעס

לעצטען בריעף מען קען קוים לייענען אָהן טרעהרען. די ליעבע איז פאַר איהם, דעם ערָאָטיקער, אַזאַ אונבאַשרענקטע הערשעריןֹ, אַז ער מאַכט אפילו די קונסט אונטערטעניג צו איהר. צו זיין אַ ליעבהאָבער און אַ געליעבטער איז פאַר איהם, אַמענדע, אויף אַזוי פיעל אַ גרעסערע זאַך, ווי צו זיין אַ קינסטלער, אַז זיין לעצטער באַגריף וועגען דעם אידעאַל פון קונסט איז, אַז זי דאַרף דיענען אויסשליסליך איין מענשען, דעם איינציג־געליעבטען.

אין „דער זוהן פון טיטיאַן“, ווערט דער העלד, אַ באַגאַבטער יונגער קינסטלער, אַפּגעהאַלטען פון זיין צולאָזענעם לעבען דורך דער ליעבע פון אַ נאָבעלער פרוי. ער צייגט איהר אַרויס זיין דאַנקבאַרקייט מיט דעם, וואָס ער באַשליסט זיך צו מאָלען נאָר איין־איינציגען בילד, דעם פּאָרטרעט פון זיין געליעבטער. אויף דעם בילד קאָנצענטרירט ער אַלע זיינע כחות און ער וויל, אַז נאָר דורך איהם זאָל ער זיין באַוואוסט צו די צוקונפטיגע דורות. לכבוד איהם שרייבט ער אַ סאָנעט, אין וועלכען ער לויבט די שעהנקייט און די ריינע נשמה פון זיין געליעבטע, דערצעהלט פאַרוואָס ער האָט זיך באַשלאָסען קיינמאָל ניט צו באַנוצען זיין קונסט פאַר אַנאַנדער פרוי און ערקלערט, אַז ווי שעהן דאָס בילד זאָל ניט זיין, איז עס גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט איין קוש פון דער, פון וועמען עס איז געמאָלען.

אָבער פון אַלע ערצעהלונגען פון דע מוסעי איז „עמעלין“ זיכער די שעהנסטע. זי איז באַגרינדעט אויף דעם דיכטער'ס ערשטער ערעלערער, גליקליכערער, אָבער ניט־לאַנגער, ליעבע נאָך זיין צו־קריגען זיך מיט זשאָרזש זאַנד. און אין איהר ווערען געמאָלען די הויפּט־שטריכען פון דער דאָזיגער ליעבע. אַ יונגער מענש ווערט ליידענשאַפטליך פאַרליעבט אין אַ יונגער פאַרהייראַטער פרוי, וועמעס צויבער ווערט געמאָלען מיט די צאַרטסטע פאַרבען, אָבער די פאַרבען זיינען געקליבען געוואָרען מיט אַ גוט־באַטראַכטענדע אויג. אין דער גאַנצער נייעסטער ליטעראַטור איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס מען זאָל קענען פאַרגלייכען מיט אָט דער קונסט פון דע מוסעי, אויסער די בעסער־געמאָלענע צאַרטע פרויען־כאַראַקטערען פון טורגענעוו; אָבער ביי טורגענעוו זיינען די פרויען מעהר גייסטיג,

וועניגער רעאַליסטיש; דער דיכטער באַטראַכט זיי מיט די אויגען פון אַ ליעבהאַבער, וועלכע זיינען ניט אַזוי מקפּיד און זיי ווערען ביי איהם געמאָלען מיט וועניגער קינסטלערישער דרייסטקייט. — נאָכדעם ווי דער יונגערמאַן טראָגט זיך אַ לאַנגע צייט אַרום מיט זיין ליעבע אָהן ערפאָלג, געווינט ער אָמענדע דאָס הארץ פון דער פרוי און זי גיט זיך איהם איבער. דאַמאָלס שיידען זיי זיך פלוצלינג אויף אייביג דערפאַר, וואָס זי איז צו אויפריכטיג און קען ניט אָפּנאַרען איהר מאַן און די געפיהלען פון איהר געליעבטען זיינען צו דעליקאַט ער זאָל קענען פארבלייבען ניט־ווייט פון איהר אונטער די אומשטענדען.

אין דער דאָזיגער ערצעהלונג קומט פאָר אַ געדיכט, וואָס דער יונגער דיכטער בעט זיין דאַמע זי זאָל עס לייענען, וועלכע, איך דענק, איז די שעהנסטע עראָטישע פּאָעמע, וואָס דע מוסעי האָט אָנגעשריבען אין דער צווייטער פעריאָדע פון זיין שאַפען. ער רעדט אין איהר מיט אַ שפּראַך פון אידעאַלסטען געפיהל. דאָס איז די באַריהמטע ליעד „ווען איך זאָל אייך זאָגען, אַז איך האָב אייך ליעב". אין איינעם פון די פערזען פון דעם ליעד זאָגט דער דיכטער:

„איך האָב ליעב, און דערפאַר קען איך ענטפערען גלייכגילטיג;
איך האָב ליעב — אָבער דאָס זאָגט נאָך גאָר ניט; איך אַליין ווייס,
וואָס דאָס מיינט; מיינע ליידען זיינען פאַר מיר טייער, ווארים איך
האָב געשוואָרען צו ליעבען אָהן האָפנונג, אָבער ניט אָהן גליק. — איך
זעה אייך, דאָס איז פאַר מיר גענוג".

דורך דער זעלבער צייט, וואָס ער האָט אָנגעשריבען די דאָזיגע פראָכטפולע ערצעהלונגען, וואָס מאַכען דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטען געשריבען געוואָרען אויף בלומענבלעטער, האָט דע מוסעי אָנגעשריבען עטליכע קורצע דראַמען, אין וועלכע די ליעבע ווערט פאַרגעשטעלט אַלס אַ שרעקליכע מאַכט, מיט וועלכער מען קען זיך ניט שפּילען, ווי מיט פייער; מיט וועלכער מען קען ניט טרייבען קיין שפּאַס, ווי מיט אַן עלעקטרישען פונק, וועלכער טויטעט אויפ'ן שטעל. ער האָט אויך געשאַפען אַ פּאָר אַנדערע דראַמען, וואו דער אַריסטאָקראַטישער טאָן זייגער און זיין שאַרפער

וויץ פינקלען דורך א סטיל, וואס איז דורכגעוועבט מיט טיפען געפיהל און מיט נשמה. *)

פון די קליינע פיעסען איז „א קאפריז“ אמבעסטען אויסגעארבייט; דער דיאלאג אין איהר צייכענט זיך אוים מיט א פינקעלדיגען וויץ. קיינע פון זיינע פיעסען זיינען ניט אזוי פאלקאמען, ווי די, לויט זייער אויסערער באארבייטונג און דער גאנצקייט פון דעם אינהאלט, און זי האט כשר פארדיענט, אז מען זאל אויסקריצען איהר נאמען צווישען די בעסטע ווערק פון דע מוסעי אויף זיין מצבה אין „פער לאשעיז“. אין דער פיעסע ווערט דער עראטישער קאפריז, די ליעבע אויף א וויילע אונטערווארפען אונטער'ן יאך פון פארהייראטען לעבען. דער מאן ווערט דא פארגעשטעלט אלס א לייכטזיניגער, אונפארטרויענסווערטער מענש; ביידע פרויען אבער, וועלכע קעמפען צוזאמען, דאגעגען, האבען זייערע הערצער אויפ'ן ריכטיגען ארט און איינע פון זיי איז אויסערדעם קלוג און גוט ערצויגען און איז צוליעב דעם זעהר רייצענד. מאדאם דע־לערי איז א פאריזערין, און קיינער האט ניט באשריבען די פאריזער פון יענער צייט אזוי געניאל, ווי דע מוסעי. באשרייבענדיג מאדאם דע־לערי האט דע מוסעי געהאט צו טאן מיט א מענשען פון זיין אייגענעם שטאנד. זי איז אין אלע פרטים א וועלט־דאמע, אין דער זעלבער צייט איז זי אבער אין אלץ א פרוי. דאס שעהנסטע אין איהר כאראקטער איז דאס, וואס דורך דער העכסטער ראפינירטקייט איהרער אלס א פרוי פון דער העכערער

---

*) זיין נסיעה איבער איטאליען מיט זשארזש זאנד האט געדויערט פון ענדע 1833 ביז אפריל 1834. אין יענעם יאהר האט ער אנגעשריבען: „מען שפאסט ניט מיט ליעבע“ און „לארענסאטשיא“; אין 1835 האט ער געשאפען זיין אונבאדייטענטסטע פיעסע — „בארבארין“, „דער ענגלייכטער“ און „דער ודוי פון א קינד פון דעם יאהרהונדערט“; אין 1836 — „עמעלין“ און „מען טאר זיך ניט פארשווערען“; אין 1837 — „א קאפריז“, „די צוויי מעטרעסען“ און „פרעדעריק און בערנערעט“; אין 1838 — „דער זוהן פון טיטיאן“; „די טיר דארף זיין אדער אפען אדער פארשלאסען“ איז געשריבען געווארען אין 1845; „בעטין“ — אין 1851 און „קארמאזין“ — אין 1852.

געזעלשאַפט זעהט זיך אַרויס אַז אמת'ע פרישקייט, ניט־פאַרדאַר־בענקייט און אויפריכטיגקייט. זי איז נאַטירליך, ניט קוקענדיג אויף דער גלענצענדער וויציגקייט פון איהר געשפּרעך; ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי איז צו־פריה געוואָרען ערפאַהרען מיט'ן לעבען און האָט זיך מיט איהם איבערגעזעטיגט; זי איז נאַטירליך אפילו אין איהר געמאַכטקייט, אפילו אין דער קליינער קאָמעדיע, וואָס מאַדאַם דע־לערי האָט, אַלס פרוי, וועלכע איז שטענדיג ביז אַ געוויסען גראַד אַ קאָמעדיאַנטין, געמוזט שפּילען.

„אַך, — רופט אויס געטהע אין איינעם פון זיינע בריעף, — ווי אמת איז עס דאָך, אַז קיין זאַך איז ניט אַזוי וואונדערבאַר, ווי דאָס נאַטירליכע; קיין זאַך איז ניט אַזוי גרויס, ניט אַזוי שעהן, ווי דאָס נאַטירליכע; קיין זאַך—און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, ווי דאָס נאַטירליכע".

ביי דע מוססעט פאַריזערין איז געבליבען איהר נאַטירליכקייט ניט קוקענדיג אויף דער געקינצעלטקייט פון דעם פרעהליכען לעבען פון דער געזעלשאַפט, צו וועלכער זי האָט באַלאַנגט. די פּיעסע „אַ קאַפּריז" איז באַגרינדעט אויף אַ מאָראַלער אידעע. אָבער בשעת פּיעלע דיכטער באַגרייפען די ליעבע און שטעלען זי פאַר אַלס אַ זאַך, וואָס איז פעסט און דויערהאַפט, וואָס מען קען נעמען ווי אַ שטיק גראַניט און מאַכען זי פאַר דעם פונדאַמענט פון אַ גאַנצען לעבען, באַטראַכט זי דע מוססעט אַלעמאַל, אפילו ווען ער איז העכסט מאָראַליש, אַלס דעם איידעלסטען און מעכטיגסטען תמצית פון לעבען און דאַריבער אַלס אַ זאַך, וואָס קען אַמשנעלסטען פאַרשווינדען. זי קען טויטען אַ מענשען ווען זי איז אַמשטאַרקסטען, זי קען אָבער אויך זיך אויסוועפּען, ווי דאַמף.

אין זיינע לעצטע פּיעסען ריהמט דע מוססעט די פרויען פאַר דער געטרייהייט און דער ריינקייט פון זייער כאַראַקטער. ער האָט גע־גלויבט, אַז די דאָזיגע גוטע מידות עקזיסטירען אין די פרויען, הגם ער אַליין האָט ניט געהאַט דעם גליק צו געפינען זיי אינ'ם לעבען. שוין אין זיין „באַרבאַרין", וועלכע איז באַגרינדעט אויף אַן אַלטער לעגענדע, האָט ער געמאָלען אַ געטרייע ווייב אין דעם זעלבען סטיל, ווי שעקספּיר שטעלט פאַר „אימאָגען". אָבער די פּיעסע איז געווען

גים אינטערעסאנט. צום סוף פון זיין דראמאטישער קאריערע האט ער געשאפען נאך צוויי אויסערגעוועהנליך שעהנע, וואונדערבארע געשטאלטען פון פרויען. אין דעם קליינעם מייסטערווערק „בעטטין“ האט ער געלייזט איינע פון די שווערסטע פראבלעמען, וואס עס קומען פארביים מאלען פון א כאראקטער, און ער האט עס געטאן אזוי לייכט ווי מען בינדט פאנאנדער א האלז־טיכעל. בעטטין קומט ארוים אויף דער סצענע און קוים האט זי נאר דריי־פיער פראזען ארויסגערעדט פיהלען מיר שוין, אז מיר האבען פאר זיך א שטארקע, בראווע, טיעפפיהלענדע און גרויסהארציגע פרוי; מעהר ווי דאס: מיר פיהלען, אז פאר אונז איז א פרוי מיט טאלאנט, א קינסטלערין, וועלכע איז געוואוינט געווארען צו האבען טריאומפען, וועלכע פיהלט זיך גייסטיג העכער פון איהר סביבה און וועלכע רעכענט זיך וועניג מיט די קליינליכע השגות פון לעבען. עס איז דער פריהמארגען פון דעם טאג פון איהר חתונה. זי קומט ארוים זינגענדיג אויף דער ביהנע, וואו דער באאמטער, וועלכער דארף פראווען די אפיציעלע חתונה־צערעמאניע,ווארט אויף איהר; זי געהט גלייך צו צו איהם און צו זיין גרויסער איבערראשונג פאנגט זי אן צו ריידען צו איהם אויף „דו“: „אך, דאס ביזט דו, דער נאטאריוס, מיין ליעבער נאטאריוס, מיין פריינד! האסטו מיט זיך דיינע פאפירען?“ זי רעכענט זיך מיט דעם כבוד פון זיין אמט אזוי וועניג, אז זי ווייזט פאר איהם ארוים גאנץ אפען איהר שמחה מיט דעם, וואס היינט האט זי חתונה. ביי דער קלענסטער געלעגענהייט ציינט זיך ארוים איהר מונטערקייט און איהר גוטער כאראקטער. איהר געשפרעך איז ניט אזוי גלענצענד וויציג ווי פון די אריסטאקראטישע פרויען פון דער הויכער געזעלשאפט. זי איז אבער אפענהערציג, צוטרויליך, גרוים און פריי ווי אן אמת'ע קינסטלערין; די ריינע מענשליכקייט פון איהר כאראקטער ציינט זיך נאך העלער ארוים דורך דעם, וואס מיר זעהען זי אויף א הינטערגרונד פון מאראלע פארדארבענקייט, וואס איהר קאלטער און קאפריזנער חתן שטעלט מיט זיך פאר.

די פראכטפולע קליינע דראמע „קארמאזין“, וועלכע איז באגרינדעט אויף איינע פון באקאטשיא'ס נאוועלען, איז געשריבען געווארען צו ציינען ווי אזוי די שטארקסטע ליעבע, די הייסעסטע

פאַרגעטערונג קען געהיילט ווערען דורך גרויסמוטיגע פריינדליכ־קייט און צערטליכקייט דאָרטען, וואו די געליעבטע זיינען דורך אויסערע אומשטאַנדען געשיידען. קאַרמאָזין, אַ יונגע מיידעל פון דעם מיטעל־קלאַס, ווערט פאַרברענט פון אַ האָפנונגסלאָזער ליעבע צום קעניג פון אַראַגאָן, פּעדראָ. צוליעב דער דאָזיגער ליידענשאַפט איהרער אַנטזאַגט זי די האַנד פון איהר געטרייען און פאַרזאָרגטען ליעבהאָבער פּערילאָ. זי איז אַנטשלאָסען צו שטאַרבען אין איהרע שטילע ליידען. אָבער איהר יוגענד־חבר, דער זינגער מינוטשיאָ, אוים מיטלייד צו איהר, דערצעהלט דעם קעניג און דער קעניגין וועגען דער מיידעל׳ס ברענענדער ליעבע. אַנשטאָט צו ווערען אין כעס, געהט די קעניגין צו דער מיידעל פאַרשטעלטערהייט און פּרו־בירט זיך מיט ווייבע, שוועסטערליכע ווערטער איינצושטילען איה־רע שמערצען. זי זאָגט איהר, אַז אַזאַ טיעפע און גרויסע ליעבע איז צו־שעהן מען זאָל זי איינגאַנצען אַרויסרייסען פון האַרצען; אַז די קעניגין אַליין פאַרלאַנגט זי זאָל ווערען איינע פון די עהרענ־דאַמען כדי זי זאָל אַלע טאָג קענען זעהן דעם קעניג, וואָרים דורך אַזאַ ליעבע, וועלכע קומט פון די שטרעבונגען פון דער נשמה צו עטוואָס העכערעס, ווערען מענשען בעסער און איידעלער:

— „איך אַליין, קאַרמאָזין, וועל דיך לערנען, אַז מען קען ליבען אָהן ליידען, ווען די ליעבע איז אַזאַ, אַז מען האָט זיך ניט איבער וואָס צו שעמען מיט איהר. נאָר שאַנדע און געוויסענביסע פאַר־שאַפען יסורים. נאָר שולדיגע ליידען פון דעם, אָבער דיין געדאַנק איז זיכער ריין און אומשולדיג״.

דאָ קומט אַריין דער קעניג מיט דעם אויסרייד, אַז ער וויל זעהן איהר פאָטער, און פאַר דער קעניגין אין די אויגען זאָגט ער צו איהר:

— „האָט מען עס, גוטע מיידעל, וועגען אייך דערצעהלט, אַז איהר זייט געפעהרליך קראַנק? אין אייער פּנים זעהט מען עס ניט... איהר ציטערט, דאַכט זיך. האָט איהר זיך מורא פאַר מיר?״

— „ניין, מאַיעסטעט״.

— „אויב אַזוי, טאָ גיט מיר אייער האַנד. וואָס באַדייט עס.

וואוילעם קינד? איהר, אזא יונגע, וועלכע איז באַשאַפען געוואָרען צו דערפרעהען די הערצער פון אַנדערע, ערלויבט זיך צו ווערען באַהערשט פון שמערץ? איך בעט אייך, אין דעם נאָמען פון אייער ליעבע צו מיר, פרובירט זיך צו באַהערשען און זעהט, אַז איהר זאָלט וואָס שנעלער געהיילט ווערען".

— „אייער מאַיעסטעט, איך האָב צו וועניג קרעפטען, איך זאָל קענען איבערטראָגען דעם שרעקליכען וועהטאָג, וואָס האָט פאַר־אורזאַכט אַלע מיינע ליידען. נאָר דורך אייער מיטלייד מיט מיר איז מעגליך, אַז גאָט וועט מיך באַפרייען פון זיי".

— שעהנע קאַרמאַזין, איך וועל מיט אייך ריידען ווי אַ קעניג און אַ גוטער פריינד. די גרויסע ליעבע, וואָס איהר פיהלט צו מיר, איז פאַר אייך, לויט אונזער מיינונג, די גרעסטע עהרע, און, אַלס באַלוינונג, וועלען מיר מיט אונזער אייגענער האַנד געבען אייך דעם מאַן, וואָס מיר האָבען פאַר אייך אויסגעקליבען אָ‍ן מיר בעטען אייך איהר זאָלט איהם נעמען. אויב איהר וועט עס טאָן, וועלען מיר אין דער צוקונפט זיך רופען אייער ריטער (קאַוואַליער) און ביי טורנירען טראָגען אייער דעוויז (אַ אויסדרוק, וועלכען איינער נעמט אָן פאַר זיך אַלס דעם וויכטיגסטען כלל פון לעבען) און אייערע קאָלירען. מיר וועלען דערפאַר ביי אייך קיין זאַך ניט פאָדערען אויסער איין־איינציגען קוש".

די קעניגין זאָגט דערביי צו קאַרמאַזין:

— „טוט עס, מיין קינד, איך בין ניט אייפערזיכטיג".

— „אייער מאַיעסטעט! די קעניגין האָט שוין פאַר מיר גע־ענטפערט".

אין וואָס פאַר אַ וועלט קומט דאָס פאָר? אין וואָס פאַר אַ וועלט איז די לופט, וועלכע מיר אָטעמען, אַזוי ריין, זיינען דאָ אַזוינע ערהויבענע געפיהלען, איז די ליעבע אַזוי עניוות'דיג, אַזוי ברענענד און אין דערזעלבער צייט אַזוי איידעל? און וואו איז דאָ אַזאַ ריטערליכקייט, אַזאַ געטרייהייט און אַזאַ פרייהייט פון אייפערזיכט? וואו איז דאָ אַזאַ גוטסקייט? וואו איז דאָ אַזאַ קעניג? וואו איז דאָ אַזאַ קעניגין?

דער ענטפער מוז ענטשיידען זיין: אין דעם לאַנד פון דעם אידעאַל; ניט ערגעץ אַנדערשוואו. צו די ברעגען פון דעם דאָזיגען לאַנד קומט אַמענדע דער חוצפה׳דיגער ציניקער דע מוסעי אין זיין ראָלע אַלס דיכטער. דע מוסעי, אַלס מענש, איז פאַרטראָגען געוואָרען צו אַנדערע ברעגען. ער איז געפאַלען אַ קרבן פון אויסגעלאַסענקייט און שיכרות. זיין ניט דיסציפּלינירטער, שוואַכער כאַראַקטער איז געווען זיין אומגליק. אין זיינע שריפטען ווערט ער אַלץ מעהר רוחניות׳דיג, זאָגאַר מעהר מאָראַליש; אין זיין לעבען אַבער זינקט ער אַלץ טיעפער אין דעם תהום פון תאוה. ער האָט פריה פאַרלאָרען דעם קאָנטראָל איבער זיך אליין; פאַר אַ געוויסער צייט האָט ער מיט דער הילף פון זיין קונסט זיך אויפגעהויבען איבער די חורבות פון זיין לעבען, אַבער אַמענדע זיינען אפילו די פליגלען פון דער קונסט געוואָרען מאַכטלאָז.

ער האָט פיעל געהאָפט אויף דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע. ער האָט ערוואַרטעט אַז די יולי־רעוואָלוציע וועט שאַפען אַ קעניגליכען הויף, וועלכער האָט ליעב די קונסט, אַ ליבעראַלע פּאָליטיק, די אויפלעבונג פון דער נאַציאָנאַלער עהרע און אַ בליהענדע צייט פאַר דער שעהנער ליטעראַטור. מיר קענען זיך פאָרשטעלען זיין ענטוישונג. עס איז מעגליך, אַז דער קעניגליכער הויף מיט אַ געשמאַק פאַר דער שעהנער ליטעראַטור און פאַר דער קונסט וואָלט געווען ראַטעווען דע מוסעי מיט זיין איינפלוס. ער וואָלט איהם צוגעצויגען צו זיינע קרייזען, וואָלט איהם געצוואונגען צו פאַרהיטען זיין אייגענעם כבוד און וואָלט איידעלער געמאַכט זיינע תענוגים, אפילו יענע תענוגים, אין וועלכע ער פלעגט אַריבערכאַפּען די מאָס. אַבער לואי פיליפּ, וועלכער איז בכלל געווען אַ פיינער, געבילדעטער, שלום־ליעבענדער קעניג, האָט ניט געהאַט קיין טיעפע ליעבע פאַר פּאָעזיע און קיין גרויסען געשמאַק אין דער ליטעראַטור. ער איז געווען נאָך ווייניגער פעהיג מקרב צו זיין צו זיך אַלפרעד דע מוסעי איידער וויקטאָר הוגאָ. דע מוסעי האָט אָנגעשריבען אַ סאָנעט וועגען דעם פאַרזוך אויף דעם לעבען פון דעם קעניג, וואָס מעניע האָט געמאַכט אין דעם יאָהר 1836. ער האָט דאָס ליעד ניט אָפּגעדרוקט, אַבער דער הערצאָג פון אָרלעאַן, דעם קעניג׳ס זוהן און יורש־עצר פערדינאַנד, מיט וועמען דע מוסעי

האָט אַמאָל צוזאַמען זיך געלערענט אין איין שולע, האָט דעם סאַנעט געליייענט און ער איז איהם אַזוי שטאַרק געפעלען געוואָרן, אַז ער האָט איהם געוואָלט פאָרלייענען פאַר דעם קעניג. דער קעניג האָט קיינמאָל ניט אויסגעפונען ווער האָט דעם סאָנעט גע־שריבען, וואָרים נאָך איידער דאָס לייענען איז געקומען צום סוף, איז ער געוואָרען זעהר אויפגעבראַכט דערפאַר, וואָס דער שרייבער האָט געהאַט די העזה צו ווענדען זיך צו איהם אויף „דו“ און האָט מעהר ניט געוואָלט אויסהערען. כדי צו פאַרגלעטען די באַליידי־גונג האָט דער הערצאָג געקראָגען פאַר דע מוסעי אַן איינלאַדונג צו די בעלער אין דעם קעניגליכען פאַלאַץ. ווען מען האָט דעם דיכטער פאַרגעשטעלט פאַר לואי פיליפ, איז ער נשתומם געוואָרען מיט דעם ברוך־הבא, וואָס ער האָט באַקומען. דער קעניג איז צו איהם צוגעגאַנגען און מיט אַ שמייכעל, ווי ער וואָלט געוועןן איינ־גענעם איבערראַשט, געזאָגט: „איהר זייט ערשט געקומען פון זשאַינוויל; עס פרעהט מיך זעהר צו זעהן אייך“. דע מוסעי האָט צו גוט געוואוסט ווי צו האַלטען זיך אין אַ הויכער געזעלשאַפט און האָט ביי די ווערטער קיין איבערראַשונג ניט ארויסגעציינט. ער האָט זיך נידעריג פאַרנייגט און ביי זיך געטראַכט, וואָס דעם קעניג'ס ווערטער קענען מיינען. לסוף האָט ער זיך דערמאַנט, אַז אַ ווייטער קרוב זיינער האָט געדיענט אַלס אינספעקטאָר פון די וועלדער אויף די קעניגליכע גיטער אין זשאַינוויל. דער קעניג האָט ניט באַלעסטיגט זיין זכרון מיט די נעמען פון שרייבער, ער האָט אָבער גוט געדענקט די נעמען פון אַלע באַאַמטע, וועלכע האָבען אַכטונג געגעבען אויף די קרוין־גיטער. פאַר אַ משך פון עלף יאָהר צייט האָט ער אַלע ווינטער מיט דעם זעלבען פאַרגע־ניגען באַגעגענט דעם געזאָלט־זייניגען וואַלד־אינספעקטאָר און האָט איהם אויפגענומען מיט אַזוינע פאַרנייגונגען און גליקליכע שמיי־כעלס, אַז פיעלע פון די הויף־מענשען פלעגען ווערען דערביי בלייך פון קנאה. מען האָט געמיינט, אַז דער קעניג גיט עס אָפּ אַזאַ כבוד דער שעהנער ליטעראַטור. אָבער איינס איז זיכער, אַז לואי פיליפ האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז דורך דער צייט פון זיין הערשאַפט האָט אין פראַנקרייך געלעבט אַ גרויסער דיכטער, וועל־כער האָט געהאַט דעם זעלבען נאָמען ווי זיין וואַלד־אינספעקטאָר.

אזא גלאַנצלאָזע רעגירונג ווי לואי פיליפ׳ס האָט געמוזט זיין שטאַרק דערווידער פאַר דע מוסעי. זיין קריעגערישער, ווילד־ארויסרופענדער ענטפער אויף בעקער׳ס „רהיינליעד" צייגט קלאָר ווי זיין ליריק וואָלט זיך געקענט אַנטוויקלען אונטער אַנדערע פּאָליטישע אומשטענדען. אונטער די באַדינגונגען, וועלכע האָבען עקזיסטירט, האָט ער זיך געמוזט באַגרענעצען מיט דער פּאָעזיע פון יוגענד און ליעבע; און ווען די יוגענד איז געווען אַריבער, האָבען זיינע כחות שוין מעהר ניט געקענט אויפלעבען. זיינע טוגענדען, די מידות־טובות וואָס ער האָט געהאַט, זיינען פאַר איהם געווען ניט קיין קלענערער אומגליק, ווי זיין פאַרדאַרבענקייט. שטאָלץ און חשוב ביי זיך ווי ער איז געווען, איז אין איהם אָבער ניט געווען קיין סימן פון דעם זוכעניש נאָך כבוד, וואָס טרייבט אַ מענשען צו פאַר׳מסחר׳ן זיינע גייסטיגע כחות, קיין שפּור פון דעם יצר־הרע צו עשירות, וואָס צווינגט אַ מענשען פלייסיג צו אַרבייטען, אָדער פון דעם עגאָאיזם, דורך וועלכען אַנדערע שרייבער באַטראַכטען זיך אַלס דאָס וויכטיגסטע אין דער וועלט. ער האָט זיין לעבען דורכגעמאַכט מיט אַזא ברענענדער האַסטיגקייט, אַז ווען ער איז אַלט געוואָרען פערציג יאָהר איז ער שוין געווען אַזוי אויסגעשעפּט פון זיינע כחות ווי אַ זיעבציג־יאָהריגער זקן, אָהן דער זקנ׳ישער רוהיגקייט און חכמה. זיין פריהצייטיג אויס־געמאַטערטקייט האָט מיט זיך געבראַכט אויך אַ גייסטיגע אויס־געוועבטקייט. ער האָט ניט געהאַט יענע הויכע שטרעבונגען, וועלכע צווינגען אַ דיכטער צו לעבען איינגאַנצען פאַר זיין קונסט; ער האָט אויך ניט געהאַט קיין שפּור פון יענע געזעלשאַפטליכע אָדער פּאָליטישע חושים, וועלכע טרייבען פּראָדוקטיווע מוחות צו אַרבייטען אוים פליכט צו אַנדערע. ער איז געווען אַזוי שוואַך, האָט זיך אַזוי ווייניג געקענט קאָנטראָלירען, אַז ער האָט ניט גע־קענט ביישטעהן דעם לייכטסטען נסיון. ער האָט ניט געהאַט קיי־נע שטרעבונגען, זיין לעבען איז געוואָרען אַבסאָלוט צוועקלאָז, ווי זיין קונסט איז עס געווען. פאַר איהם איז קיין זאַך ניט געווען טייער גענוג ער זאָל וועלען דערפאַר עפּעס טאָן; ער האָט קיין זאַך שטאַרק גענוג ניט געוואָלט זאָגען ער זאָל זיך צוליעב דעם צופיעל אָנשטרענגען. ער איז געווען צופיעל ניט־איינגעהאַלטען, צו

וועניג מיושב׳דיג פאר זעלבסט־אנטוויקלונג אין דעם זין, ווי געטהע האָט עס פאַרשטאַנען; אלס א צוועק, וועלכער מאַכט אלע אַנדערע צוועקען איבריג.

ווען אַלפרעד דע מוסעי איז געשטאָרבען אין דעם יאָהר 1857, האָט ער איבערגעלעבט זיינע שאַפענדע כחות, וועלכע זיינען שוין געווען טויט פאַר עטליכע יאָהר צייט.

11.

זשאָרזש זאַנד.

אין דער הקדמה צו „די טייוועלשע בלאָטע“ שרייבט זשאָרזש זאַנד: „איך גלויב, אַז די מיסיע פון קונסט איז אַ מיסיע פון געפיהל און פון ליעבע און אַז די מאָדערנע נאָוועלע דאַרף פאַר־נעמען דעם פּלאַץ פון די משלים און די פאַבלען פון דער אַלטער קינדערשער צייט. דער צוועק פון דעם קינסטלער דאַרף זיין אַרויס־צורופען ליעבע פאַר די זאַכען, וועלכע ער מאָלט; און איך, פון מיין צד, וועל צו איהם ניט האָבען קיינע טענות אויב ער פּוצט זיי צו אַביסעל. קונסט איז ניט קיין אונטערזוכונג פון אַ גע־וויסער ווירקליכקייט, נאָר אַ שטרעבונג צום אידעאַלען אמת“. די דערוואַקסענע פרוי ערקלעהרט דאָ אַלס איהר עסטעטישען גלויּ־בען דאָס, וואָס זי האָט געפיהלט איהר גאַנצען לעבען. זי האָט אַלע מאָל באַטראַכט דעם באַרוף פון אַ שרייבער אַלס אַ שטרע־בונג צו דאָס העכסטע, צו וואָס די מענשהייט איז פעהיג; אָדער, ריכטיגער געזאָגט, זי האָט געדענקט, אַז די שליחות פון דעם שרייבער איז צו דערהויבען דעם געדאַנק איבער די פעהלערען פון די עקזיסטירענדע באַדינגונגען פון דעם געזעלשאַפטליכען לע־בען כדי צו שאַפען פאַר איהם אַ ברייטען האָריזאָנט און מיט דעם צוצוגעבען איהם כחות ער זאָל, ווען ער וועט זיך ווידעראַמאָל אַרונטערלאָזען אויף דער ערד, קענען באַקעמפען די פאָראורטיי־לען, די געבונדענקייט און רויהקייט פון דעם געדאַנק און די גראָב־קייט פון דאָס הארץ, וועלכע זיינען די סיבות פון די דאָזיגע פעהלערען.

אין איהר הקדמה צו „לע קאָמפּאַניאָן דו טור דע פראַנס“, זאָגט זי: זינט ווען איז עס געוואָרען אַ מוז, אַז אַ נאָוועלע מוז זיין אַ באַשרייבונג פון דאָס, וואָס עס איז, פון דער האַרטער און קאַלטער ווירקליכקייט, ווי זי איז יעצט מיט מענשען און זאַכען? איך וויים, אַז זי קען זיין אַזוינס, און אַז באַלזאַק, דער קינסטלער, וועמעס טאַלאַנט איך האָב שטענדיג געשעצט, האָט אָנגעשריבען די „מענשליכע קאָמעדיע“, אָבער, הגם איך בין געוועזען באַפריינדעט מיט יענעם גלענצענדען מאַן, האָב איך דאָך באַטראַכט דעם מענשליכען לעבען גאַנץ אַנדערש פון איהם. איך געדענק ווי איך האָב אַמאָל צו איהם געזאָגט: „איהר שרייבט די „מענשליכע קאָמעדיע“. דער נאָמען איז אַ באַשיידענער. איהר קענט עס אויך רופען די מענשליכע דראַמע, די מענשליכע טראַגעדיע“. — „יאָ“, — האָט ער מיר געענטפערט, — „און איהר, איהר שרייבט דעם עפּאָס פון דער מענשהייט“ (אַ באַגייסטערטע, פּאָעטישע באַשרייבונג פון מענשליכע פּאַסירונגען). „דער נאָמען אין דעם פאַל“ — האָב איך איהם געענטפערט, — „וואָלט געווען אַ צו־הויכער. דאָס, וואָס איך וויל שרייבען איז די פּאַסטוכער־ליעד, די מענשליכע באַלאַדע, דעם מענשליכען ראָמאַן בכלל. פּשוט׳ער געזאָגט, איהר האָט חשק און די פעהיגקייט צו מאָלען דעם מענשליכען לעבען ווי איהר זעהט איהם. גוט! איך אָבער פיהל, אַז מיין אַרבייט איז צו מאָלען איהם, ווי איך ווינש זיך ער זאָל זיין, אַזוי ווי ער האָט, לויט מיין מיינונג, געדאַרפט זיין“. און דערפאַר, וואָס קיין קנאה און קיין קאָנקורענץ איז צווישען אונז ניט געווען, האָבען מירביידע אָנערקענט, אַז יעדער פון אונז איז גערעכט“.

עס שיינט, אַז זשאָרזש זאַנד האָט מיט די ווערטער געמיינט צו פּראָטעסטירען געגען דער באַשולדיגונג, וואָס איז געגען איהר געמאַכט געוואָרען, אַז זי וויל זיך צו׳חנפ׳ענען צו די נידריגערע קלאַסען מיט איהר אידעאַליזירען זיי אין איהרע באַשרייבונגען. מיט דעם ערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס זי האָט אַזוי קלאָר און דאָגמאַטיש אויסגעדריקט איהר נאַטירליכען אידעאַליזם. זי איז אָהן ספק געווען אַ אידעאַליסטקע דורך איהר גאַנצען לעבען; אָבער ניט דער פאַרלאַנג פאַרצושטעלען די מענשען „ווי זיי וואָלטען באַדאַרפט זיין“ האָט אין דער ווירקליכקייט באַגייסטערט

איהר שרייבען, נאָר איהר שטרעבען צו באַווייזען וואָס זיי וואָלטען ג ע ק אָ נ ט ז י י ן ווען די געזעלשאַפט זאָל ניט אָפּהאַלטען זייער גייסטיגע אַנטוויקלונג, זאָל זיי ניט קאָרופּטירען, זאָל ניט צושטערען זייער גליק; דערפאַר ווייזט זי ניט אַרויס קיין רחמנות ווען זי מאָלט די פאַרשטעהער פון דער „געזעלשאַפט". זשאָרזש זאַנד האָט לכתחילה געמיינט צו געבען אַ ריכטיגען בילד פון דעם לעבען, פון דער ווירקליכקייט, ווי זי האָט זי דורכגעמאַכט און געזעהן; דאָס, וואָס זי האָט פאַרגעשטעלט, איז געווען אַ באַגייסטערטער בליק פון אַ פרוי אויף דער ווירקליכקייט. דער חלק פון לעבען, וואָס זי האָט געזעהן, איז געווען אַ שטיק ערד פאַרצויגען מיט דער ליכטיגקייט פון דעם הימעל. איהר קלאָרער בליק איז געווען דער קלאָרער בליק פון אַ דיכטער.

יענע יאָהרען זיינען פאַר דער ליטעראַטור געווען אונגעהויער פּראָדוקטיוו. וויקטאָר הוגאָ, באַלזאַק און אַלעקסאַנדער דומאַ האָבען געשריבען אָהן אַן אויפהער, איין ווערק נאָך אַ צווייטען. דומאַ האָט אַמענדע אַנגעהויבען אַרויסצוגעבען ביכער ווי פון אַ פאַבריק; ער פלעגט דרוקען פיער אָדער פינף ראָמאַנען מיט־אַמאָל און מיט דער הילף פון פיעלע מיט־אַרבייטער פלעגט ער אַלע יאָהר אַרויסלאָזען אויפ'ן ביכער־מאַרק אַ היבשען שראַנק מיט בענדער. זשאָרזש זאַנד'ס פּראָדוקטיוויטעט איז געווען כמעט ניט ווייניגער מערקווירדיג. איהרע ווערק באַשטעהען פון 110 געדיכט געדרוקטע בענדער. איך קען זיך דאָ ניט אונטערנעהמען צו געבען אַן איבערבליק וועגען אַלע פון זיי. דער עיקר, וואָס איך וויל, איז אָנצוצייגען די הויפּט־פּונקטען פון די וויכטיגסטע ווערק, די אידעען, וואָס שטרוימען דורך זיי דורך, די סך־הכלים, וועלכע וועלען בלייבען אפילו דאַן, ווען די פּרטים פון די ביכער וועלען פאַרגעסען ווערן.

די לעבענס־געשיכטע פון זשאָרזש זאַנד, וואָס האָט געשאַפען אַ גרונד פאַר דער ערשטער גרופּע פון איהרע ראָמאַנען, זיינען אַלעמען באַקאַנט. זי איז געבאָרען געוואָרען אין 1804; דעם פאָטער איהרען האָט זי פאַרלאָרען ווען זי איז געווען נאָך גאָר יונג; איהר מוטער איז געווען אַ נאַרישע, ליידענשאַפטליכע פרוי; איהר באָבע איז געווען אַן אָנגעזעהנע און קלוגע זקנה; זי איז אויפ־

געהאדעוועט געווארען אויף דעם גוט פון דער פאמיליע אין נאהאן, אין בעררי, ווי א געוועהנליך דארף־קינד, ארומטאנצענדיג אין דרויסען, האט ליעב געהאט די נאטור און די פרייהייט און האט זיך גע׳חבר׳ט מיט די קינדער פון די פויערען, ווי מיט איהרע גלייכע. איהרע געשמאקען זיינען געווען די זעלבע, ווי פון דעם פשוט׳ען פאלק, אבער דאס האט ניט אפגעשוואכט איהרע ראמאנטישע נייגונגען. ווי שאטאבריאן האט, ווען ער איז געווען נאך גאר יונג, געשאפען פאר זיך דעם געשטאלט פון אן אידעאלע, באצויבערנדע פרוי, וועגען וועלכער ער האט שטענדיג גע׳חלום׳ט, אזוי האט אויך די יונגע פאנטאזיע פון זשארזש זאנד געשאפען פאר זיך א בילד פון א העלד, פאר וועמען זי האט געבויט א מזבח פון שטיינער און פארוואקסענע ערד אין א ווינקעל פון איהר גארטען און וועמען זי האט באטראכט אלס דעם אויפטוער פון די אלע וואונדערליכע מעשים, וואס איהר פרוכטבארער געדאנק האט אויסגעטראכט. ווען זי איז אלט געווען דרייצעהן יאהר האט מען זי אוועקגעשיקט צו לערנען זיך אין א פאריזער קלויסטער־שול. צוערשט האט איהר שטארק געפעהלט דער פרייער לעבען פון דארף; שפעטער איז זי פאר א צייט געווארען הייס־רעליגיעז; אבער נאך איידער זי איז געקומען צוריק קיין נאהאן איז איהר פרומקייט אוועק און אנשטאט דעם האט זי ארויסגעוויזען א לעבעדיגען אינטערעס אין דער ביהנע און אין פאליטישער ליטעראטור. אין איהר דארפישער סביבה לייענט די אונטערגעוואקסענע מיידעל צום ערשטען מאל די ווערק פון רוסא און זי ווערט באצויבערט, ווי דאס פאסירט מיט אונז אלעמען, ווען מען אנטדעקט פאר אונז אונזער אייגענע נאטור. פון דאמאלס אן ביז צום סוף פון איהר לעבען איז זי א געטרייע תלמיד׳קע פון רוסא. זיינע באגריפען וועגען דער נאטור און זיין באוואונדערונג פאר איהר, זיין גלויבען אין גאט, זיין גלויבען און זיין ליעבע צו גלייכהייט, זיין פאראכטליכער פארהאלטען זיך צו דאס, וואס מען רופט ציוויליזירטע געזעלשאפט, האבען אפעלירט צו אלע איהרע אינסטינקטען ווי זיי וואלטען אויפגעוועקט און ארויסגערופען די געפיהלען, וועלכע האבען געדרעמעלט אין איהר נשמה. אויך שעקספיר, בייראן און שאטאבריאן האבען אויף איהר א שטארקע ווירקונג געהאט; זיי מאכען זי

פיהלען זיך איינזאם אין איהר סביבה און שאפען אין איהר יענע ערשטע אונבאשטימטע מעלאנכאליע, וואס ביי די יונגע, ליידענשאפטליכע און ענטוזיאסטישע נשמות קומט געוועהנליך פריהער איידער די מעלאנכאליע פון ווירקליכער אנטוישונג. די דאזיגע מיידעל, וועלכע, מיט איהר מעכטיגען געדאנק, מיט איהר רייכער פאנטאזיע,—א נאטור, וואס האט געמאכט פאר איהר אונמעגליך אפצולעבען איהרע יאהרען זעלבסטשטענדיג פאר זיך אליין, און וואלט זיך קיינמאל ניט צופרידענגעשטעלט מיט דער געזעלשאפט פון בלויז איין מאן, עס מאכט ניט אויס ווי איידעל און באגאבט ער זאל ניט זיין, — האט אין דעם יאהר 1822 חתונה פאר א געוויסען מוסיע דודעוואן, א גאנץ געוועהנליכער דארפישער פריץ, ניט בעסער און ניט ערגער פון די מעהרסטע פון זיין סארט מענשען. ער איז געווען ניט־קולטורעל און ליידענשאפטליך און לחלוטין אונפעהיג צו פארשטעהן זיין פרוי; אבער עס איז קלאר, אז ווען ער וואלט אפילו געווען א פיעל בעסערער מאן, וואלט דער סוף פון דער דאזיגער חתונה געווען דער זעלבער. נאר די ערשטע דריי יאהר זיינען אריבער אין שלום און אין פריינדשאפט. ארום דעם יאהר 1825 פאנגט זשארזש זאנד אן צו קוקען אויף איהר מאן פון אויבען ארונטער און מיט איהר נאטירליכער דורשט נאך סימפאטישע באציהונגען שאפט זי פאר זיך פריינדשאפט מיט אנדערע מענער; דאס האט איהר געהאלפען גרינגער אויסצוהאלטען די באליידיגענדע און זעהר ערנידעריגענדע באדינגונגען פון איהר היימישען לעבען. מוסיע דודעוואן, וועלכער איז געווען גענוג מאנ־ביל ער זאל ניט קאנען אריבערטראגען די גייסטיגע פרייהייט פון זיין פרוי, הגם ער איז געווען א לגמרי צו־נישטיגע פערזענליכקייט ער זאל האבען די פעהיגקייט אויסצונוצען דעם געפיהל פון גייסטיגער אבהענגיגקייט, וואס האט איהר געצוואונגען צו זוכען פאר זיך א פיהרער און א וועגווייזער, האט אפילו איהרע אונשולדיגסטע פריינדליכע פארהעלטנישע מיט אנדערע מענער באטראכט אלס אן עבירה געגען איהרע ווייבליכע פליכטען. אמענדיג האבען די שטענדיגע צווישען־מאן־און־ווייב־ברוגזין און מחלוקות איגנאנצען אפגעפרעמדט זיי צווישען זיך. אפילו די צוויי קינדער, וואס זיינען פון דער חתונה ארויסגעקומען, האבען ניט געהאט

בכח צוזאַמענצוהאַלטען די עלטערען. אין דעם יאָהר 1831 איז זשאָרזש זאַנד אַוועק קיין פּאַריז צו וואוינען ־אַ־ט אײנע אַליין.

פון די דאָקומענטען אין שיכות מיט דעם גט־פּראָצעס, וואָס עס האָט זיך דאַמאָלס אָנגעפאַנגען צווישען זשאָרזש זאַנד און איהר מאַן, ווי אויך פון איהרע בריעף, קען מען באַקומען א גוטען באַגריף וועגען איהר פאַרהייראַטען לעבען. אין דער צייטונג „גאַזעט דע טריבונאַ" (יולי 30טער, אויגוסט 1טער און 19טער פון דעם יאָהר 1836, און יוני 28טער און יולי 12טער 1837) האָב איך געלייענט די טענות פוןביידע צדדים. די גרויסע פרוי איז געווען געצוואונגען אויסצוהערען פון איהר מאַנ'ס אַדוואָקאַט שרעקליכע, מיאוס'ע באַשולדיגונגען געגען זיך. מיט איהרע שעהנע טונקעלע האָר אַרונטערגעוואָרפען אויף איהר שווארצען סאַמעטענעם יאַקעל אַדער אַמאָל אָנגעטאָן לויט דער מאָדע פון יענער צייט — אין ווייסען, אין א געבלומטער שאַל אויף די אַקסלען — איז זשאָרזש זאַנד געזעסען און האָט זיך צוגעהערט ווי גיט איהר האָט מען עס געמיינט. איהר מאַן האָט איהר באַשולדיגט, אַז נאָך איידער זי איז געווען גאַנצע דריי יאָהר פאַרהייראַט האָט זי ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון פון א פאַרברעכערישער ליידענשאַפט צו אַן אַנדער מאַן. „מוסיע דודעוואַן האָט אין גיכען אַנטדעקט, אַז די פרוי, וועלכער ער האָט פאַרגעטערט (!), נאַרט איהם אָב, ער איז אָבער געווען גרויסמוטיג און האָט איהר מוחל געווען".

דער אַדוואָקאַט האָט פאָרגעלייענט א לאַנגען בריעף פון מאַדאַם דודעוואַן צו איהר מאַן, אין וועלכען זי איז זיך מודה, אַז זי איז באַגאַנגען פאַרשיידענע פעהלערען און שרייבט, אַז זי האָט אויף דעם חרטה; זי דריקט אויס אין דעם בריעף די מיינונג, אַז די מיספאַרשטענדנישע צווישען איהר און איהר מאַן זיינען אַרויסגעקומען דורך דעם, וואָס זייערע כאַראַקטערע זיינען פאַרשיידען, וואָס עס מיינט בשום אופן ניט, אַז איהם פעהלט גרויסמוטיגקייט אָדער פריינדליכקייט. דער דאָזיגער בריעף, האָט מוסיע דודעוואַנ'ס אַדוואָקאַט זעהר אונלאָגיש אַרגומענטירט, מיינט אַז די דאַמע איז זיך מודה, אַז זי איז געווען אונטריי צו איהר מאַן. ווייטער האָט ער דערצעהלט, אַז פון דעם יאָהר 1825 ביז דעם יאָהר 1828 האָט די פּאָרעל פּריוווּיליג געלעבט געשיידען און אַז

מאַדאַם דודעוואַן, אפילו נאָכדעם ווי זי איז אין דעם יאָהר 1831 אַוועק קיין פּאַריז „צו פיהרען דאָרט אַ לעבען פון אַ קינסטלערין", האָט אָנגעהאַלטען אַ פריינדליכע קאָרעספּאָנדענץ מ׳ט איהר מאַן און פלעגט ביי איהם נעמען דריי הונדערט פראַנק אַ יאָהר. (ער האָט ניט דערמאָנט וועגען דעם, אַז זי האָט אריינגעבראַכט איהר מאַן אַ נדן פון אַ האַלבען מיליאָן פראַנק.) אָמענ־ע, אין אָנפאַנג פון דעם יאָהר 1835, האָט די פּאָרעל זיך אויסגעגלייכט צווישען זיך און האָבען אָפּגעמאַכט, אַז איין קינד זאָל בלייבען ביים פאָטער און דאָס צווייטע זאָל זיין מיט דער מוטער, אַז דער פּאַרמעגען זייערער זאָל ווערען גלייך צוטיילט צווישען זיי און זיי זאָלען איינער דעם אַנדערען ניט שטערען צו לעבען ווי יעגער וויל; אָבער איידער די דאָזיגע פּשרה איז דורכגעפיהרט געוואָרען האָט זשאָרזש זאַנד חרטה געקראָגען און האָט אָנגעפאַנגען אַ פּראָצעס פאַר אַ גערינטליכע שיידונג (אָהן אַ פּאַרמעלען גט) פון איהר מאַן. (אין אַ מחלוקת איבער זייער זוהן האָט מוסיע דודעוואַן געוואָלט זי אַ קלאַפּ טאָן און, לויט ווי עדות דערצעהלען, האָט זיך געכאַפּט פאַר זיין ביקס צו שיסען זי). ניט קוקענדיג אויף אַלע באַשולדי־גונגען, וואָס זי האָט געמאַכט געגען איהר מאַן, האָט דער אַדוואָ־קאַט דערמאָנט, האָט דאָס גערינכט דאַמאַלס אָנטזאָגט איהר בקשה. יעצט איז געקומען די צייט פאַר מוסיע דודעוואַן צו באַקלאָגען זיך. ער לייקענט אַלע קלאָגען, וואָס זיינען געגען איהם געמאַכט געוואָרן, און ער מאַכט פון זיין צד די שווערסטע באַשולדיגונגען געגען זיין פרוי; ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אַ פרוי, וועלכע האָט אָנגעשריבען אַזעלכע אונמאָראַלע ביכער, ווי זשאָרזש זאַנד׳ס, איז ניט פּאַסיג צו ערציהען איהרע קינדער; ער האָט זי באַשולדיגט, „אַז זי איז באַהאַוונט אין די סודות פון דעם שענדליכסטען ניאוף". אויף דעם סמך פון די דאָזיגע באַשולדיגונגען, וועלכע ער, מוסיע דודע־וואַנ׳ס אַדוואָקאַט, גלויבט צו זיין גאַנץ גערעכטע, האָט עס זשאָרזש זאַנד ווידער אַמאָל אָנגעגעבען אַ בקשה פאַר אַ שיידונג. דער אַדוואָקאַט האָט זיינע היציגע טענות פאַרענדיגט מיט אַזאַ אויס־גוס:

„הייסט עס, מאַדאַם, אַז אייער מיינונג איז, אַז אַ פרוי קען, ווען זי וויל נאָר, פּאַנאַנדער׳תכלית׳ן אַ האַלבען פּאַרמעגען, זי קען

פאַרביטערען איהר מאַנ'ס לעבען און, ווען זי וויל זיך אריינ־לאָזען אין נאָך מעהר אונגעצאַמטע אויסגעלאַסענקייטען, קען זי עס טאָן דורך דעם פּשוט'ען און באַקוועמען פּלאַן צו ברענגען נעגען איהם אין געריכט פאַלשע באַשולדיגונגען, אַז ער פיהרט זיך אויף אַפּשטויסענד!"

עס האָט געמוזט זיין שווער פאַר דער שטאַלצער פרוי צו זיצען אין געריכט און צו צוהערען זיך ווי איהר נאָמען און איהר גאַנצער לעבען ווערט באַשמוצט. זי האָט קיין צופיעל נחמה ניט געקענט געפינען אין דעם, וואָס תיכף נאָך דער זידלעריי האָט איהר אַד־וואָקאַט און פריינד, מישעל דע־בורזש, שטאַרק געליבט זי אַלס אַ געניאַלע פרוי און ער האָט געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק לייענענדיג מערקווירדיג שעהנע שטעלען פון איהרע בריעף און דערצעהלענדיג וועגען אַלע זידעל־ווערטער און די ברוטאַלע האַנד־לונגען פון איהר מאַן געגען איהר. איהר איז שוין ניט געווען קיין נייעס צו זעהן ווי די צייטונגען זידלען איהרע ראָמאַנען דער־פאַר, וואָס זיי פאַרטיידיגען כלומר'שט שאַנדלאָזע אונמאָראַליש־קייט, אָבער צו הערען ווי איהר פריוואַטער לעבען ווערט באַשמוצט מיט אַזאַ לשון איז געווען פאַר איהר אַ נייער נסיון. די עפענט־ליכע פאַרהאַנדלונגען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ סוף צו איהר פאַרהייראַטען לעבען, גיבען אונז אַ מעגליכקייט רעטראָספּעקטיוו (קוקענדיג אויף צוריק) איהם צו באַטראַכטען און צו פאַרשטעהן די אַנטריסטונג מיט דעם דאָזיגען לעבען ווי זי האָט זיך צוערשט אויסגעדריקט אין איהרע ווערק — „אינדיאַנאַ", „וואַלענטין", „לעליאַ" און „זשאַק".

דאָס זיינען ביכער, וועלכע האָבען אַ קנאַפּען ליטעראַרישען אינטערעס פאַר דעם היינטיגען לעזער; די כאַראַקטערען זיינען שוואַכע און ניט־קלאָרע אידעאַליזירונגען; די האַנדלונגען זיינען אָדער אונגלויבליך, ווי אין „אינדיאַנאַ", אָדער ווייט פון אמת'ן לעבען, ווי אין „לעליאַ" און אין „זשאַק". דאָס איבערגעבען איז, טראָץ דעם שעהנעם האַרמאָנישען קלאַנג פון איהר סטיל, צופיעל אָנגעצויגען און מליצה'דיג. אין די בריעף און אין די מאָנאָלאָגען איז זי אַפּט אַ פּאַטעטישער בעל־דרשן. און דאָך איז אין די דאָזיגע יונענדליכע ראָמאַנען פון זשאָרזש זאַנד דאַ אַ פייער, וועלכער

ליכט און וואַרימט ביז היינטיגען טאָג. זיי האָבען אָנגעקלאַפּט טענער, וועלכע וועלען ניט אויפהערען צו קלינגען פאַר דורות. עס הערט זיך פון זיי אַ וועה־געשריי און אַ מלחמה־רוף אין דער זעל־בער צייט, און דאָרט, וואוהין זיי דרינגען אַריין, וועקען זיי אַזעלכע געפיהלען און געדאַנקען, וועמעס וואוקס דעם יעצטיגען דור איז געלונגען אָפּצוהאַלטען, אָבער וועלכע וועלען זיך אין דער צוקונפט פאַרשפּרייטען אַזוי רייך און מעכטיג ווי מיר קענען זיך עס נאָר פאַרשטעלען.

„אינדיאַנאַ“ איז דער ערשטער אויסבראָך פון פאַרביטערט־קייט און יסורים פון אַ יונגען, רייכען האַרצען. די יונגע העלדין איז די פאַרקערפּערונג פון אידעלע האַרציגקייט און שעהנע גרויס־מוטיגקייט; איהר מאַן, דער אויבער־קאַפּיטאַן דעלמאַר, איז אַ מוסיע דודעוואַן, אָבער אַביסעל גוטמוטיגער פון יענעם. אינדי־אַנאַ'ס ליעבענדע, באַגייסטערטע נשמה קעהרט זיך אָפּ אַ פאַר־וואונדעטע פון איהר מאַן צו אַ געליעבטען. דער בוך צייכענט זיך אויס מיט דאָס מאָלען פון דעם כאַראַקטער פון דעם דאָזיגען געליעבטען, וואָרים אין פאַרגלייך מיט איהם איז אפילו דער מאַן פיעל סימפּאַטישער. ראַימאָן — איז אַ גאַנץ געוועהנליכער יונ־גער פראַנצויז פון דער צייט פון דער רעסטאַווראַציע, ווען די בורבאָנען־משפחה האָט ווידער אַמאָל געקעניגט מיט גאָט'ס חסד; ער איז געוועזען אַזאַ, ווי די געזעלשאַפט פון זיין דור האָט איהם גע־מאַכט: סענטימענטאַל און אויסגערעכענט; האָט געדורשט נאָך ליעבע און איז געוועזען עגאָאיסטיש; די געזעלשאַפטליכע מיינונג, דער פסק פון דעם עולם, האָט געהאַט אויף איהם אַזאַ גוואַלדיגען איינפלוס, אַז זיין פריהערדיגע האַרט־האַרציגקייט ענטוויקעלט זיך אין אַ האַרצלאָזיגקייט; אויף זיין וואָרט האָט מען קיינמאָל זיך צופיעל ניט געקענט פאַרלאָזען, יעצט ווערט עס אינגאַנצען ווערט־לאָז; זיין עכטע מיטעלמעסיגקייט ווייזט זיך אַמענדע אַרוים גאַנץ קלאָר דורך דער גלאַנציגער שאָלאַכץ פון זיינע טאַלאַנטען און מעלות. שוין אין דעם דאָזיגען ערשטען ווערק איהרען טרעטען אַרוים עטליכע הויפּט־טיפּען פון זשאָרזש זאַנד'ס מענערשע כאַ־ראַקטערען. דאָ זעהען מיר דעם פאַרגרעבטען מאַן, וועלכער ווערט ברוטאַל דורך דער מאַכט, וואָס די געזעלשאַפט האָט איהם גע־

געבען איבער זיין פרוי, און דאָ איז אויך דער מאַן מיט דעם שוואַכען כאַראַקטער, וועלכער האָט ניט גענוג שטאַרקייט אין זיך איינצוהאַלטען זיין תאוה און האָט אין ניך אויסגעאַרבייט אזאַ הכנעה פאַר דעם פסק פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, אז מיט דער צייט ווערט ער אינגאַנצען אַן עלענדע בריה און אַ פייגלינג. ווי מיר זעהען, פאַנגט זשאָרזש זאַנד אָן איהר ליטעראַרישע קאַריערע מיט אַ גאַנץ לעבעדיגע אויפדעקונג, אויף אַ ווייבערשען שטייגער, פון דעם מענערשען עגאָאיזם. אָבער באַלד אין איהר ערשטען בוך שטעלט זי פאַר אונז אויך פאַר איהר אידעאַלען מאַן, וועלכער דאַרף זיין דער היפוך פון די אַנדערע עגאָאיסטישע מענער, אין דער געשטאַלט פון דעם געליעבטען־אין־רעזערוו (לעתיד) ראַלף. ער שיינט צו זיין פלעגמאַטיש, אָבער אין דער ווירקליכקייט איז ער זעהר היציג. ער איז אַ שווייגער, ווי זשאָרזש זאַנד אַליין, און דערפאַר, ווען מען קוקט זיך צו איהם גוט ניט צו, דוכט זיך, אז ער איז אַן אָנגעבלאָזענער און אַ קאַלטער, ווי דאָס קומט פאָר מיט איהר; אין דער ווירקליכקייט איז ער אַ פאַרקערפערונג פון זעלבסטאָפּפערונג, גרויסמוטגקייט און איבערגעבענע ליעבע; — דעם דאָזיגען טיפּ, אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, איז זשאָרזש זאַנד ניט מיעד געוואָרען פאָרצושטעלען אין איהרע ראָמאַנען פיעלע יאָהרען. מיר טרעפען איהם אין „לעליאַ“ אלס דער מיושב׳דיגער און שווערגעפּרופטער טרענמאָר, דער גאַלערענשקלאַף, וועלכער פאַר׳משפט די געזעלשאַפט מיט סטאָאישער רוהיגקייט; אין „זשאַק“ איז ער דער העלד, וועלכער באַגעהט זעלבסטמאָרד אויס במעט איבערמענשליכע גרויסמוטיגקייט, כדי ער זאָל ניט זיין קיין שטערונג צו דער ליעבע פון זיין פרוי צו אַנאַנדער מאַן; אין לעאָן לעאָני איז ער דער רוהיגער, מענליכער דאָן אַלעאָ, וועלכער איז ביז צום סוף גרייט צו הייראַטען די אָרימע זשוליעט, וועלכע איז ווי דורך אַ כשוף צוגעבונדען צום ביז־גאָר פאַרדאָרבענעם לעאָן, דער דאָזיגער מאָנזבילשער נוסח פון מאַנאָן לעסקאָ; אין „איינטימער סעקרעטאַר“ איז ער דער עניוות׳דיגער דייטש, מאַקס, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט אַ קינדערשער גוטסקייט און מיט אַ פּאָעטישער באַגייסטערונג און וועלכער איז אין געהיים פאַרהייראַט צו דער פרינצעסין, ווען אַלע פאַרגעטערען; אין „על

און לואי" איז ער דער ענגלענדער פּאַלמער, וועלכער איז דער היפּוך פון דעם געניאַלען פּאַריזער הפקר־יונג לאַראַן; אין „די העכסטע ליעבע" הייסט ער סילוועסטר און איז אַ שוואַכערער זשאַק. אַט די אַלע פיגורען האָבען אַ חסרון, וועלכען מען טרעפט ניט זעלטען אין אידעאַלען; זיי זיינען בלוטלאָז. פּאַרקעהרט, געשטאַלטען ווי ראַימאָן, וועלכע שטעלען מיט זיך פאַר די „געזעלשאַפט" מיט איהר עגאָאיזם, גאוה׳דיגקייט און שוואַכקייט פון כאַראַקטער האָבען זיך איהר פיעל בעסער איינגעגעבען. ראַימאָן אַליין איז פיעל מעהר רעאַליסטיש, ווי אַלע אַנדערע כאַראַקטערען אין „אינדיאַנאַ"; די לאָקאַלע פאַרבען אין זיין פאַל זיינען פיעל שטאַרקער, מעהר באַשטימט. די שרייבערין (אין קאַפּיטעל 10) ערקלעהרט זיין ניט־מענליכקייט מיט דעם, וואָס דער דור בכלל איז „געניייגט צו פשרות און נאָכגעביגקייט"; זי רופט די גאַנצע עפּאָכע „די צייט פון גייסטיגע אונאַנטשלאָסענקייט"; זי צייגט ווי אַזוי ראַימאָן, וועלכער האָט פאַרטיידיגט פּאָליטישע געמעסיגקייט, מיינט, אַז דערפאַר, וואָס ער האָט ניט קיינע פּאָליטישע ליידענשאַפטען, האָט ער אויך ניט קיינע פּאָליטישע אינטערעסען, און דעריבער שטעהט ער העכער פון וועלכער עס איז פּאָליטישער פאַרטיי; דער אמת איז, אַז די עקזיסטירענדע, געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען זיינען צו־גוט פאַר איהם ער זאָל זיי ווילען ענדערען. ער איז „ניט אַזוי אונדאַנקבאַר דער השגחה, אַז ער זאָל האָבען צו איהר טענות פאַר פרעמדע צרות". די פיעלע נאָכקומער פון דעם דאָזיגען כאַראַקטער אין די ראָמאַנען פון זשאָרזש זאַנד צייגען אַלע ווי טיעף און מיט וואָס פאַר אַ דעלקאַטקייט זי פלעגט אַריינדרינגען אין דער מענשליכער נאַטור, אַנפאַנגענדיג מיט סטעניאָ, דער פּאָעט פון „לעליאַ", און אָקטאַוואַ, דער פאַרליעבטער אין „זשאַק", וועלכע זיינען לייכט אַנגעוואָרפענע מענשליכע פערזענליכקייטען מיט שוואַכע כאַראַקטערען, ווען די ליידענשאַפטען וואַרפען אַרום און שפּילען מיט זיי ווי מיט אַ באַל, און ענדיגענדיג מיט די פאַרזיכטיג, מיט פיעלע כאַראַקטעריסטישע שטריכען, געמאָלענע געשטאַלטען, ווי דער לייכטזיניגער זינגער פון דעם דרום, אַנצאָלעטאָ, אין „קאָנסועלאָ"; דער קרענקליך נערוועזער פירשט קאַראָל (שאָפּען) מיט זיין פיינעם עגאָאיזם, אין

„לוקרעציא פלאריאני“, און דער ניט־באשטעלטער, צופיעל קאפריזנער יונגער מאלער לאראן (אלפרעד דע מוסעי), אין „על און לואי“.

דער ראמאן „אינדיאנא“ געהט אזוי ווייט, אז צום סוף ווערט דער גראבסטער מאנזבילשער עגאאיזם אטדעקט אין דער יעצטיגער געזעלשאפטליכער ארדנונג און אין דער רעליגיאן, ווי זי ווערט געלערענט יעצט פון די מענער. זיי האבען געמאכט גאט פאר א מאן, לויט זייער אייגענעם געשטאלט. אינדיאנא שרייבט צו איהר היפאקריטישען ליעבהאבער:

„איך דיען ניט צו דעם זעלבען גאט צו וועלכען דו דיענסט. איך דיען צו מיין אייגענעם גאט, וועלכער איז בעסער און ריינער. דיין גאט איז דער גאט פון די מענער, אליין א מאנזביל, א קעניג, שעפער און באשיצער פון דעם מאנזבילשען מין; מיין גאט איז דער גאט פון דער וועלט, דער שעפער, דער פארהיטער און די האפנונג פון יעדער לעבעדיגער באשעפעניש. אייער גאט האט אלע באשאפען פון אייערטוועגען; מיין גאט האט באשאפען אלע לעבעדיגע זאכען זיי זאלען לעבען איינער פאר דעם אנדערען“.

אין די דאזיגע ווערטער זעהט מען צוויי זאכען. א נאאיווען פראטעסט געגען דער געזעלשאפטליכער ארדנונג, וועלכע איז באגרינדעט אויף דער אונטערוואַרפענקייט פון דער פרוי צום מאן, און דעם אפטימיזם פון א תמימות׳דיגען, יוגענדליכען, פארטרויענספולען גלויבען אין גאט. זשארזש זאנד האט זיך לאנג ביי דעם אפטימיזם ניט געהאלטען. נאר מיט צוויי יאהר שפעטער פארענדיגט זי איהר „לעליא“ מיט אן אויסבראך פון ווילדען, פארצווייפעלטען פעסימיזם.

ליעגענדיג אויף איהר טויטענבעט זאגט די העלדין פון יענעם ראמאן:

„אך, אומעטום הערשען פארצווייפלונג און יסורים; פון די פארען פון אלץ, וואס עקזיסטירט אויף דער וועלט, קומען ארויס וועה־געשרייען פון ליידען. די וועלען ווארפען זיך צום ברעג קארטשענדיג זיך און קרעכצענדיג; דער ווינט וויינט און יאמערט אינ׳ם וואלד. אט די אלע בוימער, וואס בויגען זיך איין און הייבען זיך אויף נאר כדי נאכאמאל זיך איינצובויגען אונטער די קלעפ פון דעם שטורעם, ליידען שרעקליכע וועהטאגען. עס איז

דאַ איין אומגליקליכע, פאַרשאַלטענע, שרעקליכע בריאה, צו וועל־בער עס איז נימאַ קיין גרענעץ, וועלכע נעמט אַרום די גאַנצע וועלט, און די וועלט, וועלכע איז אונז באַקאַנט, איז צו קליין פאַר איהר. די דאָזיגע בריאה זעהט מען ניט, זי איז אָבער דאַ אין אַלץ און איהר שטימע פילט אַן דעם רוים מיט אַן איביגען זיפץ. אַ געפאַנגענע אין דער אונענדליכקייט באַוועגט זי זיך אין איהר שלאַגענדיג מיט'ן קאָפּ און מיט די אַקסלען אַן די גרענעצען, וואָס די ערד און דער הימעל שאַפען; זי קען אָבער די דאָזיגע גרע־נעצען ניט אַריבער; אַלץ שטיקט איהר, אַלץ פייניגט זי און מאַכט איהר יסורים; אַלץ פאַרשעלט זי און אַלץ האָט זי פיינט. ווער איז די דאָזיגע בריאה און פון וואַנענט איז זי געקומען?... איינע רופען זי פּראָמעטעאוס, אַנדערע — שטן; איך אָבער רוף זי תשוקה (פאַרלאַנג); איך, די סיביליע, די טרייסטלאָזע סיביליע, איך, דער גייסט פון די פאַרגאַנגענע דורות... איך, די צובראָכענע לירע, דער שטומער אינסטרומענט, וועמעס טענער די יעצטיגע איינוואוינער פון דער וועלט קענען ני טפאַרשטעהן, אָבער אין וועמעס ברוסט עס הערט זיך נאָך די הימעלשע האַרמאָניע; איך, די פּריסטערין פון דעם טויט, וועלכע פיהלט, אַז אַמאָל בין איך געוועזן פּיטהיאַ (די פּריסטערין פון אַפּאָלאָ, דורך וועמען ער פלעגט איבערגעבען זיינע נבואות) און, אַז שוין דאַן האָב איך געוויינט, דאַן האָב איך געזירעט, אָבער איך געדענק מער ניט דאָס הייליגענדע וואָרט... אַך, אמת! אמת! כדי דיך צו געפינען האָב איך זיך אַרונטערגע־לאָזען אין תהומות, אין וועלכע דער מוטיגסטער מאַן קען ניט אַריינקוקען ניט ווערענדיג צומישט פון שרעק. אָבער, אַה, אמת! דו האָסט זיך נאָך ניט אַנטפּלעקט; שוין צעהן טויזענד יאָהר, אַז איך זוך דיך און אומזיסט! שוין צעהן טויזענד יאָהר, אַז אויף אַלע מיינע אַנגעוועהטאַגטע פראַגען הער איך נאָר איין־איינ־ציגען ענטפער; די איינציגע נחמה אויף אַלע מיינע שמערצען איז געוועזן דער קלאַנג פון אַ פאַרצווייפעלטען זיפץ פון די אונ־מעכטיגע פאַרלאַנגען, וועלכער הערט זיך איבער דער גאַנצער פאַר־שאַלטענער וועלט. צעהן טויזענד יאָהר נאַכאַנאַנד האָב איך גע־שריען אין דער אונענדליכקייט: אמת! אמת! צעהן טויזענד יאָהר נאַכאַנאַנד ענטפערט מיר די אונענדליכקייט: תשוקות!

תשוקות! אָ, אונגליקליכע סיביליע! אַך, שטומע פּיטהיאַ! צוקלאַפּ זיך דיין שטערן אַט די פּעלזענוועגט פון דיין הייל און מיש אויס דיין בלוט, וועלכע שוימט פון כעס, מיט דעם שוים פונ'ם ים!"

די האַרציגע יוגענדליכע מעלאַנכאָליע פון זשאָרזש זאַנד דער־גרייכט איהר העכסטע שטופע אין אָזאַ אויסבראַך. בקיצור ווי איך האָב איהם דאָ געבראַכט — (ביי זשאָרזש זאַנד פאַרנעמט ער זעקס מאָל אַזוי פיעל פּלאַץ) — גיט ער איהר זעלבסט־געפיהל, אין זיין דאַמאָלסדיגען צושטאַנד, צו אַ שעהנעם לירישען אויס־דרוק. ווען זי האָט געשריבען „אינדיאַנאַ" זיינען נאָך ניט דער געפיהל פון איהר אייגענער העכערקייט און ניט איהר פינסטע־רער פעסימיזם געווען אַזוי בולט ביי איהר. זי האָט אָנגעשריבען די דאָזיגע באַשיידענע ערצעהלונג אַלס אַ מליץ־יושר מיט אַ גע־פיהל פון רחמנות פאַר די קרבנות פון דער עקזיסטירענדער גע־זעלשאַפטליכער אָרדנונג. זי האָט ניט געהאַט קיין מיין דערביי צו אַטאַקירען וועלכע עס איז באַשטימטע געזעלשאַפטליכע איינ־ריכטונגען, אפילו ניט די הייראַט, ווי איהרע געגנער האָבען עס איהר באַלד פאַרגעוואָרפען. זי זאָגט, זעהט אויס, דעם אמת, ווען זי ערקלעהרט (אין דער פאָררעדע פון דעם יאָהר 1842), אַז אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, ווי זי האָט אָנגעשריבען די ערשטע הקדמה צו „אינדיאַנאַ" אונטער דעם איינפלוס פון דעם לעצטען ביסעל אַבשיי, וואָס איז ביי איהר דאַמאָלס פאַרבליבען פאַר דער עק־זיסטירענדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, האָט זי נאָך אַלץ גע־פּרופט זיך צו געפינען אַ ענטפער פאַר דעם אונלייזבאַרען פּראָב־לעם: צו געפינען אַ וועג ווי צו באַשיצען דעם גליק און דעם כבוד פון די איינצעלנע, ווען די געזעלשאַפט אונטערדריקט, און אין דער זעלבער צייט צו פאַרהיטען די געזעלשאַפט גופא. זי איז אויך גערעכט ווען זי ערקלערט, אין אַ בריעף צו ניזאַר (דער לעצ־טער אין „די בריעף פון אַ רייזענדען"), אַז זי האָט נאָר אַטאַ־קירט פאַרהייראַטע מענער, אָבער ניט די הייראַט אַלס אַ געזעל־שאַפטליכע איינריכטונג. זי איז לכתחילה ארויסגעטראָטען פאַר דער וועלט אַלס ערצעהלערין און פּסיכאָלאָג אָבער ניט אַלס רע־פאָרמערין. דער עיקר אינהאַלט פון „אינדיאַנאַ", ווי פון „וואַ־

לענטין״, זיינען די יוגענדליכע וואַרימקייט, דער פּאַטעטישער שוואונג, די באַגייסטערטע ליידענשאַפטען און די שטורעמדיגע פּראָטעסטען פון דער יוגענד. אין זיי ווערט מעהר באַשריבען די געשיכטע פון דער נשמה, ווי די געשיכטע פון די פּערזאָנען. דאָך איז געוועזען אין די באַשריבענע געפיהלען (די געפיהלען האָבען אין זיך ניט געהאַט קיין שום רשעות, הגם זיי זיינען געוועזען ניט לויט די אָנגענומענע דינים פון דער געזעלשאַפט), און נאָך מעהר אין די געדאַנקען, וועלכע וואַרפען זיך דורך איבער דער גאַנצער ער־צעהלונג, עטוואַס אַזוינס, וואָס האָט ווירקליך אַ קלאַפּ געגעבען די יסודות פון דער געזעלשאַפט. דערפאַר איז עס ניט געוועזען בלויז נאַרישקייט, וואָס די פּאַרטיידיגער פון דער עקזיסטירענדער אָרד־נונג זיינען מיט אַזאַ אימפּעט באַפאַלען די דאָזיגע ביכער און זייער מחבר. מענשען האָבען דערפיהלט בחוש, אַז אַזוינע גע־פיהלען און געדאַנקען וועלען פריהער אָדער שפּעטער ענדערען די הערשענדע פאַרהעלטנישע אין דער געזעלשאַפט. זיי האָבען שוין זייער אַרבייט אָנגעפאַנגען און זייער איינפלוס ווערט פון טאָג־צו־טאָג גרעסער.

דער אידעאַליזם גופא פון „די דאָזיגע ביכער און זייער באַ־גייסטערטער טאָן מאַכט זיי בעצם רעוואָלוציאָנער. דאָס קומט פון דעם, וואָס פאַר דער שרייבערין עקזיסטירט נאָר די אינער־ליכע וועלט, וועלכע זי ערלויבט זיך פריי צו ענטוויקלען ניט אַ טראַכט געבענדיג דערביי, אַז די דאָזיגע אַנטוויקלונג קען מאַכען אַ חורבן פון דער אויסערער וועלט; און באַשרייבענדיג מייסטענס די שטאַרקסטע געפיהלען, אָדער בעצם גענומען איין איינציגען געפיהל, וועלכער דריקט זיך אויס אין זעהר אַ סך פאַרשיידענע פאָרמען — דעם געפיהל פון ליעבע — צייגט זי ווי אַזוי זיינע גע־זעצען און די געזעצען פון דער געזעלשאַפט קומען שטענדיג אין צוזאַמענשטויס. הגם עס איז ביי איהר ניט קיין ספק, אַז אין אונזערע צייטען מוז מען האָבען די חתונה־געזעצען און אַז אָהן זיי קען די געזעלשאַפט זיך ניט באַגעהן, דאָך גראָבט זי אונטער דעם גלויבען, אַז די הייראַט מוז בלייבען לעולם־ועד, מוז געדויע־רען אייביג (די קאַטוילִיקען גלויבען, אַז פאַרהייראַטע קענען זיך בשום אופן ניט שיידען. איבערזעצער). אמת, לכתחילה אַטאַקירט

זי נאָר די מענער, נאָר ווען מען באַטראַכט איהרע פאָדערונגען פון אַן אידעאַלען מאַן, זעהט מען, אַז די דאָזיגע פאָדערונגען קענ־נען בשום אופן ניט צופרידענגעשטעלט ווערען אונטער די עק־זיסטירענדע לעבענסבאַדינגונגען. כמעט אויף דעם זעלבען אופן האָט קירקעגאארד שפּעטער אונטערגעגראָבען דעם קריסטענטום אַרויסשטעלענדיג צו גרויסע אידעאַלע פאָדערונגען פאַר דעם איינ־צעלנעם קריסט.

די פראַנצויזישע נאַטוראַליסטישע שולע, — פּערציג יאָהר שפּעטער, — וועלכע האָט אָפט געליטען פון מעהר אָדער ווענייגער גרונדלאָזע באַשולדיגונגען אין אונמאָראַליטעט, האָט זיך נוקם געווען מיט דעם, וואָס זי האָט די דאָזיגע באַשולדיגונגען איבערגעחזר'ט געגען אַט די ערשטע ענטוזיאַסטישע ווערק פון זשאָרזש זאַנד. ווען עמיל זאָלאָ פלעגט אַרויסטרעטען מיט זיינע אָפטע טענות געגען דעם אידעאַליסטישען ראָמאַן, פלעגט ער קיינ־מאָל ניט פאַרפעהלען אָנצוצייגען, אַז די שטענדיגע שטרעבונג אַריבער די גרענעצען פון דעם, וואָס עס איז ערלויבט פאַר דעם איינצעלנעם מענשען, די שטענדיגע באַשרייבונגען, ווי די מענש־ליכע נשמה זוכט מעהר פרייהייט פאַר די געדאַנקען און די גע־פיהלען, זיינען אַ געפאַהר פאַר דער פאַמיליע און פאַר דער געזעל־שאַפט. ער האָט געשטאַלצירט מיט דעם, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט אונגעזעצליכע ליעבע אַזוי, אַז עס זאָל אויסזעהן אַנציהענד; ער פלעגט אַזאַ ליעבע שטענדיג איינטונקען אין בלאָ־טע. ער וואָלט געקאָנט צוגעבען, אַז ער און זיינע נאָכפאָלגער פון דער באַלזאַק־שולע האָבען קיינמאָל ניט געפיהלט קיין באַ־דערפעניש אין אַ מאָראַל, וועלכע זאָל זיין העכער פון דער אָנגע־נומענער, און האָבען קיינמאָל ניט אַרויסגעקוקט, אַז די יעצטיגע סאָציאַלע באַדינגונגען זאָלען זיך ענדערען. זיי האָבען זיך אַליין געצוואונגען צו באַגרענעצען זיך מיט באַשרייבען נאָר די אויסער־ליכע ווירקליכקייט, וועלכע זיי קענען זעהן מיט די אייגען, און זיי האָבען זיך ענטשיידען אָפּגעזאָגט צו ציהען וועלכע עס איז שליסע פון דעם, וואָס זיי האָבען געזעהן. פון דעם נעהמט זיך עס, וואָס מיט זייער גאַנצער העזה צו באַשרייבען אַזעלכע סאָציאַלע פאַרהעלטנישע און סיטואַציעס, וואָס די ליטעראַטור פלעגט ביז

זיי אויסמיידען אנצוריהרען, זיינען זיי דאך זעהר שוואך, מען קען זאגען גישטיג, אלס דענקער און מאראליסטען. זיי קומען אפט צו דער מדרגה פון מענשען, וועלכע מוזען תמיד פארזיכערען, אז זייערע מאראלע באגריפען זיינען די זעלבע, ווי דעם אלגעמיינעם עולם׳ס, כדי צו באקומען זיין שטיצע; זיי באריהמען זיך מיט דעם, וואס פאר זיי איז אן עבירה דאס זעלבע, וואס איז אן עבירה פאר דעם עולם, און אז זיי שטעלען פאר זינד אלס א שרעקליכע זאך. זיי זיינען ניט ווי די בעל־עבירה׳ניצע זשארזש זאנד. אבער עס איז שוין צייט אנצואווייזען, אז גראדע אין דער דאזיגער „מא־ראלישקייט" זייערער ליעגט זייער ליטערארישע שוואכקייט, און אז דער כח פון די ווערק פון זשארזש זאנד, מיט זייערע א סך מעהר אידעאליסטישע און צניעות׳דיגערע באשרייבונגען, ליעגט אין זייער „ניט־מאראלישקייט". אין די ווערק פון דער רעאליסטישער שולע, וועלכע מאכען אויבען־אויף דעם איינדרוק אלס זעהר העזה׳דיגע, איז ניטא קיין איינציגער זאץ, וועלכער זאל זיך קענען פארגלייכען מיט דער ווירקליכער העזה, מיט וועלכער זשארזש זאנד מאכט איי־נעם פון די הויפט־כאראקטערען אין „האראס" אויסצודריקען וואונ־דערבאר בקיצור איהרע אידעען וועגען מאראליטעט אין ליעבע־אנגעלעגענהייטען:

„מיין מיינונג איז, אז יענע ליעבע, וועלכע מאכט אונז העכער און שטארקער מיט איהרע שעהנע געפיהלען און געדאנקען, קענען מיר אנרופען אן איידעלע ליידענשאפט, און, פארקעהרט, יענע ליעבע, וועלכע מאכט פון אונז עגאאיסטען און פייגלינגע, וועלכע גיט אונז אינגאנצען איבער אין דעם רשות פון דעם בלינדען אינ־סטינקט, איז א נידעריגע תאוה. יעדע ליידענשאפט איז דערפאר געזעצליך אדער פארברעכעריש לויט די רעזולטאטען, וועלכע זי ברענגט, און דאס, וואס די אפיציעלע געזעלשאפט, וועלכע איז ניט דער העכסטער בית־דין־צדק פון דער מענשהייט, לעגאליזירט אמאל די בייזע און פארדאמט די איידעלע ליידענשאפט איז ניט וויכ־טיג". *)

---

*) פארגליך מיט די אויסציגע פון „זשאק" ציטירט אין „דער ראמאנטישער שולע אין דייטשלאנד". זאלא האט לעצטענס אנגעפאנגען צו ריידען מיט אנאנדער טאן.

אין „לעליע" און אין „זשאק" (1833 און 1834) דערגרייכען דער שרייבערינ'ס בייראנישער „וועלט־שמערץ" און איהרע דעקלאמאטארישע טענדענצען זייער העכסטע מדרגה. אין „לעליא" האט זי געמאלען איהר יוגענד־אידעאל: א גרויסע, טיעפפיהלענדע פרוי, וועלכע איז דאך פריי פון תאוה, און אלס היפוך שטעלט זי דארט פאר איהר שוועסטער, פולכעריע, א קורטעזאנקע, וועלכע לעבט אין לוקסוס. זי האט גענומען איהר אייגענעם כאראקטער, האט פאנאנדערגעטיילט זיינע צוויי זייטען, פון איינעם האט זי געשאפען דעם בילד פון לעליא און פון דעם צווייטען האט זי געשאפען פולכעריע, לויט דעם ווי איהר אייגענע נשמה האט מיט זיך פארגעשטעלט מינעווורא און ווענוס; דער רעזולטאט איז, גאנץ נאטירליך, געוועזען מעהר עהנליך צו סימבאלישע פרזענליכקייטען, ווי צו מענשליכע באשעפענישען פון פלייש און בלוט. אין „זשאק" איז זי צוגעטראטען צו דעם הייראט־פראבלעם פון א נייעם צד. אין „אינדיאנא" האט זי באשריבען א ברוטאלען מאן, אין „וואלענטין" א העפליכען און קאלטען; אבער אין ד ע ם ראמאן האט זי באזארגט דעם מאן מיט אלע מעלות, וואס זי האט גערענקט זיינען די עכטע, און האט צושמעטערט זיין גליק אן די פעלזען פון זיין אייגענעם דערהויבענעם כאראקטער, וועלכען זיין נישטיגע יונגע ווייבעל ווייס ניט ווי צו שעצען און צו ליעבען. די שרייבערין האט זיך דא גע־פרופט שטארקער צו מאכען דעם איינדרוק פון איהרע אייגענע מיינונגען דורך דעם, וואס זי לייגט זיי אריין אין דעם מויל פונ'ם באַ'עולה'טען מאן. ער אליין ענטשולדיגט זיין ווייבעל:

„קיין מענשליכע באשעפעניש קען ניט געבען קיינע באפעהלען דער ליעבע און קיינער איז ניט שולדיג, אויב ער האט זי פארלארען און פיהלט זי מעהר ניט. וואס דערנידעריגט א פרוי — איז דער ליגען; זי איז א זונה און זינדיגט ניט דורך דער שטונדע, וואס זי שענקט איהר געליעבטען, נאר דורך דער גאנצער נאכט נאכדעם, ווען זי געפינט זיך אין די ארעמס פון איהר געזעצליכען מאן".

זשאק פיהלט, אז עס איז זיין פליכט אפצוטרעטען זיין פלאץ:

„בארעל אויף מיין פלאץ וואלט זיך גאנץ רוהיג אנגעשלאגען

זיין ווייב און נאָכדעם האַלט ער אין דער זעלבער נאַכט, ניט רויט ווערענדיג אפילו, ארומגענומען די פרוי, וועמען ער האָט דער־נידעריגט אַלץ איינס מיט זיינע קלעפּ, ווי מיט זיינע קושען. עס זיינען דאָ מענער, וועלכע טויטען רוהיג זייערע ניט־געטרייע ווייבער, ווי מען טוט עס אין די מזרח לענדער, וואָרים זיי באַטראַכטען זיי אַלס זייער געזעצליכען אייגענטום. אַנדערע שלאָגען זיך מיט זייערע ליעבע־קאָנקורענטען, טויטען זיי אָדער רוימען זיי אָפּ פון וועג, און נאָכדעם בעטלען זיי קושען און צערטליכקייטען ביי דער פרוי, וועמען זיי ערקלעהרען, אַז זיי האָבען ליעב; זי אַנטזאָגט זיי אָדער זי גיט עס זיי בלויז אויס פאַרצווייפלונג. דאָס זיינען זעהר געוועהנליכע פּאַסירונגען אין דעם פאַרהייראַטען לעבען. מיר דאַכט זיך, אַז די ליעבע פון חזירים איז וועניגער מיאוס און גראָב פון דער ליעבע פון מענשען".

די דאָזיגע וואַרהייטען, וועלכע ווערען יעצט פון די געביל־דעטסטע מענשען אַנערקענט אַלס עלעמענטאַרע און זעלבסט־פאַר־שטענדליכע זאַכען, זיינען אין דעם יאָהר 1830 באַטראַכט געוואָרען אַלס די שרעקליכסטע אַפּיקורסות׳ן. זיי זיינען עס געווען די זאַלץ, וואָס האָט אָפּגעהיט די פרישקייט פון דעם דאָזיגען יוגענד־ליכען ראָמאַן טראָץ דער פאַרעלטערטקייט פון דער טעמע, דער צוצויגענקייט פון דעם סטיל און דאָס, וואָס ער איז געשריבען אין דער לאַנגווייליגער פאָרמע פון בריעף. ביים סוף פון דעם בוך צייגט זיך ארויס צו וואָס פאַר אַ גוזמאַ׳דיגקייט דער ראָמאַנטיזם קען דערגרייכען. זשאַק קען ניט צוטראַכטען קיין אַנדער עצה, ווי צו באַפרייען פערדינאַנד׳ן, ווי נאָר צו באַגעהן זעלבסטמאָרד אַזוי, אַז זי זאָל מיינען ער איז געהרג׳עט געוואָרען דורך אַ צופאַל. דאָס טראָגט אונז אַוועק פון דער ווירקליכקייט. אָבער די אונווירקליכ־קייט פון דעם ראָמאַן בכלל איז מעהר אַ זאַך, וואָס עס דוכט זיך נאָר. פאַר די מאָדערנע קריטיקער איז לייכט אָנצואווייזען, אַז אין דעם ראָמאַן ווערען ניט אָנגעגעבען די נעמען פון פּלעצער, וואו די פּאַסירונגען קומען פאָר, עס ווערט ניט דערצעהלט מיט וואָס די העלדען באַשעפטיגען זיך א. א. וו., א. אַ. וו.; די פּער־זאָנען אין זשאָרזש זאַנד׳ס ערשטע ראָמאַנען האָבען קיין אַנדערע באַשעפטיגונגען אָדער צוועקען אין לעבען אויסער צו ליעבען. די

ווירקליכקייט פון די דאָזיגע ביכער איז אַ גייסטיגע, אַן אינערליכע, זי איז די ווירקליכקייט פון די געפיהלען. אַפילו דאָס האָט מען אין אונזערע צייטען געפּרופט זיך אַפּצולייקענען. עס איז געוואָרען אַ מאָדע צו באַטראַכטען אַזוינע געפיהלען, ווי די, וועלכע זיינען דאָ באַשריבען — אַזאַ שרעקליכע פאַרצווייפלונג איבער די גע־זעלשאַפטליכע באַדינגונגען פון לעבען; אַזאַ ליידענשאַפטליכע, עראָטישע צערטליכקייט; אַזאַ ריינע, הייסע פריינדשאַפט צווישען מאַן און פרוי — אַלס זאַכען, וואָס זיינען ניט נאַטירליך און ניט אמת *), אָבער מיר מוזען געדענקען, אַז די פּערזאָנען ביי זשאָרזש זאַנד זיינען ניט געמיינט צו רעפּרעזענטירען די דורכשניטליכע מאַן און פרוי. זי באַשרייבט אויסערגעוועהנליך באַגאַבטע מענ־שען. יאָ, אין די דאָזיגע ערשטע ווערק איהרע טוט זי כמעט קיין אַנדער זאַך, נאָר זי באַשרייבט און ערקלערט דעם לעבען פון איהר אייגענער נשמה. זי שטעלט אַוועק איהר אייגענעם כאַראַקטער אין די פאַרשיידענסטע אויסערליכע אומשטענדען און דאַן ברענגט זי אַרויס מיט אַ געניאַלע פעהיגקייט צו באַאָבאַכטען זיך אַליין און מיט אַ זיכערער האַנט די נאַטירליכע פּסיכאָלאָגישע רעזול־

*) עמיל זאָלאַ שרייבט וועגען די כאַראַקטערען פון „זשאָרזש" („לי־טעראַרישע דאָקומענטען", 222): איך קען ניט באַשרייבען דעם איינ־דרוק, וואָס אַזעלכע כאַראַקטערען מאַכען אויף מיר. זיי צומישען מיך, זיי מאַכען מיך צו פיהלען נשתומם; מיר דוכט זיך, אַז זיי האָבען זיך פאַרוואָרפען צו געהן אויף זייער הענט. איך הייב ניט אָן צו פאַר־שטעהן פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי שטענדיג פאַרביטערט, האַלטען אין איין באַקלאָגען זיך. אויף וואָס באַקלאָגען זיי זיך? וואָס ווילען זיי? זיי נעמען דעם לעבען אויפ'ן לינקען זייט, דערפאַר איז עס גאַנץ נאַטירליך, אַז זיי זאָלען זיין אומגליקליך. צום גליק איז דאָס לעבען ניט אַזאַ שלעכטע בריאה, ווי מען שטעלט עס פאָר. מען קען מיט איהם גאַנץ גוט אויסקומען אויב מען קען נאָר גוטמוטיג אַריבערטראָגען יענע שטונדען, וועלכע זיינען ניט אַזוי מאַבלידיג". וועלענדיג מאַכען אַ קאַריקאַטור פון זשאָרזש זאַנד, מאָלט זאָלאַ זיין אייגענעם בילד, אָדער ריכטיגער ז. עאָגט, זיין אייגענע קאַריקאַטור, וואָרים ער איז זיכער ניט אַזוי באַלענ.אַטיש־שמאָלקעפּיג.

טאַטען. עס איז אינטערעסאַנט צו זעהן ווי איהר שטענדיגע שטרע־
בונג צו געפינען אַ מאַנזבילישען מח, וועלכער זאָל זיך קענען פאַר־
גלייכען מיט איהרען, טרייבט איהר פּאַרצושטעלען זיך אַליין אין
דער צווייטענדיגער ראָלע פוןביידע געשלעכטען. אַט ווי היים
באַגייסטערט זי איז פאַר ליעבע, אַט ווי שטאַרק זי ערלויבט דער
ליעבע צו באַאיינפלוסען דעם לעבען פון די גרויסע מענער און די
גרויסע פרויען, דאָך זיינען ביידע איהרע העלדען, זשאַק אַזוי גוט
ווי לעליאַ, באַגייסטערט מיט אַ העכערען, אידעאַלערען געפיהל,
מיט דעם געפיהל פון פריינדשאַפט צום איידעלען מיטגליעדער פון
דעם אַנדערען מין, וועלכער פאַרשטעהט זיי. אין פאַרגלייך מיט
דעם דאָזיגען טיעפען פאַרשטעהן איינער דעם אַנדערען איז לע־
ליאַ'ס ליעבע פאַר סטעניאַ, אָדער זשאַק'ס ליעבע פאַר פערנאַנדע,
בלויז אַ שוואַכקייט פון די דאָזיגע צוויי גרויסע נשמות. לעליאַ
געפינט אַ פריינד און חבר, וועלכער פאַרשטעהט זי, אין טרענמאַר,
זשאַק געפינט עס אין סילוויאַ. זשאַק וואָלט זיך פאַרליעבט אין
סילוויאַ, ווען זי וואָלט ניט געווען זיין האַלב־שוועסטער, אָדער
ריכטיגער געזאָגט, ווען ער זאָל ניט זיין געצוואונגען חושד צו זיין,
אַז זי איז עס; אָבער עס איז דאָ אַזאַ שעהנקייט אין זייערע
פאַרהעלטנישע צווישען זיך, אַט ווי זיי זיינען, וועלכע קען קוים
זיין דאָרט, וואו די ליעבע איז אַן עראָטישע. איך געדענק גאַנץ קלאָר,
וואָס פאַר אַ מעכטיגען איינדרוק די פריינדשאַפט צווישען זשאַק
און סילוויאַ האָט אויף מיר געמאַכט ווען איך האָב דעם ראָמאַן
געלייענט צום ערשטען מאָל (מעגליך אין דעם יאָהר 1867). איך
האָב גוט באַמערקט, אַז זשאַק איז אין אַ געוויסען גראַד ניט קיין
ווירקליכער כאַראַקטער, און אַזוי אויך סילוויאַ; וואָרים זי איז
ניט מעהר ווי זיין בעל־סוד, וועלכע פאַרשטעהט איהם גוט; אָבער
דער אידעאַלער שטרוים, וועלכער פאַרבינדעט זיי ביידען, איז אַ
ווירקליכער, און ער האָט מיך עלעקטריזירט. סילוויאַ איז געשאַ־
פען געוואָרען פון דעם נויט־געשריי פון דעם זשעניע, וואָס הערט זיך
אין דעם וועלט־רוים, נאָך אַ גלייכען זיווג פאַר זיך; זי איז אָהן
ספק ניט מעהר ווי דער אויסדרוק פון דער שטאַרקער שטרעבונג,
פון דער פאָדערונג פון דער גרויסער, איינזאַמער נשמה — אָבער,
וואָס אַנדערש איז פּאָעזיע, אויב ניט דאָס? ווי ניט פאַלקאָמען דער

ראָמאַן זאָל ניט זיין אין אַנדערע פּרטים, גיט איהם די פריינד־שאַפט צווישען זשאַק און סילוויאַ צו אַן אַטמאָספערע פון אמת'ער פּאָעזיע; ווען מיר לייענען איהם, פּיהלען מיר ווי מיר וואָלטען איבער דער נידעריגער וועלט פון ליידענשאַפטען דערזעהן אַ העכערע וועלט, וואו ריינערע, אָבער דאָך ערדישע ברואים, האָבען ליעב און פאַרשטעהען איינע די אַנדערע.

אַזוינע כאַראַקטערען צייגען קלאָר, אַז זשאָרזש זאַנד האָט געהאַט אַ שטאַרקען אינסטינקט פאַר פריינדשאַפט, וואָס איז געווען אין'ם גייסט פון די יונגע ראָמאַנטיקער פון יענער עפּאָכע. איהרע „בריעף פון אַ רייזענדען", וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען צו ערשיינען נאָך דער ערשטער גרופּע ראָמאַנען און תּיכף נאָך איהר פאַנאַנדערגעהן זיך מיט אַלפרעד דע מוסעי אין וועגעדיג און האָבען זיך געדרוקט עטליכע יאָהר צייט, גיבען אונז אַ מעגליכקייט נעהענטער צו באַקענען זיך מיט איהרע פריינדשאַפט־פאַרבינדונגען. די דאָזיגע בריעף באַלאַנגען צו יענע ווערק איהרע, אין וועלכע זי האָט גאַנץ אָפען אויפגעדעקט פאַר די לעזער איהר פּערזענליכען לעבען און איהרע געפיהלען, הגם זי האָט זיי געשריבען מיט אַן איינגעהאַלטענקייט, וואָס מאַכט זיי ניט קלאָר פאַר די יעניגע, וועלכע זיינען ניט באַקאַנט מיט די פּרטים פון די פּאַסירונגען. אין די „בריעף" פאָלגען מיר איהר נאָך פון דער צייט אַן זינט זי האָט געלעבט מיט דעם שעהנעם, תּמ'עוואַטען איטאַליענער, דר. פּאַגעלאָ, צוליעב וועמען זי האָט מקריב געווען מיט אַלפרעד דע מוסעי, ביז דער צייט פון איהר ליעבע צו „עווראַר" (מישעל דע בורזש), איהר אַדוואָקאַט אין איהר גט־פּראָצעס, וועלכער האָט איהר באַגייסטערט צו שרייבען דעם שעהנעם ראָמאַן „סימאָן". צווישען די צוויי אויסערסטע פּונקטען ליעגען אַלע איהרע בעסטע און הארציגסטע פאַרבינדונגען מיט פראַנסואַ ראָלינאַ, זשול נעראַ א. אַז. וו. מיט די אַלע אָפענהערציגע און בראַווע מענער, מיט וועמען זי האָט שטענדיג געפיהלט אַ באַדערפעניש דורכצוריידען און דורכצושרייבען זיך, מיט וועמען זי האָט צוזאַמען אַ סך געשטודירט, פון וועמען זי האָט פיעל געלערענט און מיט וועמען זי איז, אין דעם גייסט פון חבר'שאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישען די ראָמאַנטיקער, געווען אויף „דו"; אין די בריעף ווערען

אויך באַשריבען איהרע ריין קינסטלערישע פריינדשאַפטליכע פאַרהעלטנישע מיט פראַנץ ליסט, די גרעפין דאַגו, מייערבעער און פיעלע אַנדערע געניאַלע מענער און פרויען פון יענער צייט.

אין קיינע פון איהרע אַנדערע ווערק איז איהר שפּראַך ניט אַזוי שעהן, ווי אין דעם; אין קיינע פון איהרע שפּעטערע ווערק פליסען ניט איהרע זאַצען אין אַזעלכע לאַנגע, פּאַטעטישע וועלען, פול מיט שעהנער רעטאָריק. מיר קענען ערגעץ אַזוי גוט ניט שטודירען איהר פּערזענליכען סטיל, וועלכער איז אַנדערש פון דעם, וועלכען מיר זעהן אין די דיאַלאָגען (געשפּרעכען) אין איהרע ראָמאַנען, ווי דאָ. זיין הויפּט אייגענשאַפט איז פול־טאָניגקייט. ער קייקעלט זיך פאָראויס אין לאַנגע, קלינגענדיגע, גלייכמעסיגע ריטמען, וועלכע הייבען זיך אויף און פאַלען אַרונטער ווי אַ פריידגעזאַנג און זיינען האַרמאָניש אפילו דאָרט, וואו זיי דריקען אויס פאַרצווייפלונג. די איינגעבאָרענע גלייכגעוויכטיגקייט פון איהר נאַטור שפּיגעלט זיך אָפּ אין דער גלייכמעסיגקייט פון איהרע זאַצען — קיינמאָל קיין איינציגען געשריי, קיינמאָל קיין פּלוצלינגען אָפּשטעל אָדער אויפבאַפּ; אין איהר סטיל איז דאָ אַ דערהויבענקייט; ער איז ווי אַ רוהיגער פליהען מיט ברייט פאַנאַנדערגעלאָזענע פליגלען; ניטאָ קיין שפּרונגען, קיינע צוזאַמענשטויסען, קיין פאַלען; אמת, אין איהר סטיל פעהלט מעלאָדיע, אָבער דערפאַר האָט ער אַ שפע פון האַרמאָניע; ער האָט ניט גענוג פאַרבען, אָבער עס איז אין איהם דאָ די גאַנצע שעהנקייט, וואָס קומט פון גוט־געצייכענטע ליניען. זשאָרזש זאַנד ווירקט קיינמאָל ניט דורך אונגעוועהנליכע אָדער דרייסטע ווערטער־פאַרבינדונגען; זעלטען, אָדער קיינמאָל ניט, באַנוצט זי זיך מיט אַ פאַנטאַסטישען משל. און פונקט אַזוי ווי זי דערצעהלט איהר זאַך אָהן קולות און איהר שפּראַך איז ניט קיין שרייענדיגע, אַזוי זיינען אויך איהרע בילדער; זיי רייסען ניט דעם מח, זייערע פאַרבען זיינען שטילע. זי איז ראָמאַנטיש אין איהר ענטוזיאַזם, אין דער וואַרימקייט, מיט וועלכער זי גיט זיך אונטער אָהן אַ ווידערשטאַנד צו די געפיהלען, וועלכע רעכענען זיך ניט מיט קיינע חקים ומשפּטים; זי איז אָבער שטרענג קלאַסיש אין דער גלייכמעסיגקייט פון איהרע פעריאָדען, אין דער אינערליכער שעהנ־

קייט פון איהרע פאָרמען און אין דער ניכטערקייט פון איהרע פאַרבען.*)

די בריעף פון וועגעדיג, און בפרט יענע בריעף, וואָס זי האָט געשריבען נאָכדעם, ווי זי איז געקומען צוריק קיין פראַנקרייך, צייגען יעדען איינעם, וועלכער קען נאָר לייענען, ווי דערנידעריגט זשאָרזש זאַנד האָט זיך געפיהלט דורך דעם, וואָס זי האָט פאַרלאָרען די פריינדשאַפט פון אַלפרעד דע מוסעי, ווי שטאַרק זי האָט געליטען דורך דעם דאָזיגען פאַרלוסט און ווי נעקינצעלט איז די באַשרייבונג פון דער גאַנצער פּאַסירונג, וואָס זי האָט געגעבען צוואַנציג יאָהר שפּעטער אין „על און לואי“. עס זיינען, אָהן ספק, געווען מאָמענטען, ווען זי האָט געפיהלט, אַז זי געהט אינגאַנצען אונטער פון בענקעניש, פון שאַנדע און פון יסורים. אין אַ בריעף צו ראָלינאַ, געשריבען אין יאַנואַר 1835, האָב איך באַמערקט אַ מערקווירדיגע שטעלע, וואָס איז, ווי ווייט איך וויים, געווען פון אַלעמען פאַרזעהן. די שטעלע איז פאַר זיך זעהר אַ שעהנע, אָבער אין איהר איז אויך דאָ אַ וידוי:

„הער אוים אַ געשיכטע און וויין! עס איז אַמאָל געווען זעהר אַ באַגאַבטער קינסטלער, זיין נאָמען איז געווען וואַטעלעי און ער האָט בעסער געגראַדירט פון וועמען עס איז אין זיין צייט. ער האָט ליעב געהאַט מאַרגאַריטע לע־קאָנט און ער האָט זי אויסגעלערענט צו גראַדירען (עטצען) אַזוי גוט ווי ער אַליין. זי האָט פאַרלאָזען איהר מאַן, איהר היים, אַלץ וואָס זי האָט געהאַט און איז אַוועק צו לעבען מיט וואַטעלעי. די וועלט האָט זיי פאַרדאַמט, אָבער אַזוי ווי זיי זיינען געווען אָרים און באַשיידען האָט זי אָן זיי פאַרגעסען. פערציג יאָהר שפּעטער האָט אַ וואַנדערענדער לײדיג־געהער אַנטדעקט אין אַ קליינעם שטיבעל אַרום פּאַריז, וואָס האָט געהייסען „דער חניגער מיל“, אַן אַלטען מאַן, וועלכער האָט זיך באַ־

---

*) אפילו דער פּרינציפּיעלער געגנער פון זשאָרזש זאַנד און פון דעם ראָמאַנטיזם — עמיל זאָלאַ, איז געצוואונגען צו שרייבען וועגען זשאָרזש זאַנד: „דער גייסט פון ראָמאַנטיזם האָט דורכגעדרונגען איהרע שאַפונגען, אָבער איהר סטיל איז פאַרבליבען קלאַסיש“. („ליטעראַרישע דאָקומענטען“ (פראַנצויזישע אויסגאַבע) ז. 217).

שעפטיגט מיט גראַדיערען, און אַן אַלטע פרוי, וועמען דער אַלטער האָט גערופען זיין „מילנערין“ און וועלכע פלעגט אויך צייכענען זיצענדיג מיט'ן אַלטען ביים זעלבען טיש. דער ערשטער לײדיג־געהער, וועלכער האָט געמאַכט די וואונדערבאַרע אַנטדעקונג, האָט וועגען דעם דערצעהלט אַנדערע, און די פיינע וועלט האָט זיך אַ לאָז געטאָן מחנות־ווייז צום „חנ'יגען מיל“ צו זעהן דעם זעלטענעם מופת: אַ ליעבע, וועלכע האָט געדויערט פערציג יאָהר נאָכאַנאַנד; אַ באַשעפטיגונג, מיט וועלכער מענשען האָבען זיך אָפּגעגעבען די גאַנצע צייט מיט דער זעלבער איבערגעבענהייט און פלייסיגקייט; אַ צווילינג פון צוויי וואונדערבאַרע טאַלאַנטען. די זאַך האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם און סענסאַציע. צום גליק איז די פּאָרל פון אַלטקייט עטליכע טעג שפּעטער געשטאָרבען; אַז ניט וואָלט דער נייגעריגער עולם אַלץ גע'פּטר'ט. די לעצטע זאַך, וואָס זיי האָבען אויסגעגראַדיערט, איז געווען אַ בילד פון דעם „חנ'יגען מיל“, מאַרגאַריטע'ס הויז... ער הייגגט אין מיין צימער איבער דעם פּאָרטרעט פון אַ מענשען, וועמען קיינער האָט דאָ ניט געזעהן. דורך דעם משך פון אַ גאַנצען יאָהר פלעגט דער יעניגער, וועלכער האָט מיר דעם דאָזיגען פּאָרטרעט איבערגעלאָזען, אָפּ־זיצען יעדע נאַכט מיט מיר צוזאַמען ביי איין טיש און אַרבייטען. ווען עס פלעגט אָנהייבען טאָגען, פלעגען מיר דורכקוקען איינער דעם אַנדערענ'ס אַרבייט און קריטיקירען עס; אין אָוועגד פלעגען מיר עסען צוזאַמען ביים זעלבען טישעל און דערביי שמועסען וועגען קונסט, וועגען געדאַנקען און וועגען געפיהלען און וועגען דער צוקונפט. די צוקונפט האָט ניט מקיים געווען איהרע הבטחות צו אונז. זיי אַ גוטע בעטערין פאַר מיר, מאַרגאַריטע לע־קאַנט!“.

דאָס איז פּיליכט דער איינציגער פאַל, וואָס זשאָרזש זאַנד איז מודה, אַז זי האָט פאַר וואָס צו דאַנקען אַלפרעד דע מוסעי אַלס שרייבערין.*) איך האָב שוין אָנגעוויזען, אַז דער כאַראַקטער

*) אין אַן אַרטיקעל אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע צו דער „לע־פיגאַראָ“ פאַר דעם דריטען יוני 1893, שרייבט איינער, אַז זשאָרזש זאַנד האָט געהאַט אין זינען זשול זאַנדאָ אין דער ציטירטער שטעלע; אָבער יענער שרייבער האָט אַ טעות. זעה דעם „קאָסמאָפּאָלי“ פאַר דעם מאָנאַט מאַי 1896, ז. 440.

פון דעם אײַנפלוס, וואָס ער האָט אויף איהר געהאַט, איז געווען אַ ריין קריטישער, וועלכער האָט שאַרפער געמאַכט איהר עסטעטישען חוש און האָט איהר געהאָלפען בעסער צו פאַרשטעהן דאָס שעהנע. זײַנע קינסטלערישע מעטאָדען זײַנען געווען מאַכטלאָז צו ווירקען אויף איהר. זשאָרזש זאַנד'ס סטיל האָט זיך בשום אופן ניט געלאָזען באַאײַנפלוסען. מאַדאַם זשיראַרדינ'ס וויץ ווע־גען איהר, אַז: „ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די ווערק פון פרויען שרײַבערינען בפרט, קענען מיר זאָגען צוזאַמען מיט בופאָן: „דער סטיל — דאָס איז דער מאַן" (דער מענש)... איז אַזוי ניט־ריכטיג, ווי ער איז שאַרפזיניג. וואָרים הגם עס אַז ריכטיג, אַז אַלע וויכ־טיגסטע ראָמאַנען פון זשאָרזש זאַנד, כמעט אָהן אַן אויסנאַם, טראָגען אויף זיך יעדער די סימנים פון דעם אײַנפלוס פון אַנאַנדער מאַן, האָט אָבער דער אײַנפלוס קיינמאָל ניט באַריהרט איהר סטיל. זי האָט פיעל מאָל געמאַכט פון זיך אַ כלי פאַר אויסצודריקען אַנאַנדערענ'ס געדאַנקען, אָבער זי האָט קיינמאָל ניט נאָכגעמאַכט עמיצענ'ס סטיל. איהר טאַלאַנט איז געווען צו אונאָבהענגיג און אויסער דעם איז זי געווען אַ צו־קליינע קינסטלערין דערפאַר. זי איז געווען זעהר אַ שווייגענדיגע, און ווען זי פלעגט יאָ ריידען פלעגט עס זײַן זעהר אײַנגעהאַלטען, אָבער ביים שרײַב־טיש פלעגט זי ווערען אַן אימפּראָוויזאַטאָרין: זי פלעגט לאָזען די פעדער לויפען איבער'ן פּאַפּיער אָהן קיינע הכנות, ניט מאַכענדיג פריהער קיינע פאַרצייכנונגען אָדער פּראָבעס, אָהן באַוואוסטזיניגע קינסטלערישע צוועקען; זי פלעגט קיינמאָל ניט באַאַרבייטען קיין געגעבענע טעמע, זי פלעגט קיינמאָל ניט אויסאַרבייטען און פאַרענדיגען קיין אָנגעוויזענע סטיליסטישע מעטאָדען; מיט איין וואָרט, זי האָט זיך ניט אָפּגעגעבען מיט קיינע פון די באַדינגונגען, וועלכע שאַפען דעם ריין טעכנישען פאָרטשריט אין קונסט. אין דעם פּרט איז זי אַ שטאַרקער היפּוך פון דע מוסעי. ער איז, לכתחילה, געווען באַגייסטערט מיט אַ געפיהל פון פּראָטעסט געגען די קינסטליכע כללים אין קונסט, וואָס איז פאַר איהר תמיד געווען פרעמד און אונבאַגרייפליך. ער פלעגט אויף צו להכעיס, למשל, צו־הרג'ענען די גראַמען אין זײַנע ערשטע ליעדער כדי צו רייצען די קלאַסיקער (אין דעם ערשטען כתב־יד פון „ל'אַנדאַלאוז" הייסט די מאַר־

קיזין „אמעימאני“, וואס גראמט זיך ריכטיג אין פראנצויזיש מיט „ברוני“, אבער אין דער לעצטער נוסחא באקומט זי דעם נאמען „אמעיגואי“, וואס גראמט זיך קוים). ווען זיינע שעפּפערישע כחות זיינען שוין געווען שטארק אפּגעשוואכט, האט ער זיך רוהיג באנוצט מיט גאנצע זיעבען זייטען פון קארמאנטעל׳ס „דער צוטראגענער“ פאר דער שוואכינקער קאמעדיע „מען קען ניט טראכטען וועגען אלץ“, וואס ער האט צוזאמענגעשטעלט. אין זיינע בעסטע יאהרען אפילו איז ער געווען א גרויסער בריה אויף באנוצען זיך מיט פרעמדע ווערק. אלס א ביישפּיעל וועל איך אנווייזען, אז אין די ווערק פון פירשט דע־לין האב איך געפונען דעם סטיליסטישען פארבילד פאר זיין פראכטפולע פּאעמע „נאכ׳ן איבערלייענען“, וואס איך האב ציטירט אין א פריהערדיגען קאפּיטעל.*) עס איז אונמעגליך צו געפינען עטוואס עהנליכעס ביי זשארזש זאנד. זי איז ניט פעהיג אויסצושלייפען רויהע דימענטען און מאכען פון זיי בריליאנטען צו באפּוצען מיט זיי איהר אייגענע מוזע; זי שטעלט פאר אונז פאר איהר מוזע געקליידעט אין פּשוט׳ע ווייסע בגדים מיט א ווילדען בלימעל אין איהרע האר.

---

*) דער פירשט דע־לין שרייבט וועגען די מעלות פון אן אמת׳ן סאלדאט אין דעם זעלבען נוסח, ווי דע מוסעי שרייבט וועגען די אייגענשאפטען פון אן אמת׳ן דיכטער. דע־לין זאגט: „אויב דו חלומ׳סט ניט וועגען די פליכטען פון קריעג, אויב דו שלינגסט ניט קיין ביכער וועגען מלחמה און קארטעס פון שלאכטפעלדער; אויב דו קושסט ניט די טריט פון אלע סאלדאטען; דו וויינסט ניט ווען דו הערסט זיי דערצעהלען מעשיות וועגען זייער קאמף; אויב דו געהסט ניט אוים פון א פארלאנג צו זעהן עטוואס עהנליכעס און פון שאנדע, וואס דו האסט עס ניט געזעהן — הגם עס איז ניט דיין שולד, דאך ווארף פון זיך ארונטער דעם מונדיר, וואס דו פארשעמסט. אויב דו ווערסט ניט אנטציקט פון דעם געדאנק וועגען באטייליגען זיך כאטש אין איין שלאכט, אויב עס ציהט דיך ניט צו נעמען אן אנטייל אומעטום, וואו עס ברענט נאר דער קאמף, אויב דו ביזט צוטראגען, דו ציטערסט ניט ביים געדאנק, אז א רעגען קען נאך שטערען די באוועגונגען פון דיין רעגימענט — טרעט אפ דיין פלאץ פאר אן אנדער יונגערמאן, וועלכער איז

ערגעץ איז די אייגענטימליכע שעהנקייט פון זשאָרזש זאַנד'ס סטיל ניט אַזוי פאַרכאַפּענד, ווי אין דעם אויבען ציטירטען בריעף צו ראַלינאַ. דער דאָרף־מיידעל'ס טיעפער פאַרשטעהן פון דער נאַטור שמעלצט זיך דאָ וואונדערבאַר צוזאַמען ביי דער געניאַלער רעוואָלוציאָנערער פרוי מיט איהרע אייביגע אונרוהיגע פאַרלאַנגען; און דורך ביידע, דורך דער שטרעבונג צו דער נאַטור און דער שטרעבונג צום גליק, קלינגט די קלאָג־ליעד פון דעם ליעבענדען האַרץ איבער די אַנטוישונגען, וואָס עס האָט פאַרשאַפט, און די אַנטוישונגען, וואָס עס האָט געליטען. און אין דעם בריעף, ווי אין דעם צווייטען נאָך דעם, וואָס זי האָט געשריבען צו עווערער, זעהען מיר ווי זשאָרזש זאַנד'ס פּאָליטישער און רעפּובליקאַנישער גלויבען ווערט געבאָרען פון די חורבות פון איהרע יוגענדליכע ערָאָטישע חלומות און לופטשלעסער. לכתחילה איז איהר גלויבען שוואַך, זי איז צופיעל פאַרטאָן אין זיך אַליין. אמת, די אָרימע דיכטערין „פיהלט זיך ניט גאָר אַמבעסטען אונטער דעם רעגענשירם פון דער מאָנאַרכיע“; אָבער פונדעסטוועגען זיינען איהרע געדאַנקען מעהר פאַרנומען מיט די פאָרמען פון די בלעטלאַך פון דעם וויילכען און דעם יאַסמין, ווי מיט געזעלשאַפטליכע אייגריכטונגען און מיט די רעגירונגס־פאָרמען. דאָך קען מען באַמערקען ווי דער פונק פון ענטוזיאַזם פלאַקערט זיך צוביסלאַכווייז פאַנאַנדער אין איהר האַרצען. זי איז מקנא איהרע מענער־חברים אויף זייער גלויבען און אויף דער ענערגיע פאַר'ן פּאָליטישען קאַמף, וואָס דער דאָזיגער גלויבען רופט ביי זיי אַרויס, און זי באַקלאָגט זיך, אַז זי אַליין „איז נאָר אַ דיכטערין, אַ שוואַכע אשה“ (פרוי). אין פאַל פון אַ רעוואָלוציע, וועלען זיי אַנטשלאָסען אַרויסטרעטען אין קאַמף אין דער האָפנונג אויסצוקעמפען פרייהייט פאַר זייערע

אַזאַ, ווי איך וויל ער זאָל זיין“ א. אַ. וו. דער אופן, ווי אַזוי דע מוסעי האָט איבערגעאַרביט דעם פּראָזאַאישען סטיל אין פערזען, ציינט ווי גרויס זיין זשעניע אַלס קינסטלער איז געווען נאָך מעהר, ווי די ערפינדונג פון אַ נייעם סטיל וואָלט דאָס געצייגט. דאָס אויפזוכען פון דער דאָזיגער שטעלע האָב איך צו פאַרדאַנקען אַ רמז פון עמיל מאַנטעגיו.

מיט־מענשען; זי אָבער קאָן גאָר ניט טאָן, אויסער צו לאָזען זיך דער׳הרג׳ענען, האָבענדיג די האָפנונג, אז זי קען כאָטש פאַר איין זאך צוניצקומען, — די קעמפפער וועלען קענען העכער מאַכען די באַריקאַדען מיט איהר טויטען קערפּער. אָבער זי ענדיגט אַזוי:

„נויטיגט זיך וועד־עס־איז פון אייך אין מיין לעבען צו גע־ברויכען איהם באַלד אָדער שפּעטער? כל־זמן איהר מיינט נאָר אויסצונוצען מיך אין דער דיענסט פאַר אַן אידעע און ניט פאַר לײדענשאַפט, בין איך מסכים צו טאָן וואָס איהר וועט מיר הייסען. אָבער, אַה, איך וואָרען אייך אַפריהער, אַז איך טויג נאָר אויף בראַוו און טריי דורכצופיהרען דאָס, וואָס מען הייסט מיר. איך קען טאָן, אָבער איך קען ניט מאַכען קיין פּלענער, וואָרים איך וויים גאָר ניט און איך בין אין קיין זאך ניט זיכער. איך קאָן פאָלגען נאָר דאַמאָלס, ווען איך פאַרמאַך מיינע אויגען און פאַרשטאָפּ מיינע אויערען איך זאָל גאָר ניט זעהן און גאָר ניט הערען אַזוינס, וואָס קען מיך מאַכען צו צווייפלען; איך קען מאַרשירען מיט מיינע פריינד אַקוראַט ווי יענער הונט, וועלכער, ווען ער דערזעהט, אַז זיין בעל־הבית פאָהרט אַוועק מיט אַ שיף, שפּרינגט אַריין אין וואַסער און שווימט נאָך דער שיף ביז ער געהט אונטער פון אויסגעמאַטערטקייט. דער ים איז גרויס, מיינע פריינד, און איך בין שוואך. איך טויג פאַר גאָר נישט אויסער צו זיין אַ סאָלדאַט, און דערפאַר אַפילו בין איך נידעריגער פון פינף פוס".

„אָבער, וואָס איז דער אונטערשייד! איך, דער קאַרליק, בין אייערע. איך בין אייערע דערפאַר, וואָס איך ליעב אייך און שאַץ אייך. דער אמת איז ניט ביי די מענשען. גאָט׳ס קעניגרייך איז ניט אויף ד ע ר וועלט. אָבער אויף וויפיעל דער מענש איז בכח צו גנב׳ענען פון דער שכינה (געטליכקייט) אַ שטראַהל צו באַלייכטען די וועלט, האָט איהר, איהר, קינדער פון פּראָמעטעאוס, איהר, קעמפּפער פאַר דעם נאַקעטען אמת און פאַר דער ניט־פאַר־דרעהטער גערעכטיגקייט, עס געגנב׳עט. געהט ווייטער! אַזוי לאַנג ווי אייערע מחנות געהען אויף דעם וועג פון אַ רעפּובלי־קאַנישער צוקונפט, מעגען די פאַרבען פון אייערע באַנערען זיין שטאַרקער אָדער שוואַכער! פאָראויס! אין דעם נאָמען פון

יעזוס, וועלכער האָט יעצט נאָר איין אַפּאָסטאָל (שליח, פאַר־שטעהער) אויף דער ערד (לאַמענעי, אַ באַוואוסטער עקאָנאָמיקער פון יענער צייט); אין דעם נאָמען פון וואשינגטאָן און פון פראַנקלין, וועלכע האָבען ניט געקאָנט אויפטאָן גענוג און האָבען געלאָזען פאַר אונז זייער אויפגאַבע צו ענדיגען; אין דעם נאָמען פון סען־סימאָן, וועמעס קינדער — גאָט זאָל זיי באַשיצען! — אַרבייטען צו געפינען אַן ענטפער פאַר דער גרויסער און שרעק־ליכער סאָציאַלער פראַגע! פאָראויס! אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַראַן גוטעס צו טאָן און די יעניגע, וועלכע גלויבען, טוען עס! איך בין נאָר אַ נישטיגעס סאָלדאַטען־קינד, איינע פון דעם רעגי־מענט — אָבער נעמט מיך מיט! נעמט מיך מיט!"

אין דער ליטעראַטור זיינען דאָ ווייניג אַזעלכע ריינע און האַר־ציגע אויסבראָכען פון פרויענשער באַגייסטערונג. אין דער דייטשער ליטעראַטור איז דאָ אַ פאַרגלייך אין „געטע'ס קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ קינד" פון בעטטינאַ, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרען דעם זעל־בען יאָהר און וואָס איז געווען אַ פועל־יוצא פון אַן עהנליכער איבערשטרוימענדער באַגייסטערונג; אָבער ביי בעטטינאַ באַקומען מיר ניט דעם זעלבען איינדרוק פון ערנסטקייט, און דער געפיהל גופא, וואָס ווערט דאָרט אויסגעדריקט, איז אַן ענגערער — עס איז אַ ריין עסטעטישער געפיהל, דער געפיהל פון פאַרגעטערונג פון אַ געניאַלען מענשען. בעטטינאַ איז אַ גייסטרייכע פרוי; איהר סטיל איז אַ גלענצענדער, אַ געשלייפענער און אַ געשפּיצטער, ער־טערוויז שוין אַביסעל צו שאַרף; אָבער אפילו אין דער וויבער־שער שוואַכקייט גופא פון זשאָרזש זאַנד'ס באַגייסטערונג זעהט זיך איהר גרויסקייט.

עס זיינען דורכגעגאַנגען עטליכע יאָהר איידער די שטימונ־גען, וועמעס ענטשטעהונג מיר האָבען דאָ נאָכגעפאָלגט, האָבען זיך אויסגעדריקט אין איהר ווערק. מיר וועלען באַלד צו די דאָזיגע ווערק קומען. פריהער מוזען מיר אַ ווײַלע באַטראַכטען איהרע רוהיגערע, ריין פּאָעטישע ראָמאַנען, וועלכע שטעלען צו־זאַמען די ווערק פון דער צווייטער עפּאָכע אין דער ליטעראַרי־שער קאַריערע פון זשאָרזש זאַנד.

פון דעם קינסטלערישען שטאַנדפּונקט איז די קורצע ערצעה־

לונג „די מאַרקיזין“, לויט מיין מיינונג, אָהן צווייפעל די בעסטע פון זיי; באמת, ווען מען זאָל קיין אַנדער זאַך ניט נעמען אין אַנבאַטראַכט אויסער קונסט, איז די דאָזיגע ערצעהלונג מעגליך דאָס פאָלקאָמענסט ווערק פון זשאָרזש זאַנד. איך שטעל זיך פאָר, אַז די עראינערונגען וועגען איהר גוטער, בכבוד׳יגער באָבען האָבען איהר באַגייסטערט עס צו שרייבען. די נאָוועלע באַצויבערט דורך דעם, וואָס אין איהר זיינען פאַראייניגט דער גייסט און די מנהגים פון דעם 18טען יאָהרהונדערט מיט דער שרעקעדיגער, פאַר׳חלומ׳טער ליעבע־תאוה פון דעם נײנצעהנטען. דאָס איז אַן איינפאַכע געשיכטע וועגען אַ פרוי־אַ־מיוחסת פון דעם „אַלטען רעזשים“, וועלכע האָט חתונה געהאַט אַזוי, ווי מען האָט עס געטאָן אין יענע יאָהרען, האָט אָנגענומען די ליעבע פון אַ מאַן אַזוי, ווי עס איז געווען דער מנהג אין יענע יאָהרען. אָבער איהר מאַן האָט איהר דערעסען ווי דער טויט דערפאַר, וואָס ניט איהר הארץ האָט איהם אויסגעקליבען, נאָר די גאַנצע גוטע געזעלשאַפט האָט זיך צוזאַמענגערעדט און ארויפגעצוואונגען איהם אויף איהר. יונג, אונערפאַהרען, שעהן און אונשולדיג אין דעם זין, וואָס זי האָט נאָך קיין אמת׳ע ליעבע ניט געוואוסט, פאַרליעבט זי זיך אין אַן אָרימען, האַלב־אויסגעהונגערטען, עלענדען אַקטיאָר, וועלכער דוכט זיך איהר פון דער ביהנע צו זיין די פאַרקערפּערונג פון מענליכקייט און פּאָעזיע. זי קוקט זיך צו איהם צו אַזוי, אַז ער זאָל עס ניט באַמערקען, אין אַ צייט ווען ער איז ניט אויף דער ביהנע און זי ווערט דערציטערט זעהענדיג דעם אונטערשייד אין זיין אויסזעהן. ער האָט באַמערקט, אַז זי אינטערעסירט זיך מיט איהם, און יעצט שפּיעלט ער נאָר פאַר איהר, און נאָר וועגען איהר חלומ׳ט ער. אָט האַלטען זיי אָפּ זייער ערשטע און לעצטע באַגעגעניש שפּעט אין אָווענט נאָכ׳ן טעאַטער. די מאַרקיזין האָט זיך יענעם טאָג אין דער פריה געשטעלט באַנקעס און זי פיהלט זיך אָפּגעשוואַכט; דער אַקטיאָר האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אַרונטערצונעהמען פון זיך די שמינקע מיט די טעאַטראַלע בגדים זיינע; ער איז נאָך דורכגענומען מיט דעם וואַרימען ענטוזיאַזם פון דער ביהנע; ער איז באַגייסטערט, פאַרשעהנערט און פאַראיידעלט דורך זיין אייגענער ליעבע, וועלכע הייבט איהם אויף העכער

פון זיינע געוועהנליכע לעבענס־באַדינגונגען. זי פיהלט זיך ווי א צנועה, ער איז פול מיט פאַרגעטערונג. זי איז פאַרליעבט, פאַר־כאַפּט פון א פּאָעטישער אילוזיע, ער אָבער ליעבט זי ווי זי איז, היים, מיט א ליידענשאַפטליכען באַגעהר צו האָבען זי, אָבער ריי־טערליך. די באַגעגעניש ענדיגט זיך, נאָך א שטורם פון ליידענ־שאַפטליכע ווערטער, אָהן קיינע אַנדערע אויסדרוקען פון ליעבע אויסער א קוש, וואָס זי דרוקט אָפּ אויף זיין שטערן, ווען ער שטעלט זיך פאַר איהר אויף די קניע.

די אַלטע מאַרקיזין, וועלכע דערצעהלט די געשיכטע, שווייגט א ווײַלע ווען זי ענדיגט, און נאָכדעם זאָגט זי:

— „איצטער, הא, ועט איהר שוין גלויבען אין דער עהרליכ־קייט פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט?“

— „מאַדאַם, — האָט געענטפערט די פּערזאָן, צו וועמען די מאַרקיזין האָט גערעדט, — איך האָב ניט דעם קלענסטען פאַרלאַנג צו צווייפלען אין אייער געשיכטע; דאָך ווען איך זאָל ניט זיין פון איהר אַזוי גערירהט, וואָלט איך זיך ערלויבט צו באַמער־קען, אַז עס איז געווען א גרויסע חכמה פון אייך צו שטעלען זיך באַנקעס יענעם טאָג“.

— „אַך, איהר מענער, גראָבע יונגען! — האָט א געשריי געטאָן די מאַרקיזין, — איהר פאַרשטעהט דאָך קיינמאָל ניט אפילו קיין האַרציגע געשיכטע!“

קיין מעהר גראַציעזע ווערק פון דער נאָוועלע האָט זשאָרזש זאַנד ניט אָנגעשריבען. די שעלמעריי פון דעם שלוס, א זאַך וואָס מען באַגעגענט בכלל זעלטען ביי זשאָרזש זאַנד, איז פאָלשטענדיג אין דעם גייסט פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. מיט דעם זעל־בען סאָרט בייסענדען סאַרקאַזם, צייכענט זיך אויך אויס דער טיעפזיניגער ראָמאַן „טעוורינאַ“, וועלכער איז עהנליך צו „די מאַר־קיזין“ און איז אויך אַזוי גראַציעז. די קונסט־פאָרם, דער סטיל, פון „לאַ מאַרקיז“ האָט די גאַנצקייט און די קורצקייט, וואָס א ווערק מוז האָבען אום צו בלייבען לעבען לדורות. די ערצעהלונג האָט א רעכט צו פאַדערען אַ פּלאַץ אין יעדער אַנטאָלאָגיע (זאַמלונג) פון די מייסטערווערק פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

נאָך דעם קומט א גאַנצע רייהע ראָמאַנען, וואָס זשאָרזש

זאַנד האָט געשריבען פּאַרצושטעלען איהר באַגריף וועגען דעם כאַראַקטער פון דער פרוי, ווען זי איז ניט פאַרדאַרבען. די פרויען, וועלכע זי מאָלט, זיינען צניעותדיג, שטאָלץ און ענערגיש; זיי זיינען מסוגל צו דער ליידענשאַפט פון ליעבע, זיי בלייבען אָבער שטעהן העכער פון איהר אָדער זיי פאַרהיטען זייער ריינהייט אפילו ווען זיי ווערען פון איהר פאַרכאַפּט. די שרייבערין איז געניינט צו מאַכען דעם איינדרוק, אַז די פרוי שטעהט מאָראַליש העכער פון דעם מאַן. אָבער די כאַראַקטערען פון איהרע העלדען־מענער זיינען אויך בטבע גוטע, הגם צווישען די הערשענדע קלאַ־סען האָבען די מענער די מיאוס׳ע איינגעירש׳ענטע טענדענץ צו טיראַניזירען איבער דער פרוי און איבער די נידעריגערע קלאַסען. רוסאָ׳ס איבערצייגונג, אַז די נאַטור, ווי זי איז באַשאַפען געוואָרען, איז גוט און אַז די געזעלשאַפט איז פאַרדאַרבען ליגט אין דעם יסוד פון די אַלע ווערק איהרע. פרויען ווי פיאַמאַ אין „סימאָן“, עדמעי אין „מאָפּראַ“, קאָנסועלאָ אין דעם ראָמאַן מיט דעם זעלבען נאָמען (פון וועמען מאַדאַם וויאַרדאָ איז ביז צו אַ געוויסען גראַד געווען דער אָריגינאַל) זיינען ריינע אוסדרוקען פון אַ טיפּישער יונגער מיידעל ביי זשאָרזש זאַנד. איהר אויפגאַבע איז דעם מאַן צו באַגייסטערען, צו היילען און צו דערציהען איהם. זי ווייס ניט פון קיין ספקות; ענטשלאָסענקייט איז דער תמצית פון איהר כאַראַקטער; זי איז אַ פּריסטערין פון פּאַטריאָטיזם, פון פרייהייט, פון קונסט, אָדער פון קולטור. פון די דערמאָנטע ראָמאַנען איז „קאָנסועלאָ“ דער לענגסטער און דער באַריהמטסטער; ער פאַנגט זיך אָן מייסטערהאַפט, אָבער ווי פיעלע פון באַלזאַק׳ס, שוין ניט רעדענדיג פון דומאַ׳ס, לענגערע ווערק, פאַרקריכט ער אין ראָמאַנ־טישע פאַנטאַזערייען. די קינסטלערישע טעאָריען פון יענער צייט האָבען געפיהרט אין דער ריכטונג פון שפּאַנענדע גוזמאות און איבערטרייבונגען. ניט בלויז וויקטאָר הוגאָ אַליין איז געווען אין סכנה צו פאַרלירען דעם חוש פון מאָס און אַריינצולאָזען זיך אין פאַרמלאָזע באַשרייבונגען.

צוזאַמען מיט די דאָזיגע ביכער, אין וועלכע די העלדין איז אַן אידעאַליסטישע יונגע מיידעל, געפינען מיר איינעם אָדער צוויי, אין וועלכע די דערוואַקסענע פרוי איז די הויפּט פּערזאָן. זשאָרזש

זאנד האט אין זיי געגעבען א דירעקטערע פארשטעלונג וועגען איינענעם כאראקטער. אזעלכע ווערק זיינען „דער אינטימער סעקרעטאר", א פארהעלטניסמעסיג שוואכע ערצעהלונג, און „לוקרעציא פלאריאני", איינע פון די מערקווירדיגסטע ווערק, וואס איהר פען האט געשאפען. וועגען דעם לעצטען בוך קען מען מיט רעכט זאגען, אז ער איז ניט קיין פאסענדע שפייז פאר יעדען איינעם. אויף די מייסטע לעזער וועט ער מאכען דעם איינדרוק פון א שרעקליכען, אבשטויסענדען ליטעראַרישען פאראדאקס; ווארים דער צוועק פון דעם בוך איז צו באווייזען די לייטישקייט, זאגאר די צניעות'דיגקייט פון אן אונפארהייראטער פרוי (אן איטאליענישע אקטריסע און דראמען־שרייבערין), וועלכע האט פיער קינדער פון דריי פאטערס. אבער עס איז א בוך, אין וועלכען די שרייבערין האט ערפאלגרייך דורכגעפיהרט איהר שווערע אויפגאבע קלאר צו מאכען פאר אונז דעם כאראקטער פון א פרוי, וועלכע איז אזוי רייך און אזוי געזונט, אז זי מוז שטענדיג האבען ליעבע; איז אזוי איידעל, אז זי קען זיך קיינמאל ניט דערנידעריגען און איז אויף אזוי פיעל א קינסטלערין, אז זי קען זיך ניט באגנוגענען מיט אן איין־איינציגען געפיהל און פארליערט ניט איהרע כחות צו ליעבען דורך איהרע אפטע אנטוישונגען.

זשארזש זאנד איז געווען ערפאלגרייך דערפאר, וואס זי האט פשוט געגעבען איהרע לעזער א שליסעל צו איהר איינענעם כאראקטער. פיעלע, וועלכע האבען געהערט וועגען דער שרייבערינ'ס אהן־א־סדר'דיגען לעבען, וועגען איהרע פארבינדונגען מיט זשול סאנדא, מיט אלפרעד דע מוסעי, מישעל דע בורזש, שאפען, מאנסא און א האלבען טוצען אנדערע, האבען געמוזט זיך שטעלען די פראגע: ווי איז דאס מעגליך, אז פון אזא אהן־א־סדר'דיגען און, לויט די נגענומענע באגריפען, מיאוס'ען לעבען, זאלען קענען געשאפען ווערען ביכער, וועלכע זיינען, מיט גאר זייער ליידענשאפטליכקייט, אזוי ריין און אזוי איידעל, ווי איהרע? און פיעלע האבען געפיהלט, אז די אינסטינקטיווע נייגעריגקייט פון דער קינסטלערישער נאטור (וואס זי האט אליין כאראקטעריזירט דערצעהלענדיג, אז ווען מען האט געשמועסט וועגען קאניבאליזם האט זי ניט־ווילענדיג א טראכט געטאן: „אינטערעסאנט, וואס פאר

אַ טעם האָט מענשליכע פלייש?") איז ניט קיין צופרידענשטעלענדע ערקלערונג פון איהר אויפפיהרונג. אין „לוקרעציאַ פלאַריאַני" גיט זי אונז אַ פולשטענדיגע פאַרשטעלונג פון איהר כאַראַקטער ווי ער איז געווען ווען זי איז אַלט געווען דרייסיג יאָהר. איך וועל פּרובירען פאַרשטענדליך מאַכען איהר גייסטיגען לעבען מיט דער הילף פון פיעלע צואַנואַרפענע שטעלען אין דעם ראָמאַן:

„לוקרעציאַ פלאַריאַני איז בטבע געווען — ווער וואָלט אַזאַ זאַך געגלויבט? — אַזוי צניעות׳דיג ווי די נשמה פון אַ קליין קינד. עס קלינגט זיכער ווי אַ חידוש צו הערען אַזוינס וועגען אַ פרוי, וועלכע האָט געליעבט אַזוי פיעל און אַזוי פיעלע... עס איז מעגליך, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס דער סענזועלער טייל פון איהר אָרגאַניזם איז געווען זעהר קרעפטיג אַנטוויקעלט; הגם צו מענער, וועלכע זיינען איהר ניט געפעלען געווען, האָט זי געשיינט צו זיין קאַלט.... אין די זעלטענע משד׳ים צייט, ווען איהר האַרץ איז שטיל געווען, האָט זי קיין זאַך גיט געזוכט און איהר מאַרך האָט אָפּגערוהט; און ווען מען וואָלט געקאָנט אויספיהרען, אַז זי זאָל קיינמאָל ניט זעהן קיין זכר, וואָלט פון איהר געקאָנט ווערען אַן אויסגעצייכענטע נאָנע, אַ רוהיגע און געזונטע. דאָס מיינט דאָס זעלבע, ווי צו זאָגען, אַז קיין זאַך קאָן ניט זיין ריינער פון איהרע געדאַנקען, ווען זי איז געווען אַליין, און אַז ווען זי האָט געליעבט איז אַלץ, אויסער איהר געליעבטען, פאַר איהרע חושים געווען בלויז איינזאַמקייט, פוסטקייט, ריינער גאַרנישט".

לוקרעציאַ זאָגט וועגען ליעבע:

„איך וויים, מען זאָגט זי איז בלויז תאוה; דאָס איז ניט ריכטיג בנוגע צו באַגאַבטע פרויען. ביי זיי אַנטוויקעלט זי זיך פּאַמעלאַך, שריט ביי שריט; פריהער כאַפּט זי זיך אַריין אין מח און קלאַפּט דאָרט אַן אין דער טיר פון דער פאַנטאַזיע. אָהן דעם גאָלדענעם שליסעל צו יענער טיר קען זי ניט אַריין. ווען דאָרטען האָט זי שוין באַפעסטיגט איהר ממשלה, לאָזט זי זיך אַרונטער אין נידעריגערע מדינות; זי פאַרקלייבט זיך אין אַלע אונזערע חושים, און דאַמאָלס האָבען מיר ליעב דעם מאַן, וועלכער הערשט איבער אונז, ווי אַ גאָט, ווי אַ ברודער, ווי אַ מאַן, ווי אַלץ וואָס אַ פרוי קען ליעבען".

די שרייבערין ערקלעהרט ווי אזוי איז עס געווען מעגליך, אז לוקרעציא'ס נשמה זאָל ניט אויפהערען פאַרכאַפּט צו ווערען פון אַלע נייע עראָטישע אילוזיעס און, בפרט, ווי אזוי איז עס געקו־מען צו איהר לעצטער גרויסער ליידענשאַפט צום פּרינץ קאַראָל (שאַפּען האָט עס געדיענט אַלס מאָדעל פון דעם כאַראַקטער פאַר זשאָרזש זאַנד):

„פאַר רייכע, שטאַרקע נאַטורען שיינט די לעצטע ליעבע צו זיין די ערשטע; און דאָס איז זיכער, אז אויב אַזעלכע געפיהלען זאָלען זיך מעסטען לויט דער הייכקייט פון באַגייסטערונג, האָט לוקרעציא קיינמאָל אַזוי שטאַרק ניט געליעבט. די באַגייסטערונג, וואָס זי האָט געהאַט פאַר די אַנדערע מענער, פלעגט לאַנג ניט געדויערען. יענע מענער זיינען ניט געווען בכח איהר אויפצוהאַל־טען אָדער יונג צו מאַכען. נאָך דעם, ווי די אילוזיעס פלעגען אַוועק, פלעגט נאָך די ליעבע פאַר אַ געוויסע צייט אָנהאַלטען; דאַן פלעגט קומען די צייט פון גרויסמוטיגקייט, פון מיטגעפיהל, פון רחמנות, פון איבערגעבענהייט, מיט איין וואָרט — פון דעם מוטערליכען געפיהל. עס איז געווען אַ וואונדער, אז ליידענשאַפּ־טען, וואָס האָבען זיך אַזוי נאַריש אָנגעפאַנגען, האָבען אַזוי לאַנג געדויערט, הגם די וועלט, וועלכע ווייס נאָר אויסערליכע סימנים, האָט זיך געוואונדערט און באַטראַכט עס אַלס אַ סקאַנדאַל, וואָס זי האָט אַזוי שנעל און אַזוי פאָלשטענדיג אָפּגעבראָכען איהרע פאַר־בינדונגען. אין די אַלע ליעבעס פלעגט זי קוים אַ וואָך פאַרבליי־בען גליקליך און בלינד; און ווען נאָך אַ ליעבע, וואָס זי האָט אָנערקענט אַלס נאַרישע און אונוווירדיגע, פלעגט קומען אַן אַב־סאָלוטע איבערגעבענהייט פאַר אַ יאָהר אָדער צוויי, איז עס דען ניט געווען די גרעסטע אָפּערונג פון מוט און פון כחות, פיעל גרע־סער ווי דאָס מקריב זיין פון אַ גאַנצען לעבען, פאַר דעם, וואָס מען רעכ'ענט איז דעם קרבן ווערט?"

מיר פאַרשטעהען פאַר וואָס לוקרעציא איז שטענדיג צוגע־צויגען געוואָרען פון שוואַכע מענער. איהר אונאָבהענגיגער כאַ־ראַקטער צוזאַמען מיט איהרע מוטערליכע אינסטינקטען האָבען איהר געצויגען צו די שוואַכע. דער געדאַנק, אז זי אַליין זאָל פון וועמען־

עס־איז ווערען באַשיצט, איז פאַר איהר געווען ניט דערטרעגליך. און צו אָפט פלעגט זיך טרעפען, אַז ווען זי האָט זיך געוואָלט אַנשפּאַרען אַן איינעם, וועלכער איז געווען שטאַרקער פון איהר, פלעגט מען זי פאַרשטויסען דורך קאַלטקייט. דאָס האָט זי גע־בראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז ליעבע און ענערגיע קענען זיך קאָמבינירען נאָר אין אַזוינע הערצער, וועלכע האָבען געליטען אַזוי פיעל, ווי איהר אייגענע האַרץ.

ענדליך זעהן מיר ווי איהרע פאַרהעלטנישע מיט איהרע קינ־דער — און זי איז געווען, ווי זשאָרזש זאַנד, זעהר אַ צאַרטע און ליעבענדע מוטער — האָבען געווירקט אויף לוקרעציאַ׳ס עראָטישען לעבען.

„זי האָט געוואָלט זיין אַ מוטער פאַר איהרע געליעבטע; זי האָט ניט אויפגעהערט צו זיין אַ מוטער פאַר איהרע קינדער, און די דאָזיגע צוויי געפיהלען, וועלכע פלעגען אָפט קומען אין צו־זאַמענשטויס, פלעגען שטענדיג ענדיגען דעם קאַמף מיט דער פאַרניכטונג פון דער וועניגער פאַר׳עקשנ׳טער ליידענשאַפט. די קינדער פלעגען תמיד אַרויס די זיעגער, און די געליעבטע, וועלכע פלעגען, מעטאַפאָריש גערעדט, אַרויסגענומען ווערען פון דעם גרויסען בית־יתומים פון דער ציוויליזירטער וועלט, האָבען פריהער אָדער שפּעטער געמוזט אומקעהרען זיך אַהינצו צוריק“.

לוקרעציאַ רעדט אַמענדע וועגען דעם, ווי זי פאַרהאַלט זיך צום פּסק פון דער געזעלשאַפט איבער איהר כאַראַקטער און איבער איהר לעבען אין אַזעלכע אויסדריקע, וועלכע מען קען גלייך אָנ־ווענדען אויף זשאָרזש זאַנד:

„איך האָב קיינמאָל ניט געזוכט קיין סקאַנדאַל. אויב איך בין אפשר אַמאָל געווען די סיבה דערפון, האָב איך עס ניט גע־וואוסט און ניט געוואָלט. איך האָב קיינמאָל ניט ליעב געהאַט צוויי מענער אין דער זעלבער צייט; איך האָב קיינמאָל, אפילו אין מיין געדאַנק, ניט באַלאַנגט מעהר ווי צו איין מאַן דורך אַ באַשטימטע צייט, ד. ה. דורך דעם משך, וואָס מיין ליידענשאַפט האָט געדויערט. ווען איך האָב אַ מאַן מעהר ניט ליעב געהאַט,

פלעג איך איהם ניט אפּנאַרען, איך פלעג אינגאַנצען אפּברעכען מיין פאַרבינדונג מיט איהם. עס איז אמת, איך פלעג אַלע מאָל, זייענדיג באַגייסטערט, איהם פאַרשפּרעכען אייביגע ליעבע; איך פלעג עס אַבער אַלע מאָל טאָן גאַנץ ערנסט; יעדען מאָל, ווען איך פלעג זיך פאַרליעבען, פלעג איך ליעב האָבען אַזוי הייס און אַזוי שטאַרק, אַז עס פלעגט זיך מיר אַליין דוכטען, אַז דאָס איז אויף־אַן־אמת די ערשטע און די לעצטע ליעבע אין מיין לעבען. איהר, פאַרשטעהט זיך, קאָנט מיך אַנערקענען אַלס אַן אומעהרליכע פרוי, אַבער איך אַליין בין טיעף איבערציינגט, אַז איך בין עהרליך. נאָכמעהר, איך זאָג, אַז איך האָב אַ רעכט מען זאָל מיך רופען צנועה, הגם איך וויים, אַז לויט אייערע אידעען און לויט דער מיינונג פון דער געזעלשאַפט איז עס אַ חוצפּה פון מיר. איך גיב איבער מיין לעבען פאַר דעם פּסק פון דער וועלט אָהן תּרעומות. איך זאָג ניט, אַז די משפּטים פון דער וועלט זיינען געוועהנליך ניט קיין גערעכטע, אַבער איין זאַך קען איך ניט צוגעבען, און דאָס איז. אַז זייער משפּט בנוגע צו מיר איז אַ גערעכטער".*)

דער קאָנטראַסט צווישען „לוקרעציאַ פלאָריאַני" און דער קליי־נער סעריע פון איינפאַכע, פּראַכטפולע דאָרפישע ערצעהלונגען, וואָס זשאָרזש זאַנד האָט געשריבען אַ קורצע צייט נאָך דעם ראָ־מאַן ביז דעם יאָהר 1848, שיינט ביים ערשטען בליק צו זיין אַ שאַרפער; אַבער אין דער ווירקליכקייט איז דער מהלך פון „לוק־רעציאַ" ביז „לאַ מאַר או דיאַבל", „פראַנסואַ לע שאַמפּי", און „לאַ פּטיט פאַדעט", איז ניט אַזוי גרויס ווי עס דוכט זיך. די זעלבע באַגייסטערונג פאַר דער נאַטור, געשעפּט פון רוסאָ, וואָס האָט צו־געגעבען וואָג און וויכטיגקייט איהרע פּראָטעסטען געגען דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, האָט איהר צוגעצויגען צו די פּויערען פון בעררי און צו די דאָרפישע אידיליען פון איהר היימישען גע־גענד. מען דערצעהלט, אַז איהר סעקרעטאַר און איהר אינטימער פריינד, דער דייטש מיללער שטרובינג, איינער פון די פיעלע, מיט וועמען זי האָט זיך פאַרהאַלטען לויט די פּרינציפּען פון לוקרעציאַ

---

*) לוקרעציאַ פלאָריאַני, זייטען 169, 67, 130, 127, 38.

פלאַריאַני, האָט איהר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די דאָרפּישע
ערצעהלונגען פון אויערבאַך, וועלכע זיינען דאַמאָלס נאָך ניט גע־
וועזן אַרויס אין אַ באַזונדערע זאַמלונג, און דערמיט האָט ער איהר
געגעבען דעם ערשטען אַנשטויס זי זאָל שאַפען יענע ווערק, וועל־
כע, צוליעב זייער איינפאַכקייט און זייער שטילער ריינקייט, ווי
אויך צוליעב דער טיעפקייט פון די געפיהלען, וואָס זיי מאָלען, האָ־
בען פאַר איר געשאַפען דעם גרויסען קרייז לעזער. ווי שפינאָזאַ,
דער אַפּאָסטאָל פון נאַטור־פרומקייט, האָט געווירקט אויף אויער־
באַכ׳ן ער זאָל שרייבען זיינע דאָרפישע געשיכטען, אַזוי האָט רוסאָ
געווירקט אויף זשאָרזש זאַנד דורך זיין פאַרהערליכען די נאַטור.
איהרע פראַנצויזישע פויערען זיינען, אמת, ניט קיין „עכטע“ אין
דעם זעלבען זין, ווי זיי זיינען „עכט“ אין באַלזאַק׳ס „לע פאַיזאַן“;
זיי זיינען געמאָלען ניט בלויז מיט אַ סימפּאַטיע, וועלכע איז אַזוי
שטאַרק, ווי באַלזאַק׳ס אַנטיפּאַטיע; זיי ווערען אויך פאַרגעשטעלט
אַלס ליעבענסווירדיגע, ווייכהערציגע מענשען, וועלכע זיינען זעהר
צאַרט און דעליקאַט אין זייערע געפיהלען; זיי האָבען אַזאַ שיכות
מיט די אמת׳ע פויערען פון פראַנקרייך, ווי די פאַסטוכער פון
טהעאָקריטוס מיט די ווירקליכע פאַסטוכער פון גריכענלאַנד. דאָך
האָבען די דאָזיגע ערצעהלונגען איין מעלה, וועלכע קומט אינגאַנצען
פון דעם סאָרט לעבען, וועלכען זיי באַשרייבען און וועלכע פעהלט
אין די אַנדערע ווערק פון זשאָרזש זאַנד — זיי האָבען דעם זעל־
טענעם, — אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור דאָפּעלט זעלטע־
נעם, — צויבער פון תמימות, פון נאַאיוויטעט. אַלץ, וואָס זשאָרזש
זאַנד האָט אין זיך געהאַט אַלס פויערענמיידעל, אַלס דאָרפקינד;
אַלץ אין איהר, וואָס האָט געהאַט אַ קרובות׳שאַפט מיט דעם וואַק־
סען פון די פלאַנצונגען, מיט דעם ווינטעל, וועלכער בלאָזט ווער
וויסט פון וואַנען און וואוהין; אַלץ דאָס אונבאַוואוסטע און דאָס
שטומע, וואָס האָט זיך אַזוי קלאָר געמערקט אין איהר אויסזעהן
און אין איהר לעבען און וואָס האָט זיך אָבער ניט אַרויסגעוויזען
אין איהרע ווערק דערפאַר, וואָס עס איז פאַרטויבט געוואָרען פון
דעם פאַטהאָס, פון די דעקלאַמאַציעס און פון די סענטימענטאַלע
פראַזען, האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט מיט איהר גאַנצער קינדערשער
איינפאַכקייט.

די ערצעהלונג „די טייוועלשע בלאָטע", געשריבען אין 1841, איז דער פערל פון די דאָרף־ערצעהלונגען. זי באַצייכענט דעם העכסטען פונקט פון דעם אידעאַליזם פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. אין איהר האָט זשאָרזש זאַנד ווירקליך געגעבען דער וועלט דאָס, וואָס זי האָט ערקלעהרט פאַר באַלזאַק'ן, אז זי וויל אָנשרייבען — דעם פאַסטאָראַל (די פאַסטוכער־פאָעמע) פון דעם 18טען יאָהרהונדערט.

12.

באַלזאַק.

געגענאיבער זשאָרזש זאַנד און איהרע ווערק שטעהט דער שרייבער פון יענער צייט, וועמעס קונסט זי האָט אַליין כאַראַקטעריזירט אַלס דער היפוך פון איהר אייגענער. בשעת זי האָט זיך, — אַן אמת׳ע, אין דעם פּרט, ראָמאַנטיקערין, — מיט כעס אָפּגעקעהרט פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג פון איהר צייט, זייענדיג מעהר געניינגט צו פאַרדאַמען זי און צו אַנטלויפען פון איהר אידער זי צו פאַרשטעהן און צו באַשרייבען, האָט ער זיך געפיהלט,—אויב ניט נאָר צופריעדען,—גאַנץ היימיש אין זיין סביבה, און כמעט פון דעם אָנפאַנג אָן פון זיין קאַריערע האָט ער באַטראַכט די געזעלשאַפט פון זיין צייט און פון דער אַקאָרשט פאַרגאַנגענער עפּאָכע אַלס זיין קינסטלערישען אייגענטום, אַלס דעם ניט־דערשעפּליכען אוצר פון זיין באַגייסטערונג. זשאָרזש זאַנד איז געווען גרויס אַלס אַ מאַלערין פון מענשליכע כאַראַקטערען, אָבער זי איז בעצם געווען נאָך גרעסער אַלס מאַלערין פון לאַנדשאַפטען; זי האָט פאַרגעשטעלט די מענשהייט ווי דער לאַנדשאַפטמאַלער שטעלט פאָר פלאַנצונגען; זי האָט געוואוסט וועלכער טייל פון דער מענשהייט באָדט זיך אין ליכט און שטרעבט צו ליכט. באַלזאַק׳ס שטאַנדפּונקט איז געווען דער פאַרקערטער: דער טייל פון דעם מענשליכען געוויקס, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען און ליעב געהאַט צו מאַלען, איז געווען דער וואָרצעל. דאָס, וואָס וויקטאָר הוגאָ זאָגט אין דער „לעגענדע פון די יאָהרהונדערטע“ וועגען דער סאַטיר, פּאַסט זיך אויף באַלזאַק׳ן:

„ער האָט געמאָלען אַ בוים פון די וואָרצלען, דעם טויטליכען קאַמף פון די גזלנ׳ישע פלאַנצען“.

אין דער בשפע׳דיג פרוכטבאַרער פּראָווינץ טורעין, „דער גאַרטען פון פראַנקרייך“, אין דער היים פון ראַבלעי, איז אין פריהלינג פון דעם יאָהר 1799 געבאָרען געוואָרען אָנאָרע דע באַלזאַק — אַ מאַן מיט גענוג האַרץ און מיט גענוג מוח. זייענדיג פיזיש שווער און ווייך, גראָב אין זיין ריידען און צאַרט אין זיין פיהלען, אַ שטענדיגער בעל־חלום און זעהר אַ שאַרפער באַאָבאַכטער, האָט דער דאָזיגער מאַן פאַראייניגט אין זיין זעהר קאָמפּליצירטען כאַראַקטער אַ טיעפקייט פון געפיהלען מיט אַ וואונדערבאַר שאַרפען בליק; די ערנסטקייט פון אַ וויסענשאַפטליכען פאָרשער מיט דעם לייכטען הומאָר פון דעם דערצעהלער; דעם אויסדויער און די פּאַרטיעפּטקייט אין זיין געדאַנק פון דעם אַנטדעקער מיט דער נייגונג פון דעם קינסטלער אָהן בושה פאַרצושטעלען פאַר אַלעמען גאַנץ נאַקעט אַלץ וואָס ער באַמערקט, פיהלט, אַנטדעקט אָדער ערפינדעט. ער איז ווי באַשאַפען געוואָרען מיט דעם צוועק ער זאָל אריינדרינגען אין די סודות פון דער געזעלשאַפט און פון דער מענשהייט און ער זאָל זיי אַרויסגעבען.

באַלזאַק איז געווען אַטלעטיש געבויט, מיט ברייטע אַקסלען, פון מיטעלען וואוקס; אין זיינע מיטעלע יאָהרען איז ער געוואָרען לייביג; ער האָט שטאַרק געשטאַלצירט מיט זיין דיקע, קרעפטיגע האַלז, וואָס איז געווען ווייס, ווי די האַלז פון אַ פרוי; זיינע האָר זיינען געווען שוואַרץ און האַרט, ווי די האָר פון אַ פערד; זיינע אויגען האָבען געפינקעלט ווי צוויי שוואַרצע דימענטען; דאָס זיינען געווען אויגען פון אַ לייבען־איינברעכער; זיי האָבען געקענט זעהן דורך אַ מויער, וואָס עס טוט זיך אין הויז; זיי האָבען געקענט דורכדרינגען אַ מענשליכע האַרץ און לייענען אין איהר ווי מען לייענט אין אָפענעם בוך. זיין גאַנצער אויסזעהן האָט דערמאָנט אַ סיזיפוס פון אַרבייט.

ער איז געקומען קיין פּאַריז אַן אָרימער, עלענדער בחור׳על. אַ שטאַרקע שטרעבונג צו דער ליטעראַטור און די האָפנונג באַריהמט צו ווערען האָבען איהם אַהינצו געטריבען. זיין פאָטער, ווי דאָס רוב פאָטערס, איז געווען זעהר שטאַרק דאַגעגען, אַז זיין זוהן, אין וועלכען קיינער האָט קיין גאונות ניט באַמערקט, זאָל אוועקוואַרפען זיין פּראָפעסיע אַלס יוריסט צוליעב שרייבעריי, און

ער האָט איהם דערפאַר מיט גאָר ניט געוואָלט אַרויסהעלפען. איז ער אַזוי געזעסען אין זיין ניט־היימישען בוידעם־צימער, אַהן קיי־נעם וועך עס זאָל אויף איהם אַכטונג געבען, אַ דערפראָרענער, זיין רעקעל אַרומגעוויקלעט אַרום די פיס, אַרום איהם אַ קאַן מיט קאַפּע אויף איין זייט טיש, אַ טינטער אויפ׳ן צווייטען זייט און האָט אַרויסגעקוקט אַלע ווײלע אויף די דעכער פון דער גרויסער שטאָדט, וואָס דער מזל האָט באַשטימט ער זאָל באַשרייבען און גייסטיג באַזיעגען. דער אויסקוק איז געווען ניט קיין גרויסער און ניט קיין שעהנער. דאָס זיינען געווען מיט־מאָך־באַוואָקסענע ציגעל, אַמאָל באַלויכטען פון דער זון און אַמאָל געבאָדען פון דעם רעגען; דאַך־רינעס, קוימענס און רויך. זיין צימער איז געווען ניט בעקוועם און ניט עלעגאַנט; אַ קאַלטער ווינט האָט געפייפט דורך די שפּאַלטען פון דער טיר און פון דעם פענסטער. אַלע אין־דער־פריה האָט דער יונגער דיכטער, וועלכער האָט געפּלאַ־נעוועט צו שרייבען אַ גרויסע טראַגעדיע, וואָס האָט באַדאַרפט הייסען „קראָמוועל“, געהאַט אַן אַרבייט אויסצוקעהרען דעם דיל, צו רייניגען זיינע קליידער און איינצוקויפען זעהר שפּאָרעוודיג די נויטיגסטע מיטלען צום לעבען. זיין אָבפּרישען זיך איז באַ־שטאַנען אין אַ שפּאַציער דורך דעם נאָהענטען בית־הקברות פּער־לאַשעז, פון וואַנען מען האָט געקאָנט זעהן גאַנץ פּאַריז. פון דעם דאָזיגען הויכען פונקט האָט דער יונגער באַלזאַק (ווי שפּעטער זיין העלד ראַסטינאַק) אויסגעמאָסטען מיט די אויגען די אונגע־הויער גרויסע הויפּטשטאָדט ווי ער וואָלט זי עזות׳דיג אַרויסגע־רופען אויף אַ קאַמף, וועטענדיג זיך מיט איהר, אַז מיט דער צייט וועט ער זי צווינגען צו אַנערקענען און צו ריהמען זיין נאָמען, וועלכער איז יעצט נאָך אומבאַקאַנט פאַר דער וועלט.

די טראַגעדיע האָט באַלזאַק אין גיכען אויפגעגעבען; זיין טאַלאַנט איז געווען צופיעל געניינגט צו אַלץ, וואָס איז מאָדערן, צו דאָס ווירקליכעס, אום ער זאָל קענען שלום מאַכען מיט די כללים און מיט די אויסגעטראַכטע כאַראַקטערען פון דער פראַנ־צויזישער טראַגעדיע. אויסער דעם, איז פאַר דעם יוגענמאַן, וועל־כער האָט געלעבט ווי אַ פּרוש, העכסט וויכטיג געווען וואָס שנעלער צו באַוואָרענען זיך מיט אַן אונאַבהענגיגען איינקונפט, וואָרים די

עלטערן האָבן איהם אַפּגעלאָזען פון דער היים נאָר מיט אַ תּנאי, אויף אַ פּראָבע.

און אַט נעמט ער זיך צו שרייבן בחפזון ראָמאַנען. ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין ערפאַהרונגען אין לעבען, וואָס זאָלען קענען צוגעבען זיינע ווערק אַ דויערענדען ווערט; ער האָט אָבער געהאַט אַ לעבעדיגע, אייביג־שאַפענדע איינבילדונגס־קראַפט, און ער האָט געלייענט גענוג צו קענען שרייבן ערצעהלונגען אין אַ סטיל, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר דער לייכטער ליטעראַטור פון יענער צייט. שוין אין דעם יאָהר 1822 האָט ער אונטער פאַר־שיידענע אויסגעטראַכטע נעמען אַרויסגעגעבען ניט ווייניגער ווי פינף אַזעלכע ראָמאַנען. דורך די דריי יאָהר נאָכדעם, 1823—1825, האָט ער אָנגעשריבען נאָך אַ גרעסערע צאָהל ראָמאַנען, וועלכע ער אַליין, טראָץ זיין נאַטירליכע גאוה, האָט באַטראַכט אַלס אַזעל־בע, וואָס טויגען נאָר צו באַקומען דורך זיי מיטלען צום לעבען. אין דעם יאָהר 1822 שרייבט ער צו זיין שוועסטער: „איך האָב דיר ניט געשיקט דעם ראָמאַן „ביראַגיו“ דערפאַר, וואָס ער איז אַן אמת׳ע ליטעראַרישע חזיר׳יי... אין דעם ראָמאַן „זשאַן לואיס“ וועסטו געפינען געוויסע כאַראַקטערען, אָבער דער פּלאַן איז אָרים. די איינציגע מעלה, וואָס די דאָזיגע ביכער האָבען, מיין טייערע, איז דאָס, וואָס זיי האָבען מיר אַריינגעבראַכט אַ טויזענד פראַנק; איך האָב אָבער די סומע ערהאַלטען אין וועקסלען אויף לאַנגע טערמינען. וועלען זיי ווען־עס־איז באַצאָהלט ווערען — דאָס איז די פראַגע“.

ווער עס האָט זיך גענומען די אַרבייט דורכצולייענען אַ פּאָר פון די דאָזיגע ערשטע ווערק פון באַלזאַק, וועט מסכים זיין, אַז זיין פּסק וועגען זיי איז ניט קיין צו האַרבער. זיי צייכענען זיך אויס מיט אַ געוויסער לעבעדיגקייט, מיט דעם וואָס די פראַנצויזען רופען „ווערווע“, דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס מען קען וועגען זיי זאָגען. עס איז אַ ספק צו זיי האָבען געהאַט אַפילו די איינ־ציגע מעלה, וואָס דער שרייבער אַליין האָט אין זיי געפונען. דאָס זעהט מען ניט נאָר פון דעם, ווי באַלזאַק האָט אין זיינע שפּעטערע ראָמאַנען (זעה „אַן גראַנד האָם דע פּראָווינס אַ פּאַרי“) באַ־שריבען די אַרויסגעבער, וועלכע באַצאָהלען די שרייבער מיט וועק־

סלען; אין דעם יאהר 1825 זיינען זיינע אומשטענדען געווען אזוי פארצווייפעלט, אז ער האט פלוצלינג אויפגעהערט פאר א צייט צו שרייבען אום צו פארדיענען אויף א לעבען אלס בוכהאנדלער און דרוקער.

זיין מח איז שטענדיג געווען פול מיט אלערליי מינים פלענער און עס איז איהם אריין א געדאנק ארויסצוגעבען אין איינציגע בענדער די געזאמעלטע ווערק פון קלאסישע שרייבער. אזעלכע אויסגאבען האבען נאך ניט עקזיסטירט און ער איז געווען איבערציגט, אז ביי אזא אונטערנעהמונג קען מען גוט פארדיענען. און ער איז געווען גערעכט; אבער די פרנסות פון דעם געשעפט, ווי פון אלע זיינע שפעטערע ספעקולאציעס, האבען רייך געמאכט אנדערע און ער אליין האט נאר געהאט פון זיי היזקות. אין דעם יאהר 1837, למשל, ווען ער איז געווען אין גענוא, איז באלזאק'ן געקומען אויפ'ן געדאנק, אז די אלטע רוימער האבען וואהרשיינליך ניט אויסגעשעפט אינגאנצען דעם זילבער פון זייערע מינען אין סארדיניע. ער האט זיך דורכגעשמועסט וועגען זיין איינפאל מיט זיינעם א באקאנטען גענועזער און האט באשלאסען צו טאן עפעס וועגען דעם. א יאהר שפעטער האט ער אפגעגעבען א סך צייט און מיה אויף א שווערע נסיעה צום אינזעל צו אונטערזוכען דארטען די שלאקען (ערד־פסולת) פון די מינען. ער האט געפונען אלץ, ווי ער האט ערווארטעט. אבער ווען ער האט זיך געווענדעט צו די רעגירונגס־בעאמטע אין טורין נאך אן ערלויבניש צו באארבייטען די מינען, האט ער אויסגעפונען, אז זיין פריינד פון גענוא האט זיך מקדים געווען פאר איהם און האט שוין באקומען דאס אויסשליסליכע רעכט דערפאר און איז שוין געווען ניט ווייט פון עשירות. פיעלע פון די פראקטישע געשעפטס־פלענער, וואס זיינען געקומען אויפ'ן געדאנק אין באלזאק'ס שטענדיג פארנומענעם קאפ, זיינען זיכער געווען ניט מעהר ווי חלומות אויפ'ן וואהר; דאך זעהט מען אין זיי זיין זשעניע. אקוראט ווי געטע איז געווען אזוי איינס מיט דער נאטור, אז ווען זיין פאעטישער בליק האט דורך א צופאל באמערקט די פאלמע, האט ער אנטדעקט דעם סוד פון די מעטאמארפארזען (פארוואנדלונגען) אין פלאנצונגען, — איינע און די זעלבע אורפארמע (ערשטע פארמע) אין אלע טיילען

פֿון דער פּלאַנצונג, — און ווי ער האָט דורך אַ צופֿעליגער באַטראַכטונג פֿון אַ האַלב־צושפּאַלטענעם צופֿוילטען שאַרבען פֿון אַ שאָף געלייגט דעם יסוד פֿון פֿילאָזאָפֿישער אַנאַטאָמיע, אַזוי איז אויך באַלזאַק געווען בטבע אַ גרויסער אַנטדעקער. ער איז עס געווען אין גרויסע און אין קליינע זאַכען אין אַזאַ מאָס, אַז עס האָט זיך געדוכט ער איז דער לעגענדאַרער מכשף, וועגען וועלכען דאָס פֿאָלק גלויבט, אַז ער ווייס וואו עס זיינען באַהאַלטען אוצרות, ווי ער וואָלט געטראָגען דעם וואונש־שטעקעלע, וואָס נייגט זיך צו דער ערד אומעטום, וואו עס ליגט גאָלד פֿאַרבאָרגען — ווי דער נאָמענלאָזער, געשלעכטלאָזער העלד פֿון זיינע ווערק; — דאָך האָט ער ניט געהאָט קיין ערפֿאָלג אין זיינע פֿאַרזוכען ארויסצובאַקומען די אוצרות; ער איז געווען אַ מכשף, אָבער ניט קיין געשעפֿטסמאַן.

שוין אָט דער ערשטער דערמאָנטער פּלאַן זיינער איז געווען בעצם זעהר אַ גוטער און אויך גראַנדיעז אויסגעאַרבייט. ער האָט געוואָלט ווערען אין דער זעלבער צייט אַ שריפֿט־גיסער, אַ בוכדרוקער, אַ בוכהאַנדלער און אויך אַ שרייבער. וואָרים ער האָט אַליין געשריבען די הקדמות צו זיינע אויסגאַבען פֿון די קלאַסיקער און ער האָט געפּלאַמט מיט דער שטרעבונג צו פֿאַרווירקליכען זיין שעהנעם פּלאַן. אָבער נאָך דעם ווי עס איז איהם געלונגען איבערצוריידען זיינע גרויסעלטערען זיי זאָלען אריינלייגען אין דער אונטערנעמונג דעם גרעסטען טייל פֿון זייער פֿאַרמעגען; נאָך דעם ווי ער האָט פֿאַר די געלט איינגעריכטעט אַ שריפֿט־גיסעריי און אַ דרוקעריי און ארויסגעגעבען גוטע, אילוסטרירטע איין־באַנד אויסגאַבען פֿון מאָליער און לאַפֿאָנטעין, האָבען אַלע פֿראַנצויזישע בוכהענדלער ווי איין מאַן געמאַכט יד־אחת געגען זייער ניט־געבעטענעם קאָלעגע, האָבען זיך ענטשיידען אָפּגעזאָגט צו פֿאַרשפּרייטען זיינע אויסגאַבען און רוהיג געוואַרט ביז וואַנען ער וועט ווערען באַנקראָט כדי זיי זאָלען קענען נאָכהער אויסנוצען זיין געדאַנק פֿאַר זייערע אייגענע פּראָפֿיטען. נאָך דריי יאָהר צייט איז באַלזאַק געצוואונגען געווען צו פֿאַרקויפֿען זיינע ביכער פֿאַר מאַקלאַטור (וויקעל־פּאַפּיער) און פֿאַרלירען אַ סך געלד ביים פּטור־ווערען פֿון זיינע דרוק־מאַשינען. ער אַליין האָט דורכגעמאַכט

אַלע צרות און שלימ־מזל׳ס, וואָס דער אָרימער אונטערנעמענדער דרוקער פון דעם ראָמאַן „חוה און דוד" האָט דורכגעמאַכט. ער איז געבליבן ניט נאָר אָרעם, נאָר אויך אַזאַ גרויסער בעל־חוב, אַז ער האָט געמוזט אַרבייטן אַלע זיינע איבעריגע יאָהרען כדי פשוט אויסצאָהלען זיך און ווערען ווידער אַ מאָל זעלבסטשטענדיג און אומצוקערען זיין מוטער איהר פאַרמעגען. און די דאָזיגע חובות זיינע, פון וועלכע ער האָט ניט געקאָנט פּטור ווערען, אויסער מיט דער הילף פון זיין פעדער, זיינען ניט געווען קיין רוהיגע שונאים. זיי זיינען געוואַקסען און פלעגען איהם באַפאַלען פון אַלע זייטען, וואָרים פאַר אַ לאַנגע צייט האָט ער קיין אַנדער וועג ניט געהאַט ווי צו באַפרייען זיך פון איין חוב אויסער דורך מאַכען אַנאַנדערן. דורך די דאָזיגע מסחרים איז ער באַקאַנט געוואָרען מיט די אַלע מינים פאַריזער פּראַצענטניקעס, וועלכע ער האָט אַזוי אויסגעצייכענט פאַרגעשטעלט אין דער פּערזאָן פון גאָבסעק און עהנליכע כאַראַקטערען, און די ווערטער: „מיינע שולדען! מיינע בעלי־חובות!" זיינען איהם שטענדיג אויפ׳ן געדאַנק און ווערען שטענדיג איבערגע׳חזר׳ט אין יענע בריעף צו זיינע נאָהענטע פריינד, אין וועלכע די וואָרימע האַרץ פון דעם מיט־חובות־באַלאַדענעם מענשען זאָגט זיך פריי אַרויס. „געוויסענסביסע, — שרייבט ער אין איי־נעם פון זיינע ראָמאַנען, — זיינען ניט אַזוי שלעכט ווי חובות, וואָרים זיי קענען ניט פאַרשפאַרען אין תּפיסה". פאַר אַ קורצער צייט איז איהם ווירקליך אויסגעקומען צו באַקאַנען זיך מיט דעם געפענגניש פאַר בעלי־חובות און כדי ער זאָל ניט דאַרפען זיצען דאָרט נאָכאַמאָל האָט ער אָפט געמוזט זיך אויסבאַהאַלטען, האָט געמוזט בייטען זיין וואוינונג אָדער זעהן, אַז מען זאָל איהם שיקען בריעף אויף ניט־ריכטיגע אַדרעסען. אַלס דיכטער, ווי ער איז עס געווען, האָט ער געלעבט מיט זיינע חובות, ווי מיט אַ ניט־ערשעפּליכען קוואַל פון אויפרעגונגען פאַר זיין נשמה; זיין איינבילדונגס־קראַפט איז שטענדיג געטריבען געוואָרען צו אַרבייטען דורך דעם געדאַנק וועגען זיינע חובות און ווען ער פלעגט זיך אויפכאַפּען, ווי נאָר ער האָט געעפענט די אויגען, פלעגען די וועקסלען זיך באַווייזען פון יעדען ווינקעל און אַרומשפּרינגען איבער דעם גאַנ־צען צימער ווי היישעריקען.

ער האָט זיך גענומען ארבייטען מיט גיגאַנטישער ענערגיע און ער האָט געאַרבייט, קען מען זאָגען, אָהן אַן אויפהער דורך אַלע זיינע יונגע און מיטעלע יאָהרען, ביז ער איז ביים עלטער פון פופ־ציג יאָהר, געפאַלען פון איבעראַנשטרענגונג אַזוי פלוצלינג, ווי עס פאַלט אַ שפּאַנישער אָקס, ווען ער באַקומט דעם טויט־שטאָך אויף דער אַרענאַ. זיין שאַפען איז פאַר איהם ניט געווען קיין תענוג, נאָר אַ שווערע אַרבייט דערפאַר, וואָס הגם זיין גרויסע און ענערגישע איינבילדונגסקראַפט האָט איהם תמיד געטריבען צו שרייבען, האָט ער דאָך ניט געהאַט דערביי די שטיצע פון אַן איינגעבאָרענער אָדער פריה־אויסגעאַרבייטער סטיליסטישער קענט־שאַפט. אין דער קונסט פון באַהערשען די פאָרמען האָט זיך באַל־זאַק ניט געקאָנט פאַרגלייכען מיט פיעלע פון די שרייבער פון זיין צייט. עס איז איהם קיינמאָל ניט געלונגען אַנצושרייבען אַ וואויל־קלינגענדע פּאָעמע (די געדיכטען, וואָס באַגעגענען זיך אין זיינע ראָמאַנען, זיינען געשריבען געוואָרן פון אַנדערע — פון מאַדאַם זשיראַרדען, טעאָפיל גאָטיעי, שאַרל דע באַרנאַר, לעסלי), און ער אַליין, ניט קיין אַנדערער. איז געווען דער מחבר פון דעם אומגע־לומפערטען פערז, פון וועלכען מען האָט אַזוי פיעל שפּאַס געמאַכט, מיט וועלכען לואי לאַמבער פאַנגט אָן זיין העלדען־געדיכט וועגען די אינגאַס.

ער האָט אַנגעשריבען פיעלע ראָמאַנען אונטער אַ פרעמדען נאָמען און האָט זיך פון זיי אָפּגעזאָגט איידער ער האָט אויסגע־אַרבייט זיין סטיל; ער האָט פאַרצווייפעלט געקעמפט צו באַהער־שען די פראַנצויזישע פּראָזע; איינער פון זיינע גרעסטע פאַר־דראָסען אין לעבען איז געווען איבער דעם, וואָס די יונגע ראָ־מאַנטיקער, די נאָכפאָלגער פון וויקטאָר הוגאָ, האָבען אַ לאַנגע צייט ניט געוואָלט איהם אַנערקענען אַלס אַ ווירקליכען קינסטלער. דער פיינפיהלענדער, התפעלות׳דיגער גאָטיעי איז געווען דער איינ־ציגער צווישען זיי, וועלכער איז איהם. געקומען אַנטקעגען מיט אַ גרייטקייט צו אַנערקענען איהם. אָבער באַלזאַק׳ס השתוממות איז געווען אָהן אַ גרענעץ, ווען ער האָט געזעהן, ווי דער יונגער גאָטיעי האָט אָהן קיינע הכנות און אָהן גרויסע מאַטערניש, פאַר־שפּאַרענדיג צו מאַכען וועלכע עס איז אויסבעסערונגען, אַנגע־

וואַרפען מיט'ן פעדער, שטעהענדיג ביים שטענדערט פון אַ זעצער אין דרוקעריי, אַן אַרטיקעל, אין וועלכען מען האָט ניט געקענט געפינען קיינע חסרונות סיי אין סטיל און סיי אין אינהאַלט. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט איידער ער האָט זיך געלאָזט איבערצייגען, אַז גאַטיעי האָט ניט געהאַט זיין פעליעטאָן גרייט פון פריהער אין קאָפּ; איידער ער האָט משיג געווען, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַ געבאָרענער טאַלאַנט צו באַהערשען אַ שפּראַך, אַ טאַלאַנט, וואָס איהם אַליין האָט געפעהלט. ווי שווער ער האָט געאַרבייט דעם דאָזיגען טאַלאַנט אין זיך אויסצואַרבייטען! ווי גרויס איז געווען זיין באַוואונדערונג פאַר גאַטיעי, ווען עס איז איהם קלאָר געוואָרען דער מהות פון זיין מאַלערישער און פּלאַסטישער קראַפט! אַן אינטערעסאַנטען באַווייז דערפאַר געפינט מען אַזוי שפּעט, ווי אין דעם יאָהר 1839, ווען באַשרייבענדיג דעם וויכטיגסטען פּרויען־כאַראַקטער אין זיין ראָמאַן „בעיטריקס" ברויכט באַלזאַק כמעט וואָרט פאַר וואָרט די אַרטיקלען, וואָס גאַטיעי האָט געשריבען מיט צוויי יאָהר צוריק ווען ער האָט באַשריבען די צוויי אַקטריסעס זשעני קאָלאָן און מאַדעמואַזעל זשאָרוש. פאַרגלייכענדיג די שטעלען בייביידען פיהלען מיר, אַז באַלזאַק האָט געהאַט אַ שטאַרקען חשק איבערצונעהמען פון גאַטיעי די קרעפטיגע בילדליכקייט, מיט וועלכער זיין סטיל האָט זיך אויסגעצייכענט; און מיר פאַרשטעהען זיין חשק װען מיר זעהען ווי וואַכעדיג און שוואַך זיינען די הוספות, וואָס ער האָט צוגעגעבען מיט זיין אייגענעם לשון פון די ווערטער, וואָס ער האָט אַליין פאַרמאָגט.

באַלזאַק האָט געמוזט דורכפאַלען ווען ער האָט זיך געפּרופט צו פאַרמעסטען מיט גאַטיעי אין יענעמס ספּעציעלען געביט דערפאַר, וואָס ער האָט גאַנץ אַנדערש געזעהן און משיג געווען זאַכען. גאַטיעי אַלס סטיליסט איז אַ קינסטלער פון דעם ערשטען ראַנג, אָבער גאַטיעי אַלס דיכטער איז, טראָץ זיין גרויסער פּאָעטישער קראַפט, קאַלט און צייטענווייז טרוקען. זיין טאַלאַנט קען באַצייכענט ווערען אַלס דער טאַלאַנט פון אַ פּלאַסטישען קינסטלער, וועלכער האָט פאַר זיך ערוואָרבען אַ פּלאַץ אין דער פּאָעזיע. באַלזאַק, פאַרקעהרט, איז אַ שוואַכערער סטיליסט, אָבער אַלס דיכטער שטעהט ער אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון דער קונסט. ער

קען פאַר אונז ניט פאַרשטעלען זיינע כאַראַקטערען דורך עטליכע טרעפענדע ווערטער דערפאַר, וואָס ער אַליין זעהט זיי ניט פאַר זיך אין איין איינעצלנעם פּלאַסטישען צושטאַנד. ווען, — ארויסגערופען פון זיין פאַנטאַזיע,— זיי שטעלען זיך פאַר פאַר זיינע גייסטיגע אויגען, זעהט ער ניט זייער פאַרשיידענעם אויסזעהן צוביסלעכווייז, נאָר מיט אַמאָל, אין די פאַרשיידענע עפּאָכען פון זייער לעבען און אין זייערע פאַרשיידענע מלבושים; ער קוקט אַרונטער איבער זייער גאַנצער עקזיסטענץ; ער באַטראַכט די גאַנצע רייכקייט פון זייערע אייגענטליכע באַוועגונגען און העויות; ער הערט דעם קלאַנג פון זייערע שטימען אין זיינע אויסדריקען און יעדער איינציגער פון זיי איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז ער ברענגט אונז פאַר די אויגען דעם גאַנצען געשטאַלט ווי אַ לעבעדיגען. ניט, ווי ביי אַ פּראָפעסיאָנעלען שרייבער, אַן איינצעל בילד, וואָס ווערט געשאַפען פון אַן איינצעלנע, פיליכט שעהנע, אָבער טרוקענע געדאַנקענפאַרבינדונג, ברענגט פאַר אונז אַרויס דעם כאַראַקטער; נייִן; ביי באַלזאַק׳ן ווערט דער כאַראַקטער צוזאַמענגעשטעלט פון הונדערט טויזענד אידעענפאַרבינדונגען, וואָס גיסען זיך אונבאַוואוסטזיניג צוזאַמען אין איין גאַנצעס, קאָמפּליצירט און רייך ווי די נאַטור אַליין, ווי דער ווירקליכער מענשליכער נפש, וואָס באַשטעהט פון אַן אייגענטימליכען געמיש פון אָהן אַ שיעור פיזישע און גייסטיגע עלעמענטען. מען וואָלט געקענט אָנפילען אַ גאַנצען בוך מיט ביישפּילען פון באַלזאַק׳ס ניט־פאַרגלייכליכע קראַפט פאַרצושטעלען פאַר אונז מענשען ווי לעבעדיגע דורך זייער אַרט ריידען, דורך זייערע באַוועגונגען אָדער אַפילו בלויז דורך זייערע אייגענאַרטיגע בגדים.*) באַלזאַק׳ס שוועריגקייט איז באַ־

---

*) כדי צו מאַכען קלאָר וואָס איך מיין, וועל איך ברענגען איין ביישפּיעל. די קורטיזאַנקע זשאָזעפאַ פרעגט ביי דעם אַלטען, אָפּגעלעבטען באַראָן הולאָ, איינער פון נאַפּאָלעאָן׳ס גענעראַלען, צו עס איז אמת, אַז ער האָט פאַראורזאַכט דעם טויט פון זיין ברודער און פון זיין אָנקעל, האָט אומגליקליך געמאַכט און געבראַכט שאַנדע פאַר זיין פאַמיליע און האָט באַשווינדעלט די רעגירונג כדי צופריעדענצושטעלען דעם קאַפּריז פון זיינע אַ געליעבטע.

שטאנען גראדע אין דעם, וואס ער האט ניט געקאנט אויסנוצען דעם גאנצען רייכען מאטעריאל אין געדאנקען און אין בילדער, מיט וועלכען זיין געניאלער זכרון האט איהם באזארגט. אמאל פלעגט ער אריינפרעסען צופיעל געדאנקען, וואס נאר ער אליין האט געוואוסט ווי זיי בינדען זיך צוזאמען, אין בלויז עטליכע ווערטער (ווי, למשל, ווען ער זאגט וועגען אן אונשולדיגע, אונ־שעדליכע פרוי, אז „איהרע אויערען זיינען געווען די אויערען פון א שקלאפין און א מוטער״) ; אנאנדער מאל פלעגט ער אנשרייבען כסדר אלע באאבאכטונגען און איינפעלע, וואס זיין רייכער געדאנק האט ארויסגעבראכט יעדען מאל ווען ער פלעגט שאפען א פאַ־עטישע פערזענליכקייט ; ער פלעגט זיך דערביי פארלירען אין א ים פון מליצה׳דיגע און פלפול׳דיגע ווערטער, וועלכע האבען אויף דעם לעזער ניט געמאכט קיין באשטימטען, קלארען איינ־דרוק ; דאס פלעגט ארויסקומען דערפאר, וואס די עלעקטרישע פארבינדונג צווישען דעם דיכטערישען קוק און דער פאעטישער בארײדזאמקייט אין דעם שרייבער׳ס מח איז געווען ניט כשורה

„דער באראן האט ארונטערגעלאזען זיין קאפ. — גוט, דאס געפעלט מיר! — האט זשאזעפא אויסגעשריען מיט ענטוזיאזם און האט זיך אויפגעשטעלט. — אט דאס הייסט אן אלגעמיינער חורבן! דאס איז א סארדאנאפאל! דאס איז גראנדיעז! דאס איז פאלשטענדיג! דו ביזט א קאנאליע, אבער דו האסט א הארץ. ווייסטו, איך האב א סך בעסער ליעב א מענשען ווי דו, וועלכער איז מקריב אלץ צוליעב א פרוי, ווי די קאלטע, הארצלאזע געלד־זעק, וואס רואינירען טויזענד פאמיליעס דורך זייערע אייזענבאהן־אקציעס... זיי זיינען ניט ענליך צו דיר, דעם אלטען, — דו ביזט א מענש מיט לײדענשאפטען ; דיך וואלט מען געקאנט צווינגען צו פארקויפען דיין פאטערלאנד! דערפאר, זעהסטו, בין איך גרייט אלץ צו טאן פאר דיר. דו ביזט מיין פאטער! דו האסט מיר געוויזען א וועג! דאס איז ניט קיין קלייניגקייט! וואס דארפסטו? הונדערט טויזענד פראנק? איך וועל צושמעטערען מיין נערווען־סיס־טעם, אבער איך וועל זיי באקומען פאר דיר...״

ווי לעבעדיג דא ווערט געמאלדען די פערזאן, וואס רעדט, און אויך דער מענש צו וועמען זי רעדט.

און צייטענווייז איז זי אינגאַנצען געווען אונטערבראָכען. דורך צעהנפאַכע אַרבייט האָט ער געמוזט דעם דאָזיגען חסרון, וואָס ער אַליין האָט שטאַרק געפיהלט, מתקן זיין.

ווען מיר האָבען אין זינען, אַז אין יענע יאָהרען פון מיטאַרבייטערשאַפט האָט באַלזאַק קיינמאָל ניט געהאַט קיינע מיטאַרבייטער, אפילו ניט קיין איבערשרייבער, קענען מיר באַגרייפען וואָס פאַר אַ גוואַלדיגען געדולד, וואָס פאַר אַן אונגעהויערע אָנשטרענגונג עס האָט זיך געפאָדערט צו שאַפען, אין דעם משך פון צוואַנציג יאָהר, די מעהר פון הונדערט ראָמאַנען, ערצעהלונגען און פיעסען, וואָס זיינען אַרויס פון זיין פעדער.

בשעת הוגאָ שרייבט, אַזוי ווי די קינסטלער פון דער רענעסאַנס עפּאָכע האָבען געמאָלען, אין דער סביבה פון יונגע באַוואונדערער און תלמידים, זיצט באַלזאַק ביחידות אין זיין שרייבצימער. ער פאַרגינט זיך ווייניג שלאָף. ער געהט צו בעט צווישען זיבען און אַכט אוהר, שטעהט ווידער אויף אַרום האַלבע נאַכט און אין זיין ווייסען קיטעל, וואָס זעהט אויס ווי דער קיטעל פון אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך, פאַרגאַרטעלט מיט אַ גאָלדערנער קייט, אַרבייט ער ביז טאָג, ווען, דערפילענדיג אַז זיין קערפּער מוז האָבען באַוועגונג, ער איילט זיך צום דרוקער אָפּצוטראָגען דעם כתב־יד און מאַכען דאָרט די קאָרעקטור. ער איז ניט קיין געוועהנליכער בעל־מגיה. ער מוז האָבען אַכט אָדער צעהן קאָרעקטורען פון יעדער בלעטעל איידער ער ווערט פאַרטיג; ערשטענס, דערפאַר, וואָס ער איז ניט זיכער אַז ער האָט שוין געפונען דעם ריכטיגען, דעם בעסטען אויסדרוק; צווייטענס דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נוהג געווען פריהער אָנצוואַרפען דעם גאַנצען פּלאַן פון זיין ראָמאַן און נאָכהער ערשט צוביסלעכווייז אויספילען די פּרטים. האַלב, אַמאָל מעהר פון האַלב, פון זיין שכר אַלס שרייבער פלעגט אַריינפאַלען אין די הענט פון דעם דרוקער; אָבער אפילו די גרעסטע נויט זיינע קאָן איהם ניט צווינגען צו ערלויבען, אַז זיין אַרבייט זאָל ערשיינען איידער ער דענקט, אַז זי איז אַזוי פאָלשטענדיג, ווי נאָר מעגליך. ער ברענגט די זעצער אַרויס פון די כלים, אָבער זיין לייענען די קאָרעקטורען איז פאַר איהם אַליין אויך אַ שמערצ־

ליכע אַרבייט. דער ערשטער אָפּציה ווערט געמאַכט מיט אַ סך ליידיגע פּלאַץ צווישען די פּאַראַגראַפען און מיט זעהר גרויסע ראַנדען;ביידע ווערען צוביסלעכווייז אויסגעפיהלט ביז אַריבער. ווען ער ווערט פאַרטיג מיט דעם בלאַט קוקט עס אוים מיט די שטריכעלאַך, פּאַסקעלאַך, פינטעלאַך און שטערענ־לאַך, ווי אַ בילד פון אַ פייערווערק. דאַן איילט זיך דער שווערער מאַן אין צוטראַגענע מלבושים, מיט דעם צוקנייטשטען געוואַנטענעם הוט און מיט די פינקלענדיגע אויגען פון דרוקעריי צוריק אַהיים איבער די געדיכטע גאַסען; אַנדערע, וואָס קענען איהם אָדער דענקען, לויט זיין אויסקוק, אַז ער איז אַ געניאַלער מענש, טרעטען איהם אָפּ דעם וועג. נאָכהער קומען ווידער שטונדען פון אַרבייט. פאַר מיטאָג עסען פאַרברייגגט ער אויף אַ באַזוך צו אַ באַקאַנטע אינטעליגענטע דאַמע אָדער דרעהט זיך אַרום צווישען די קרעמ־לאַך פון די הענדלער מיט אַנטיקען, זוכענדיג אַן אַלטען שטיק מעבעל אָדער אַן אַלטע מאַלעריי. מיט דעם פאַרענדיגט דער אונ־ערמידליכער אַרבייטער זיין טאָג פון ענערגישער טעטיגקייט און נאָר אין אָווענד געהט ער זיך ווידער אָפּרוהען.

„ער פלעגט אַמאָל קומען צו מיר אין דער פריה, — דערצעהלט גאַטיעי, — אַ פאַרסאָפּעטער, אַן אויסגעמאַטערטער, ווי־שיכור פון דער פרישער לופט, אַקוראַט ווי אַ וואולקאַן, וואָס האָט זיך אַרוים־געריסען פון זיין מקור, און פלעגט זיך אַ וואַרף טאָן אויף דער סאָפע. זיין לאַנגע נאַכט־אַרבייט האָט איהם זעהר אויסגעהונגערט און ער פלעגט זיך נעמען צוזאַמענרייבען סאַרדינען מיט פוטער אין אַ מין שמיראַכץ, וואָס האָט אים דערמאַנט אָן אַ מאכל, וואָס ער איז געוואוינט געווען צו עסען אין דער היים; ער פלעגט מיט דעם באַשמירען דעם ברויט און עסען. דאָס איז געווען זיין באַ־ליבטער מאכל. באַלד נאָך דעם עסען, פלעגט ער אַנשלאָפען ווערען, בעטענדיג מיך, איידער ער האָט צוגעמאַכט די אויגען, איך זאָל אים אין אַ שטונדע אַרום אויפוועקען. זיין בקשה האָט מיך ניט געקי־מערט און איך האָב אַכטונג געגעבען, אַז קיין טומעל זאָל ניט שטערען זיין גוט־פאַרדינטען דרעמעל. ווען ער האָט זיך אַמענדע אויפגעכאַפּט און האָט דערזעהן, אַז די זון האַלט שוין ביים אונ־

טערגעהן און די גרויסע שאָטענס פון דעם בית־השמשות פאַרשפּרייטען זיך שוין איבער דעם הימעל, פלעגט ער אויפשפּרונגען און אַנפאַלען אויף מיר מיט זידלערייען, פלעגט מיך רופען פאַררעטער, גזלן, מערדער. דורך מיר האָט ער פאַרלאָרען צעהן טויזענד פראַנק, וואָרים אַזוי פיל וואָלט ער געווען פאַרדיענען פון דעם ראָמאַן, וואָס ער וואָלט געווען צוגעטראַכט, ווען ער זאָל ניט געווען שלאָפען, אפילו ניט אַריינרעכענענדיג די צווייטע און די דריטע אויסגאַבען; איך האָב גורם געווען פאַר איהם די שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפען און די ערגסטע פאַרדרעהענישען; דורך מיר האָט ער ניט געטראָפען זיך אין צייט מיט פינאַנסירען, מיט אַרויסגעבער, מיט הערצאָגינען; ער וועט צוליעב דעם ניט קענען אײַנצאָהלען זיינע וועקסלען; דער שלימ־מזל־דיגער שלאָף וועט איהם אָבקאָסטען מיליאָנען.. מיין נחמה איז געווען אין דעם פרישען טורעין־פאַרב, וואָס איז ווידערגעקומען אין זיינע באַקען".

ווען מיר פאָלגען נאָך די אַרבייט פון באַלזאַק, באַנוצענדיג זיך מיט דעם ביבליאָגראַפישען ווערק פון שאַרל לאָווענזשול אַלס וועגווייזער, וואָך נאָך וואָך; ווען מיר זעהען פון זיינע אייגענע בריף ווי ער האָט קיינמאָל ניט ערלויבענדיג זיך פאַרכאַפּט צו ווערען פון דעם פאַריזער פרעהליכען לעבען, אין וועלכען ער האָט גראָדע אַפּט גענומען אַן אַנטייל, אָדער אָבגעשראָקען צו ווערען פון די אַנפאַלען פון זיינע קריטיקער, וועלכע פלעגען איהם אָפט אַטאַקירען אויס קנאה, אָהן אַן אויפהער, שטיין נאָך שטיין אויפגעשטעלט די פּיראַמידע פון זיינע לעבענסווערק, אַנטשלאָסען צו מאַכען זי אַזוי ברייט און אַזוי הויך ווי מעגליך, מוז מען דאַן ווערען איבערפילט מיט אַ געפיל פון אַכטונג פאַר דעם מאַן און זיין מוט. דער גוטמוטיגער, ברייטביינערדיגער, טומעלדיגער באַלזאַק איז ניט געווען קיין טיטאַן; צווישען אַ דור פון הימעלשטורעמדיגע טיטאַנען און טיטאַנעון פרויען צייגט ער זיך גראָדע אַרויס אַלס אַ שוין גאָר ערדישע בריאה. ער באַלאַנגט אָבער צום שבט פון די ציקלאָפּען; ער איז געווען אַ גוואַלטיגער בוימייסטער, וועלכער האָט געאַרבייט מיט אַ ריעזענקראַפט; און דער גראָבער, האַמערענדער, מויערענדער ציקלאָפּ האָט דערהויבען זיין געביידע אַזוי

הויך, ווי די צוויי גרויסע לירישע גאונים פון יענער צייט, וויקטאר הוגא און זשארזש זאנד, האבען זיך אויפגעהויבען אויף זייערע פליגלען.

רייך באגאבט, האט ער קיינמאל ניט געצווייפלעט אין זיינע פעהיגקייטען. זיין צוטרוי צו זיך אליין איז געווען אזוי גרויס, ווי זיין טאלאנט; דאס האט זיך אמאל ארויסגעוויזען אין א נאאיוועד באריהמעריי, אבער קיינמאל ניט אין קליינליכער גאוה. דער דאזיגער צוטרוי צו זיך אליין האט איהם געהאלפען בראוו דורכצומאכען אלע נסיונות און אנשטרענגונגען פון די ערשטע יארען; און אין די מאמענטען פון פארצווייפלונגען, וואס האבען פאסירט אין זיין לעבען, ווי זיי פאסירען אין דעם לעבען פון אלע קינסטלער, האט ער געפונען נחמה און שטארקייט, ווי מיר פארשטעהען עס פון זיינע בריעף, אין א געטרייער, געהיימער ליעבע. א פרוי, וועמעס נאמען ער האט קיינמאל ניט דערמאנט פאר זיינע פריינד, וועגען וועמען ער רעדט נאר מיט יראת־הכבוד אלס „א מלאך", „א מאראלע זון", און וועלכע איז פאר איהם געווען „מעהר ווי א מוטער, מעהר ווי א פריינד, מעהר ווי איין מענשליכע באשעפעניש קאן זיין פאר א צווייטער", האט אים געשטיצט מיט ראט און טאט, האט איהם מיט איהר זעלבסטאויפאפפערנדע איבערגעבענהייט געהאלפען אין די פיעלע צרות פון זיין שטורעמדיגער יוגענד. מיר ווייסען, אז ער איז געווען מיט איהר באקאנט אין דעם יאהר 1822 און פאר א משך פון צוועלף יאהר (זי איז געשטארבען אין דעם יאהר 1837) פלעגט זי פון צייט צו צייט „זיך אבּרייסען פון איהרע פליכטען, פון איהר פאמיליע, פון געזעלשאפט, פון אלע שטערענדע פארבינדונגען פון דעם פאריזער לעבען" און פלעגט פארברייגען מיט איהם א פּאאר שטונדען *). באלזאק,

*) איהר נאמען איז געווען מאדאם דע־בערני. די בריעף צו לואיזע, 1 און 12, דער בריף צו זיין מוטער פון דעם ערשטען יאנואר 1836 און צו מאדאם האנסקא פון אקטאבער 1836, צייגען, ווען מען באטראכט זיי אלע צוזאמען, אז אזוי איז געווען איר נאמען.

וועלכער פלעגט שטענדיג מגזם זיין אין זיינע לויבערייען, האָט נאַטירליך געבראַכט די שטאַרקסטע אויסדריקע אין דעם פאַל פון זיין אייגענער ליעבע; אָבער וואָס איז כדאי צו באַמערקען איז די דעליקאַטקייט פון די געפיהלען, וואָס ער ציינט אַרויס, דער דאַזינער מאַן, וועמען מען האָט פאַרשריען פאַר זיין ציניזם און תאוה, — די באַוואונדערונג און די דאַנקבאַרקייט, אין וועלכע זיין ליעבע דריקט זיך אויס.